STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 06025

B. VLADEK

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

ב. וולאַדעק

ב. וולאַדעק

אין דער אָפּשאַצונג
פון זיינע פריינד

●

רעדאַקטירט פון
יעפים ישורין

●

רעדאקציאָנס קאָלעגיום:
א. העלד — י. וויינבערג
מ. דאַניש — ד. מייער

ארויסגעגעבען פון „פאָרווערטס" אַסאָסיאיישאָן
1936

אינהאַלט

באגריסונג פון „פאָרווערטס” אסאָסיאיישאן 3
מאַני לייב—ב. וולאַדעק (ליד) 5
אַש שלום—פאַר מיין ברוך וולאַדעק 6
רייזען אברהם—וולאַדעק—דער פיהרער און דער מענש 10
ליעסין א.—ב. וולאַדעק אמאָל און איצט 14
שניאור ז.—וולאַדעק דער „שליח ציבור” 32
זשיטלאָווסקי ח., דר.—צו ב. וולאַדעק־טשאַרני'ס יובילעי 37
קאַוטסקי קאַרל און לואיזע—באגריסונג 42
לייוויק ה.—נאַכט געטריי; פול זאָל זיין די פרייד (לידער)........ 46
נח—נח באגריסט ברוכ'ן 48
דובנאָוו ש.—באגריסונג 51
אבראַמאָוויטש ר.—וולאַדעק דער פאָלקס־רעדנער 52
פינסקי דוד—וולאַדעק דער אויסגעהאַלטענער בונדיסט 57
גינצבורג שאול—וולאַדעק — מיין לאַנדסמאַן 59
אַלטער וו.—וולאַדעק דער געטרייער בונדיסט 61
וויינרייך מאַקס, דר.—וולאַדעק — דער פריינדליכער מענש 63
לאַפּין ב.—זוניגע טריט; ווייסער שליאַך (לידער) 65
דאַן פיאָדאָר—באגריסונג צו ב. וולאַדעק 67
ביאַלאָסטאָצקי ב. י.—וואָרט (ליד) 68
לעשצינסקי יעקב—וולאַדעק דער האַרמאָני־מענש 69
באגריסונג פון אידישען וויסענשאַפטליכען אינסטיטוט אין ווילנע 73
ניגער ש.—ש. ניגער מוסרט זיין ברודער ב. וולאַדעק 74
קורסקי פ.—דער אַלטער וולאַדעק 75
רייזען ז.—ב. וולאַדעק'ס ליטערארישער אָנהויב 83
באגריסונג פון צענטראַלען בילדונגס קאָמיטעט אין ווילנע 94
זינגער י. י.—טויבען (אַן ערינערונג) 95
קאַזשדאַן ח. ש.—וולאַדעק'ס אַנדערשקייט 101

פּאַט יעקב—ווי איך האָב געזעהן װאָלאַדקען 106
ראָזענטאַל אננאַ—וואָלאַדקע האָט אויפגעשטורעמט גאַנץ ווילנע
אין 1905 און איז נאָך ביז איצט ניט פאַרגעסען געוואָרען 109
ראָזענפעלד יונה—מיין באַגעגעניש מיט וואָלאַדקען אין אַ צוג
פון ווארשע נאָך לאָדז 114
איינהאָרן דוד—וואָלאַדקען 117
טשאַרני דניאל—מיין ערשטע באַגעגעניש מיט וואָלאַדקען 119
באַגריסונג פון דער הויפּט־פאַרוואַלטונג פון דער אידישער
שול־אָרגאַניזאַציע אין ווארשע 124
מילל דזשאַהן—צוויי וואָלאַדקעס 125
ראָגאָף הלל—ב. וואָלאַדקע אין דער אידישער עפענטליכקייט 129
גינצבורג א., דר.—וואָלאַדקע, דער רעדנער־פּאָעט 131
צביון—ווען וואָלאַדקע איז נאָך ניט געווען וואָלאַדקע 133
אייזענשטאַדט־יודין י.—באַגריסונג 136
פאָגעלמאַן ל.—ב. וואָלאַדקע דער כלל־טוער 137
יאַנאָווסקי ש.—וואָלאַדקע, דער קאָפּ און האַרץ סאָציאַליסט 142
באַסקין י.—וואָלאַדקע'ס רעוואָלוציאָנערע טעטיגקייט אין ווילנע 145
לונסקי חיקל—דער אייזערנער שראַנק 149
רייזען שרה—וואָלאַדקע—דער געדולדיגער מענש 152
שלאָסבערג יוסף—באַגריסונג פון וואָלאַדקע'ס ערשטען
רעדאַקטאָר אין אַמעריקע 156
באַגריסונג פון פאַריזער „האיאַס" קאָמיטעט 158
בראַמסאָן לעאָן—וואָלאַדקע און די „אָרט"־באַוועגונג 159
באָטווינִיק ב.—וואָלאַדקע דער ישיבה־בחור און דער
רעוואָלוציאָנער אין מינסק 162
גילישענסקי פּערץ—אונזער ברכה—אונזער וואָלאַדקען 167
באַגריסונג פון בונדישען קלאָב אין ניו יאָרק 169
האָרן י.—דער „יונגער לאַסאַל" דעבאַטירט מיט אַ מגיד
אין מעזריטשער בית־מדרש 171
נעמען פון אָרגאַניזאַציעס וועלכע האָבען אַראַנזשירט
וואָלאַדקע'ס יובילעאום 174

באַגריסונג פון „פאָרווערטס" אסאָסיאיישאָן

דער נאָמען ב. וולאַדעק איז אידענטיפיצירט מיט דעם „פאָר־ווערטס" פאר איבער צוואַנציג יאָהר. ער האָט פאַרנומען וויכטיגע פּאָסטענס אין דער רעדאַקציע און אין דעם ביזנעס דעפּאַרטמענט. אין זיין ברייטע טעטיגקייט אלס סאָציאַליסט, אלס ארבייטער פיהרער און אלס געזעלשאַפטליכער טוער האָט ער אימער געוועדט אין נאָ־מען פון „פאָרווערטס" און פון „פאָרווערטס אסאָסיאיישאָן.

ביי דער געלעגענהייט פון דער איצטיגער יובילעאום פייערונג פיהלען מיר א טיפע באַפרידיגונג צו קענען ערקלערען פאר דער אידישער און ארבייטער וועלט, אז מיר האָבען אימער געהאט דעם פולסטען צוטרויען צו גענאָסע וולאַדעק און אז מיר האָבען אימער געוואוסט אז זיין פארטרעטערשאַפט וועט אונז פארשאַפען כבוד און ברייגען דעם געהעריגען אָפּקלאַנג אין די הערצער פון יענע קלאַסען און פון יענע מענשען וועמען דער „פאָרווערטס" האָט זיך געשטעלט די אויפגאַבע צו דינען און צו פארטיידיגען.

גענאָסע וולאַדעק איז געבענטשט געוואָרען פון דער נאַטור מיט וואונדערבארע פעהיגקייטען און אויך מיט א מאַגנעטישע פער־זענליכקייט. ער האָט זיינע פעהיגקייטען און טאַלאַנטען געשטעלט צו אונזער דינסט, צו דער דינסט פון אידישע ארבייטער מיסען און צו דער דינסט פון אלגעמיינע אידישע אינטערעסען.

ביי דעם יובילעאום יום טוב פון גענאָסע וולאַדעק פיהלט זיך דער „פאָרווערטס" אסאָסיאיישאן אלס דער הויפּט מחותן. אין דעם יום טוב וועלען זיך באַטייליגען אלע צווייגען פון דער ארבייטער באַוועגונג פון פילע פון די אידישע געזעלשאַפטליכע אינסטיטוציעס. אָבער דער הויפּט בעל שמחה וועט זיין דער „פאָרווערטס". גענאָסע וולאַדעק איז אונזערער.

און מיר ווינשען גענאָסע וולאַדעק נאָך לאַנגע יאָהר פון לעבען און געזונד און פון פרוכטבארע טעטיגקייט אין „פאָרווערטס" און אויף דעם גרויסען ברייטען פעלד פון דער ארבייטער באַוועגונג און פון דעם אידישען געזעלשאַפטליכען לעבען.

זאָל די צוקונפט אייערע, גענאָסע וולאַדעק, זיין אזוי שעהן און אזוי פרוכטבאַר ווי אייער פארגאַנגענהייט.

„פאָרווערטס" אסאָסיאיישאָן

אַדאָלף העלד, פרעזידענט

מאַני לייב

ב. וולאַדעק

(סאָנעט)

אין זיינע ערשטע העלע טעג האָט ער פאַרביטען
דאָס וואָרט פון לידער אויף דעם שאַרפען וואָרט פון טאַט;
און מיט דעם וואָרט ווי מיט אַ שווערד האָט ער געשניטען
דעם שונא פון דעם פאָלק, דעם האַר און סופּאַסטאַט.

און דאָרטען וואו דאָס פאָלק האָט אין געדולד געליטען
אין שטומער נויט, אין ווערקשטאַטען, אין קאַזעמאַט,
איז ער אין פאָלק א מינטערער געווען אינמיטען
מיט קלוגען שטילען וואָרט פון טרייסט און ראַט.

נאָר ווען ער בלייבט אליין מיט אייגען בלוט און גלידער,
פאַרנעמט ער אין זיין בלוט זיין אייגענעם געוויין:
דאָס וויינט זיין ניט געזונגען וואָרט פון זיינע לידער.
און דעמאָלט וויל ער שטאַרבען. און זיין שטויב־געביין
דערמאָנען זאָל דעם פאָלק, אז ווי דעם וואָרט פון טאַט,
האָט ער דאָס אייביג וואָרט פון לידער ליב געהאט.

שלום אַש (פּאַריז)

פאַר מיין ברוד וולאַדעק

ווען איך האָב באַקומען דעם בריף פון פריינד ישורין, אין וועלכען ער לאַדעט מיך איין אנטייל צו נעמען אין א שריפט לכבוד וולאַדעק'ס פופציג-יעהריגען יובל, האָב איך זיך זעהר פאַרוואונדערט. פון די ניין הונדערט ניין און ניינציג יובילעאומס און באַנקעטען, אין וועלכע איך האָב זיך אליין באַטייליגט אונטער וולאַדעק'ס פּאַרזיץ, דערמאָן איך זיך ניט קיין איין־איינציגען באַנקעט, וועלכער איז גע־ווען פאַר וולאַדעק'ן אליין. עס האָט זיך מיר שוין געהאַט אויס־געוויזען, אז וולאַדעק איז אַזא מין אינסטיטוציע, ניט קיין פּערזענ־ליכקייט. די לעבעדיגסטע, אינדיווידועלסטע, אקטיווסטע, שטימונגס־פולע פּערזענליכקייט אונטער אונז איז פאַרוואַנדעלט געוואָרען אין אַן אינסטיטוציע. און ביי אונז מאַכט מען נאָר ימים טובים פּער־זענליכקייטען, אבער ניט קיין אינסטיטוציעס...

איך ווייס ניט ביי וועמען אנדערש (ווי איך האָב עס געהערט און געזעהן, איז ער ביי פילע שריפטשטעלער דאָסזעלבע), פאַר מיר איז וולאַדעק דער „אדרעס" פון כל צרה שלא תבא. וולאַדעק איז אָבער אַן אדרעס ניט בלויז פאַר שרייבער און קינסטלער, וואָס זיין טיפע ליבע און פאַרעהרונג צו אידישע שריפטשטעלער האָט איהם געמאַכט פאַר'ן אמת'ן „מוקיר תלמידי חכמים", נאָר וולאַדעק איז געוואָרען דורך זיין פּערזענליכקייט און דורך דער נויט פון מענשען ביי אונז א וויכטיגער פאַקטאָר אין אידישען לעבען אויף אלע זיינע געביטען און טעטיגקייטען.

ביי א פאָלק, ווי אונזערס, וועלכעס פאַרמאָגט ניט קיין רעגי־רענדע אינסטיטוציעס, וואָס זאָלען האָבען מאַכט ארויפצוצווינגען זייערע באַשלוסען אויף דער באַפעלקערונג; ביי א פאָלק, ווי אונזערס, וועלכעס צייכענט זיך אויס מיט קריטישען זין, און איז געבונדען מיט א טראַדיציע פון רעוואָלט פון זיינע פריהערדיגע צייטען, וואָס האָט איהם געגעבען דעם נאָמען פון אַן „עם קשי עורף", — ביי

אונזער פאָלק איז ניט קיין ליכטע זאַך צו זיין א פירער. ניט אינ־סטיטוציעס רעגירען אונזער לעבען, נאָר פערזענליכקייטען, וועלכע האָבען זייער השפעה אויף די מאסען. אין אידישען לעבען האָט מעהר רעגירט די פערזענליכקייט פון רב, ווי דאָס געזעץ. ביי אונז ווערען מענשען ניט געשאַפען פון פּארטייען, אָרגאַניזאציעס, אָדער ארויסגעבראכט דורך רעגירונגס סיסטעמען, ווי עס איז ביי אנדערע פעלקער. ביי אונז ווערען אונזערע פירער ארויסגעבראכט דורך זייערע אייגענע שטארקע פערזענליכקייטען. אָפטמאָל שאַפען זיי זיך א השפעה אויף די מאסען און געווינען זייער איינפלוס איבער די קעפּ פון זייערע פּארטייען. אין אונזער געזעלשאפטליכען לעבען האָבען ניט די פּארטייען נאָר די יחידים געהאט דעם גרעסטען איינפלוס. ניט קיין פּארטיי האָט אָרגאַניזירט די אידישע עמיגראציע קיין אמעריקע — נאָר אין די בייכער פון די שיפען, וואָס האָבען געפיהרט די אידישע עמיגראַנטען קיין אמעריקע, האָבען זיך אויך געפונען זייערע פירער, וועלכע האָבען אָרגאַניזירט די אידישע ארבייטער אין אמע־ריקע — און באַשאַפען דעם וויכטיגסטען פאקטאָר אין אונזער היינטיגען לעבען, דאָס אמעריקאנער אידענטום.

דריי אייגענשאפטען באזיצט פריינד וואלדעק, וואָס הויבען איהם ארויס צווישען אנדערע זיינע פּארטיי־חברים און האָבען איהם גע־טראָגען אויף זייערע פליגלען און אוועקגעשטעלט איהם אויף דער שטעלע, וואָס ער פאַרנעמט איצט אין אלגעמיינעם און אידישען לעבען פון אמעריקע און ווערט צוליב דעם באוואונדערט פון אלע די־יעניגע וועלכע האָבען דאָס פארגעניגען געהאט מיט איהם אין געזעל־שאפטליכער באַריהרונג צו קומען. געבונדען צו א פּארטיי, וואָס האָט אָנגעשריבען אויף איהר פאָהן מיט די שרייענדיגסטע אותיות דעם עגאָאיסטישען „אתה בחרתנו", ווייזט ער אבער ארויס א ברייטע טאָלעראַנץ און א פארשטענדניש פאר די נויטען און זאָרגען פון אנדערע פּארטייען ביי אידען, א פארשטענדניש פאר'ן מענשליכען לעבען.

דער פּארטיי עגאָאיזם איז געווען פון קדמונים אָן און איז נאָך ביז היינט דער געפעהרליכסטער סם אין געזעלשאפטליכען סיסטעם פון אידישען לעבען.

אָט דער פּארטיי עגאָאיזם, וואָס האָט אונז געבראַכט אין גלות

אריין נאָך אין די רוימישע צייטען, האלט אונז אָנגעבונדען מיט אייזערנע קייטען אין אונזער פארשקלאפונג ביז'ן היינטיגען טאָג. ביי יעדע ערוואכונג פון אן אויפלעבענדיגען געדאנק אין אידישען לעבען ווארפען זיך אויף איהם די שלאנגען פון פארטייאישען עגאָ־איזם און ווילען איהם דערשטיקען.

יעדער איינער, וואס האָט דאָס פארגעניגען געהאט צו ארבייטען מיט וולאדעק'ן געזעלשאפטליך, מוז באוואונדערען און ליבען אין איהם דאָס געפיהל פון פארשטענדניש פאר'ן צווייטען צד. ער האָט ניט קיין מורא דאָס געפיהל ארויסצואווייזען, אָפטמאָל אויפ'ן קאָסטען פון זיין פּאָפּולאַריטעט ביי זיינע אייגענע חברים. דאָס האָט ער צו פארדאנקען דער אמעריקאנער ערציהונג, וועלכע ער האָט פון זיין ערשטען טאָג צייט ער איז געקומען אין לאנד איינגעטרונקען אין זיך מיט אָפענע אויגען און א דאָרשטיגען הארץ. זיין פּאָעטישע נאטור, צו וועלכער ער מוז ניט נאָר פון צייט צו צייט אין געהיים. אָדער אין דער עפענטליכקייט דינען, (וועלכע האָט איבריגענס זיין וואונדערבארע דראמאטיש־פּאָעטישע שאפונג „משה רבינו" געשאַ־פען), האָט איהם געמאכט פאר דעם פריינד פון אידישע שריפטשטעלער און דיכטער. נאָר וואָס איז אמוויכטיגסטען—איז וואָס, זי, זיין פּאָע־טישע נאטור, גיט א הויכען שוואונג זיין געזעלשאפטליכער ארבייט.

וולאדעק זעהט קיינמאָל ניט די אידישע נויט פון זיין ענגען פארטיי שטאנדפונקט, אָדער אפילו אין ראהם פון דער געגעבענער צייט. מיט זיין גאנצע רעאלע אויפפאסונג פון זאכען אין לעבען, איז שטענדיג דאָ עפּעס העכערס אין זיין פּאָליטישער און געזעלשאפט־ליכער טעטיגקייט. עס איז ווי זיין פּאָעטישער אָדער וואָלט זיך ארייגעמישט אין זיין געזעלשאפטליכער ארבייט. אפטמאָל אפילו שטערט דער פּאָעטישער אָדער אין זיין ניכטערער ארבייט, פון דאנען קומען אָפט איבעראשונגען. אָפטמאָל ניט פארשטענדליכקייט פאר זיינע אייגענע פארטיי־חברים. און אלע זיינע טועכצען, און אלע זיינע איינפאלען זיינען שטענדיג באזעלט פון א פּאָעטישען הויך.

די דריטע מעלה און די סאמע וויכטיגסטע איז זיין געלאַסענקייט, זיין „נח לבריות". פירט ער א פארזאמלונג, מעג זי זיין ווי אויפ־גערעגט, מעג זי באשטעהן פון פארשידענע געגענגזעצטע עלעמענ־טען, מעג אין איהר הערשען דער ווילדסטער קאניבאלישער פארטיי־

עגאָאיזם, — ווייסט וואָלאָדעק זי צו באַהערשען נאָר מיט זיין רוהיג־קייט און זיין רוהיגער באַנעמונג. שוין אין דער מעלאָדיע פון זיין שפּראַך, אין דעם ריטם פון זיין טאָן ליגט א צופערלעסיגע, צוטרוילעכע עהרליכקייט, וואָס געווינט פאר איהם באַלד די געגענגעזעצטע עלע־מענטען, און ער באַהערשט די אויפגערעגטסטע פארזאַמלונג. דאָס האָט ער פיל צו פאַרדאַנקען שוין דער רוהיגקייט, וואָס ליגט אין דעם טאָן פון זיין שטימע. איך האָב איהם אָפטמאָל אין אונזער לאַנגער געמיינזאַמער ארבייט געזעהן אין זעהר שווערע סיטואַציעס. אָבער א דאַנק דער רוהיגקייט פון דעם „נח לבריות" זיינעם, און הויפּטזעכליך דער אויפריכטיגקייט פון זיין שטימע, האָט ער זיך ניט נאָר פון אן אומאַנגענעמער לאַגע געראַטעוועט, נאָר איז אויך ארויס דער זיגער...

* * *

פערזענליך בינדט מיך מיט וואָלאָדעק'ן א לאַנג־יאָהריגע פריינד־שאַפט, וועלכע ציהט זיך פון אונזערע יונגע טעג — ווען מיר זיינען ביידע געשטאַנען ביים אָנהויב פון אונזערע קאַריערעס: ער — אלס דער „יונגער לאַסאַל", איך — אלס דער יונגער אַש. די פריינד־שאַפט, וועלכע הויבט זיך נאָך אָן פון ווארשע און איז געשלאָסען געוואָרען אין איינע פון די שווערסטע מאָמענטען פון מיין לעבען האָט זיך געשטאַרקט און פאַרפעסטיגט דורך די אלע יאָהרען פון אונ־זער געמיינזאַמען לעבען און ארבייט סיי אין „פאָרווערטס", סיי אין געזעלשאַפטליכען לעבען. איך האָב אין וואָלאָדעק'ן תמיד געפונען א באַשיצער פון מיין קונסט, פאר וואָס איך דאַנק איהם היינט. נאָר דאָס שמעקט שוין מיט סענטימענטאַליטעט און זכרונות, און פאר סענטימענטאַליטעטען און זכרונות זיינען מיר נאָך ביידע צו יונג...

היינט, צו דיין פופציג־יעהריגען יובל, ווינש איך דיר און דיין משפּחה דאָס איינע — געזונט. זאָלסט קענען אויספירען דיין טעטיגקייט אין וועלכער די אידישע מאַסען נויטיגען זיך אזוי.

אברהם רייזען

וולאַדעק — דער פיהרער און דער מענטש

(צו זיין פופציגסטען געבורטסטאָג)

ב. וולאַדעק רעכענט זיך צו די בונדיסטען. ווען ניט זיין „עלטער", וואָלט מען איהם אפילו צוגערעכענט צווישען די גרינדער פון „בונד". אָבער ווען דער „בונד" איז געגרינדעט געוואָרען, איז ער נאָך געווען א קליין איינגעל. הייסט עס, אז איהם האָט שוין דער „בונד" דערצויגען, און ער איז שוין שפּעטער געוואָרען איינער פון די וויכטיגסטע בונדישע פיהרער. אבער דאָס איז אויך ניט גאָר ריכטיג. ב. וולאַדעק, אַן ערצויגענער פון „בונד", איז אָבער שוין אליין אין זיינע יונגסטע יאָהרען געוואָרען אַן ערציער. ער, מיט זיין גייסטרייכקייט, מיט זיין טאַלאַנט אלס רעדנער און שרייבער האָט צוריק געווירקט אויפ'ן „בונד".

דער „בונד" איז געגרינדעט געוואָרען פון באַדייטענדע פּערזענליכקייטען—צווישען זיי אַרקאַדי קרעמער, אָבער דאָס זיינען געווען לויטער אינטעליגענטען, לויט זייער ערציהונג. דאָס פּאָלקסטימליכע האָט די ערשטע יאָהרען אין דער טעטיגקייט פון „בונד" געפעלט, נאָך אפילו דעמאָלט, ווען ס'איז שוין דערשינען אין אידיש די „ארבעטער-שטימע". מיט גאָר קליינע אויסנאַמען זיינען די ארטיקלען, ווי זיי זיינען ניט געווען געשריבען מיט ליבשאַפט און איבערגעבענקייט צום אידישע ארבייטער און צום ארבייטער בכלל — האָט אין זיי געפעלט, מיט גאָר ווייניגע אויסנאַמען, דאָס פּשוטע וואָרט, דאָס וואָרט וואָס קומט פון הארץ און פון געמיט. נאַטירליך, אויך זייערע רייד, אין דער שווערליכער פּובליציסטיק, האָבען גענוג געווירקט. די ארבייטער-מאַסען זיינען דעמאָלט הונגעריג און דורשטיג געווען און האָבען זיך געשפּייזט און געלאָבט מיט די הארבערע רייד פון

זייערע ערשטע גרויסע לערער, אויפקלערער און פיהרער. זיי, די מאסען האָבען געפיהלט גרויס דאנקבארקייט צו אָט די גרויסע גע־לערענטע אידישע מענשען, וואָס האָבען אראָפּגענידערט פון דער הויך — צו זיי, די דעמאָלסדיגע דערנידעריגסטע מאסען, די ארבייטער און האָרעפּאשניקעס.

געוועהנט צו זוכען פשט אין שווערע שטעלען, לערנענדיג אין חדרים און אין תלמוד־תורות, האָבען זיי אויך דעם פּראָסטען פשט געפונען אין די שווערליכע ערשטע פּובליציסטישע ארטיקלען פון די ערשטע בונדישע שרייבער און אפילו רעדנער (וועלכע האָבען דאן געדענקט אין רוסיש און ווען זיי האָבען שוין אפילו געשריבען אין אידיש — איז דאָס געווען, ווי איבערגעזעצט פון רוסיש).

ב. וולאדעק איז פון די ערשטע, פון אינגערען דור בונדיסטען און פּראָפּאָגאנדיסטען און אפילו אגיטאטאָרען, וואָס ניט קוקענדיג, וואָס אויך ער האָט אָנגעהויבען זיין שרייבערישע קאריערע אין רוסיש—איז ער אָבער ווי איינער פון פאָלק, מיט א חוש פאר פאָלקס־שפּראך און פאָלקסטימליכקייט אין דער ריינסטער דערהויבענדיגסטער פאָרם בכלל, געקומען נעהענטער, און אויב מיט א סך אינטעלי־גענץ, אָבער קיינמאָל ניט, ווי אן אינטעליגענט.

מען האָט איהם אלעמאָל פארשטאנען, דערפיהלט און ליב באקומען אי ווי א גוטען לערער, אי ווי א חבר.

ער איז געווען פון די געצעהלטע בונדיסטען, וואָס האָט געקענט זיין לערער און חבר אין דער זעלביגער צייט, מיט דער באזונדערער מעלה פון גרויס פשטות, פאָלקסטימליכקייט, אפילו ווען פאָעטיש— און מיט א צומיש פון אידעלען פאָלקס־הומאָר.

כאָטש די מאסען פון יענער צייט האָבען דעמאָלט שוין איהם דערהויבען מיט דעם נאָמען אונזער לאסאַל — א נאָמען, וואָס ער האָט עהרליך פארדינט, אלס געבענשטער רעדנער, האָט ער זיך באנוצט, ווי אמאָליגע גרויסע אידישע דרשנים — מיט׳ן משל — א ריין פאָלקסטימליכער מיטעל צו ווירקען אויף די מאסען.

זיין גרויסע קראפט אלס רעדנער און זיין שריפטשטעלערישער טאלאנט איז נאָך פריש, און שלאָגט ווי א קוואַל ביז היינטיגען טאָג.

עס איז גענוג צו הערען זיינע א רעדע אויף אן ארבעטער־

מיטינג, צי אויף א מיטינג וועגען „אָרט" — צו העלפען קאָנסטרוק־טיוו אונזערע ברידער אויף יענער זייט ים, צי אויף א מיטינג געגען דעם רשע היטלער און וועגען אונזערע טיף־באַליידיגטע און פאַר־פאָלגטע ברידער אין דייטשלאַנד; עס איז גענוג איבערצולייענען די רירענדע רייזע־איינדרוקען זיינע אין די נומערען „צוקונפט" — און זיך איבערצייגען אין דער יונגקייט פון וולאַדעק'ס גייסט, אין דער קראַפט פון זיין געפיהל און דער ווירקזאַמקייט פון זיינע אויס־דרוקס־מיטלען.

ב. וולאַדעק איז דער געשעפטס־פאַרוואַלטער פון א גרויסער ארבעטער־ און פאָלקס־צייטונג — דער „פאָרווערטס". ס'איז א וויכטיגער אַמט. אָבער ניט נאָר איז ער מעהר ווי זיין אַמט, ער איז אפילו מעהר ווי א בונדיסט. דינענדיג געטריי די אינטערעסען פון זיי ביידען — אי פון דעם „בונד", אי פון דעם „פאָרווערטס", איז ער דאָך צייטענווייז אין דער אָפּאָזיציע. ער וויל אַלע מאָל מעהר און בעסער און איבערהויפּט שעהנער. זיינע אָפּנויגען זיינען צייט־ווייליגע און אַלע מאָל אין די אינטערעסען פון די ארבייטער־מאַסען און פאָלקס־מאַסען. זיין חכמה שטעהט איהם ביי ארויסצוקומען אַלע מאָל דער זיגער, ווייל זיין קאַמף, ווי א רעדנער, ווי א שריפטשטעלער און ארבעטער־טוער, איז אַלע מאָל פאַר דער העכערער גערעכטיגקייט, און אַלע האָבען איהם ליב, אפילו די געגנער, צווישען וועלכע איך קען זיך אויך אפשר אמאָל געפינען ביי א געוויסען אָפּנויג זיינעם, ווייל ווי געזאָגט — ער באַקומט באַלד זיין גלייכגעוויכט.

און ער איז ווידער ב. וולאַדעק די באַצויבערענדיגע פּערזענ־ליכקייט און דער קעמפער פאַר גערעכטיגקייט, פאַר דעם ארבעטער־קלאַס און פאַר די אָרעמע פאָלקס־מאַסען.

ער איז נאָך צו יונג, און פול מיט לעבענס־קראַפט און טעטיג־קייט אויף אַלע געביטען, וואָס פירען צו איינס — צו א ליכטיגער צוקונפט, צו א נייער וועלט אָרדענונג, אז איך זאָל דא אין א קורצען יובילײ־ארטיקעל אָפּשעצען ב. וולאַדעק אין זיין גאַנצען מהות. שוין אין די לעצטע פּאָר חדשים האָט ער זיך געוויזען אין א נייער ליכט, אין א נייער, אונז דערפרייענדיגער, קעמפענדיגער געשטאַלט. און זיין וועג איז נאָך לאַנג. מיר וועלען נאָך האָבען גענוג געלעגנהייטען אויסצודריקען אונזער אנערקענונג פאַר דעם פירער און מענשען ב. וולאַדעק.

אָבער ווי איינער פון די שרייבער קען איך ביי זיך ניט פועל'ן ניט צו דערמאָנען זיין איבערגעבענקייט און זיין אידעלע באַציאונג צו אידישע שרייבער פערזענליך. נאָך אין זיין יוגענט האָט ער, ווי א פיינער קריטיקער, מיט א חוש פאר שעהנקייט און נוצליכקייט אין דער ליטעראַטור — שוין פארעפענטליכט טיף דורכגעפיהלטע און דורכגעטראכטע ארטיקלען, אדער ריכטיגער עסייען וועגען א רייע יונגע שרייבער. איך בין דעמאָלסט אויך געווען גליקליך צו צעהלען זיך צווישען זיי.

דאָ אין אַמעריקע איז ער געווען פון די ערשטע, וואָס האָט אָפּ־געשעצט ה. לייוויק'ן און אַנדערע דאַמאָלסדיגע יונגע.

און ניט נאָר מיט'ן וואָרט. ב. וולאדעק איז אויך פערזענליך א גרויסער פריינט פון אידישע שרייבער, און זיין עהרליך פארדינ־טער יובילויי יום־טוב איז אויך א יום־טוב ביי אידישע שרייבער.

מיר וועלען באגריסען ניט נאָר א חבר, א וויכטיגען ארבייטער פריינט, נאָר אויך א גרויסען קאָלעגע, א ווארעמען פריינט פון דער אידישער ליטעראטור, צו וועלכער ער האָט מיט גרוים באשיידענקייט פיל בייגעטראָגען.

א. ליעסין

ב. וולאַדעק אַמאָל און איצט

אַביסעל עראינערונגען און אַביסעל ניט־געבעטענע עצות

איך האָב זיך געטראָפּען מיט וולאַדעק'ן צום ערשטען מאָל אויפ'ן זיבעטען צוזאַמענפאָר פון „בונד", וואָס איז פאָרגעקומען אין אויגוסט, 1906, אין לעמבערג. א סך מיט יאָהרען. נאָך א האַלב יאָהר און עס וועט זיין 30 יאָהר. און דורך אָט די אַלע יאָהרען איז אייגעהיט געוואָרען אין מיין זכרון דער ערשטער איינדרוק פון אונזער באַגעגעניש אַזוי פריש, ווי דאָס וואָלט פּאַסירט ערשט נעכטען. דער ערשטער איינדרוק איז דער ריכטיגער איינדרוק.

און דאָס איז, אַז וולאַדעק, ביי אַלע זיינע פאַרשיידענאַרטיגע פ'עהיגקייטען, איז פריהער פון אַלץ און מעהר פון אַלץ אַן ארטיסט. סיי אין זיין שרייבען און סיי אין זיין רעדען, סיי אין זיין אופן פון אויפנעמען עמאָציעס און סיי אין זיין אופן פון אויסדריקען זיי, איז ער פריהער פון אַלץ דער אמת'ער ארטיסט.

איך ווייס ניט, צי מיין טייערען פריינד, וועמעס יובילעאום עס ווערט איצט געפייערט, וועט אָט די אָפּשאַצונג מיינע געפעלען ווערען. וולאַדעק איז שוין א יאָהר 18 געשעפט־פאַרוואַלטער פון „פאָרווערטס". טאָג טעגליך גיט ער אָפּ זיינע טאַלאַנטען אָט דער העכסט פאַרוואַנטוואָרטליכער, אָבער העכסט פּראָזאַאישער טעטיגקייט. דענק איך, אַז דאָס איז א מיספאַרשטענדניש פון שיקזאַל. דאָס האָט געקאָסט פיל וולאַדעק'ן און נאָך מעהר דער אידישער ליטעראַטור, וואָס אַזא גרויסע קראַפט, ווי וולאַדעק, איז ביי איהר אַוועקגערויבט געוואָרען.

וולאַדעק איז אַלט געוואָרען 50 יאָהר, און עטליכע און דרייסיג יאָהר פון די פופציג איז ער געשטאַנען אויפ'ן דינסט פון דער

אידישער סאָציאַליסטישער באַוועגונג — אין דער גאָר ערשטער רייהע פון דער אידישער סאָציאַליסטישער באַוועגונג. שוין אויף זיינע ערשטע טריט איז ער באַלד געוואָרען אַ באַריהמטקייט — אַרויסגעשפּרונגען גלייך אַ וואָלאַדעק פון די שטורעמדיגע רעוואָלוציאָנערע כוואַליעס. און וויפיל גייסט, וויפיל נשמה האָט ער דורך דער גאַנצער צייט אַריינגעטראָגען צווישען די אידישע אַרבייטער — וויפיל פאַרזאַמלונגען האָט ער דורך די אַלע יאָהרען באַגייסטערט, אָנגעצונדען!

און דאָך, דענק איך, אַז ער האָט אפילו דער אידישער אַרבייטער באַוועגונג ניט געגעבען אַלץ, וואָס ער האָט געקענט געבען און זיכער ניט דער אידישער ליטעראַטור, וואָס איז אונז ביידען אַזוי טייער.

* * *

באַקאַנט געמאַכט האָט אונז אויפ'ן צוזאַמענפאָר דער ניט לאַנג פאַרשטאָרבענער אַלעקסאַנדער קרעמער, דער הויפּט פיהרער פון „בונד". אַלעקסאַנדער האָט איהם פאָרגעשטעלט זעהר וואַרעם, ענטוזיאַסטיש: „דאָס איז דאָך אונזער יונגער לאַסאַל, אונזער בונדישער לאַסאַל!" אַזאַ באַציהונג האָבען צו איהם אַרויסגעוויזען נאָך איינינע פון זיינע אַלטע פריינד אויפ'ן צוזאַמענפאָר. געדענק איך, ווי געשפּאַנט איך בין געווען צו הערען זיינע אַ רעדע. אָבער מען האָט איהם אַלץ ניט צוגעלאָזען צום ריכטיגען פּסוק. אויך ליטוואַק'ן האָט מען געהאַלטען אין הינטערגרונד. אויפ'ן גרויסען צוזאַמענפאָר פון דער פאַרטיי פון דער אידישער נאַציאָנאַל־קולטורעלער אויטאָנאָמיע האָב איך איבערגעלעבט איינינע ענטוישונגען, און דאָס איז געווען איינע פון זיי. מיר איז איינגעפאַלען אַ חשד, אַז אפשר איז עס דערפאַר ווייל זיי זיינען דערהויפּט נאָר רעדנער אויף אידיש און דערצו נאָך געקומענע פון דער ישיבה, וואָס האָבען קיינמאָל קיין מעשענע גימנאַזיסטישע קנעפּלאָך ניט געטראָגען. האָב האָב איך עס גאַנץ אָפענהאַרציג געזאָגט אַלעקסאַנדער'ן. איז ער אויף מיר אין כעס געוואָרען: „אַ, איהר, איהר, איהר!" איך האָב געזעהן, אַז וואָס שייך וואָלאַדעק'ן, איז דאָס דערהויפּט געווען צוליב זיין יונגקייט. ער איז נאָך דעמאָלט קיין 21 יאָהר ניט אַלט געווען.

און דערמאָן איך זיך, אַז נאָך מיט 30 יאָהר צוריק האָט מען אַזוי פיל דערוואַרט פון וואָלדעק'ן, אַז ער, דער יונגינקער בחור'ל, דער געקומענער פון אַ קליינינקער ישיבה ערגעץ אויף טאָטערשער גאַס אין מינסק, האָט געקענט אַרויסרופען אַזאַ פאַרערונג ביי אַזאַ קלוגען און אמת גרויסען מענשען, ווי אַלעקסאַנדער קרעמער, טראַכט איך ביי זיך, אַז עס איז אַ שאָד, וואָס דער „יונגער לאַסאַל" האָט ניט געפאָלגט די עצה פון דעם אַלטען לאַסאַל.

דער שליסעל צו ערפאָלג, האָט אַמאָל געזאָגט לאַסאַל, איז די פעהיגקייט צו קאָנצענטרירען זיך. איך אַליין גראָד פאַל ניט כורעים פאַר ערפאָלג. איך בין גראָד אַ פאַרעהרער פון לא יוצלח'ס. וואָל־דעק אָבער, האָב איך דעם איינדרוק, איז יע אַ פאַרעהרער פון ערפאָלג. דאָס איז כאַראַקטעריסטיש פאַר'ן אַמעריקאַנער, און וואָל־דעק איז שוין גאַנץ היבש אַמעריקאַניזירט. ער איז שוין אַמאָל גע־ווען אַן אָלדערמאַן אין ניו יאָרק און איצט איז ער אַ מיטגליד פון דער „האוזינג קאָמישאָן". טראַכט איך ביי זיך, אַז אַט ווען וואָל־דעק וואָלט געפאָלגט לאַסאַל'ס עצה און ער וואָלט זיך ניט פאַנאַנ־דערגעוואָרפען מיט זיינע פעהיגקייטען און טאַלאַנטען אויף פאַר־שיידענע געביטען, וואָלט ער דעמאָלט ערשט געפונען דעם ריכטיגען תיקון. איך האָב מורא, אַז פאַר איהם, דעם מיטגליד פון דער „האוזינג קאָמישאָן", וועל איך אפשר זינדיגען מיט די רייד, ווען איך וועל זאָגען, אַז איך וואָלט די אַלע „קאָמישאָנס" איבערגעלאָזען פאַר אַנדערע. און ער וואָלט בעסער געוואָרען איינער פון אונזערע טאַלאַנטפולסטע עסעאיסטען, פון די קינסטלערישסטע קריטיקער.

נאָר אויפ'ן געביט פון אַראַטאָרישער קונסט האָט וואָלדעק ניט געדאַרפט מאַכען קיין באַזונדערע אָנשטרענגונגען. איך צווייפעל אפילו, צי ער האָט אַמאָל, אויף די ברעגען פון טייך סוויסלאָטש אין מינסק, געאיבט זיך מיט שטיינדלאַך אין מויל, ווי עס האָט געטאָן אין אַטען דער באַריהמטער דעמאָסטען. און דאָך איז ער געווען און געבליבען דער אָראַטאָר פון גאָט'ס־חסד, דער גלענ־צענדסטער ביי אונז זייט לואי מילער אין זיינע בעסטע צייטען — אפשר אָהן דעם פלאַמיגען טעמפעראַמענט, וואָס מילער האָט גע־האַט, דערפאַר אָבער מיט פיל מעהר עלעגאַנץ.

* * *

דער זיבעטער צוזאַמענפֿאָר איז געווען דער גרעסטער, וואָס דער „בונד" האָט ווען־עס־איז געהאַט. און דאָס ערשטע, וואָס מיר האָט זיך געוואָרפֿען אין די אויגען, איז געווען דער איבערפֿלוס פֿון בערדלאַך. איך בין שוין דעמאָלט אָפּגעווען אין אַמעריקע ביי ניין יאָהר, אָפּגעוואוינט געווען אפילו פֿון וואָנצעס, און מיט אַמאָל האָב איך דערזעהן פֿאַר זיך אַזאַ קאָלעקציע פֿון בערדלאַך — אַלערליי, קלוגע און נאַרישע, שפּיציגע און קיילעכדיגע, אויסגעכאָליעטע און אָפּגעלאָזענע. איך האָב דאָרט געזעהן אַ רעכט ביסעל פֿיינע שטע־רענס, שאַרפֿע אויגען, חריפות'דיגע פּנים'ער, און אַלע אומבאַ־דינגט מיט בערדלאַך. סיי די וואָס האָבען געהאַלטען די הויפּט רע־דעס און רעפֿעראַטען, סיי די וואָס האָבען געזאָגט דעם וואָגיגען וואָרט אין די דעבאַטען — אַלע כמעט האָבען זיי געהאַט אַ חתימת זקן. מען האָט זיך טעג גאַנצע גע'פּלפּול'ט — זעהר שטאַרק, זעהר היציג. און עס האָבען זיך געטרייסעלט בערדלאַך איינע געגען די אַנדערע לומדות'דיג, אַזוי ווי אין סלאָבאָדקע צווישען די פּרושים פֿון הלוית־המת קלויז. און דער עולם אַרום, וואָס האָט הנאה גע־האַט פֿון די מלחמות פֿון דער תורה, איז אויך געווען שטאַרק באַ־בערדעלט. מיט לאַנגע, עכט פּוילישע וואָנצעס האָבען זיך אויסגע־צייכענט נאָר די צוויי ליטוואַקעס קאָפּעלזאָן און פּאָרטנאָי (נח). אפילו מיין גוטער באַקאַנטער עזרא, וואָס איז מיט אַ קורצער צייט פֿריהער, אונטער'ן נאָמען דר. בערג, געווען אין אַמעריקע אַ גלות, איז דאָרט שוין אויך אומגעגאַנגען אין אַ באָרד, אין אַ לאַנ־גער און געלער, וואָס איז געהאַנגען ביי איהם אויפֿ'ן פּנים, אַזוי ווי אַ צוגעקלעפּטע.

און ווען אַלעקסאַנדער האָט מיר פֿאָרגעשטעלט וולאַדעק'ן, האָב איך באַלד געפֿרעגט: „און וואו איז די באָרד?" אַלעקסאַנדער האָט מיר אַ שטורך געטאָן אין זייט, וואָס איך בין נאָך אַלץ אַ בן סורר ומורה — אפילו אויפֿ'ן צוזאַמענפֿאָר. איך האָב אָבער גע־קוקט אויף וולאַדעק'ס גלאַטען, עכט אַמעריקאַנער פּנים, און זיך געוואונדערט: „אין דער נאַציאָנאַל־קולטורעלער אויטאָנאָמיע אַ לאַסאַל און אָהן אַ בערדעל?"

שפּעטער האָב איך זיך מיט וולאַדעק'ן פֿאַנאַנדערגערעדט. האָב איך געזעהן, אַז איהם רופֿעט גאָר אויף אַן אמת'ן די נאַציאָנאַל־

קולטורעלע אויטאָנאָמיע — די אידישע ליטעראַטור, די אידישע פּאָעזיע אפילו — אזעלכע ענינים, מיט וועלכע די חריפות'דיגע, באַ־בערדעלטע יונגע לייט האָבען זיך גאָר ניט אָפּגעגעבען. איך האָב געזעהן, אַז ער האָט זעהר אַ פיינעם חוש פאַר דער אידישער פּאָע־זיע, און אַז די אידישע ליטעראַטור אינטערעסירט איהם אפשר ניט ווייניגער, איידער אפילו די פראַגע: צי דער „בונד" זאָל אריין צוריק אין דער רוסלענדישער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי?

דאָס איז געווען די הויפּט פּראַגע, וואָס איז געשטאַנען ברע־נענדיג פאַר'ן צוזאַמענפאָר. געהייסען האָט עס, אַז דאָס איז נאָר אַן „אָרגאַניזאַציאָנס־פּראַגע" — אַ קאַלטע מאַסקע, אונטער וועלכער עס איז אין „בונד" שטענדיג פאַרבאָרגען געווען די ברענענדיגע אידיש־נאַציאָנאַלע פּראַגע. צוויי שטרעמונגען זיינען דעמאָלט געווען אין „בונד", וואָס האָבען געפונען זייער הויפּט אויסדרוק אויפ'ן צו־זאַמענפאָר: די שטרעמונג פון די אַזוי גערופענע „האַרטע", וואָס האָבען געוואָלט, אַז דער „בונד" זאָל בלייבען אויך אויף ווייטער אַ זעלבסטשטענדיגע אידיש־נאַציאָנאַלע ארבייטער־אָרגאַניזאַציע — די סאָציאַליסטישע פּאַרטיי פון אידישען פאָלק אין ליטע, פּוילען און רוסלאַנד, און די שטרעמונג פון די אַזוי גערופענע „ווייכע", וואָס האָבען געוואָלט, אַז דער „בונד" זאָל צוריק ווערען אַ טייל, אמת אַן אויטאָנאָמער טייל, אָבער דאָך נאָר אַ טייל פון דער רוסלענדי־שער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי. איך האָב דעמאָלט די גרויסע מחלוקה פאָרמולירט גאַנץ פּשוט. עס זיינען פאַראַן צוויי טעזיסען: 1) דער אידישער פּראָלעטאַריער איז אַ טייל פון וועלט־פּראָלעטאַריאַט. 2) דער אידישער פּראָלעטאַריער, זייענדיג אַ טייל פון וועלט־פּראָ־לעטאַריאַט, איז צו דער זעלבער צייט אויך אַ טייל פון דער אידי־שער נאַציע. פאַר די „ווייכע" איז וויכטיג געווען נאָר דער ער־שטער טעזיס, בעת דער צווייטער איז שוין געווען ניט מעהר ווי אַ דעקאָראַציע. פאַר די „האַרטע" איז אָבער אויך דער צווייטער טעזיס געווען אַ טייל פון דער בונדיסטישער נשמה — פּונקט אַזאַ וויכטיגער טייל, ווי דער ערשטער טעזיס. עס איז כאַראַקטעריסטיש, וואָס די „האַרטע" זיינען געקומען על פּי רוב פון דער ישיבה, בעת די „ווייכע" זיינען שוין געקומען על פּי רוב פון דער רוסיפיצירטער שול. אַ וויכטיגער אויסנאַם איז געווען נאָר דער פּיערדיגער, הויך־

באגאבטער בראַניסלאַוו גראַסער, וואָס איז געקומען פון אַן עקס־טרעם־אַסימילאַטאָרישער סביבה, און אפשר דוקא דערפאַר האָט ער, מיט׳ן אייפער פון אַ גר, געקעמפט פאַר די „הארטע״.

און אָט די אַלע היציגע שטרייטיגקייטען האָט מען עס געפיהרט אין אָנגעזיכט פון צוויי פאָרשטעהער פון דער רוסלענדישער סאָציאַ־ליסטישער פּאַרטיי. דאָס זיינען געווען אויף׳ן אידישען צוזאַמענ־פאָר צוויי פאָרשטעהער פון גוי׳איזם, און ביידע זיינען זיי געווען אידען און ביידע מיט בערדלאַך — איינער, אַ קליין־געוויקסיגער, מיט אַ גרויס־געוויקסיגער באָרד; דער צווייטער, אַ גרויס־געוויקסי־גער, מיט אַ קליין־געוויקסיגער באָרד. דער צוזאַמענפאָר האָט גע־האַט שעהנע און דערהויבענע מאָמענטען, וואָס האָבען מיך באַגייס־טערט. אָבער עס איז דאָרט געווען געגנוג עכט־אידישער קאָמפּלעקס, עכט־אידישער ביטול אפילו צו דער אייגענער גרויסער באַוועגונג. און עס איז מיר געווען קאָמיש צו־צוזעהן ווי אָט די צוויי עכט־אידישע פיזיאָנאָמיעס מיט די צוויי עכט־קאַצאַפּישע נעמען (ניט קיין ריכטיגע) זיינען דאָס געוועןדעט געווען אַלעמענס אויגען, צו זיי האָבען זיך דאָס געטראָגען די פאָדערונגען און די געבעטען; זיי זיינען דאָס געווען דער עמוד, פאַר וועלכען דער צוזאַמענפאָר איז געשטאַנען.

איך האָב גערעדט דעמאָלט מיט וולאַדעק׳ן וועגען די „הארטע״ און די „ווייכע״ און די צוויי טעזיסען, ווי איך האָב זיי פאָרמולירט. און איך האָב געזעהן, אַז ער האָט מיך אויסגעצייכענט פאַרשטאַנען. און אויב מיט׳ן מויל האָט ער מיר ניט אין אַלץ צוגעגעבען, האָט ער דאָס אָבער געטאָן מיט די אויגען און מיט׳ן פנים. דאָס פּאַסירט נאָך מיט איהם אָפּטמאָל אויך איצט, מיט דרייסיג יאָהר שפּעטער, ווען איך רעד מיט איהם וועגען אידישע פראַגען. ווייל וויסען דאַרף מען, אַז וולאַדעק, דער הייסער קעמפער געגען בערל לאָקער, איז אין הארצען אַלץ נאָך ניט נאָר אַ ווארימער איד, נאָר אויך אפילו אַ ווארימער חסיד — אַ שטיק חבד׳ניק.

און ווען איך האָב איהם אָנגעוויזען אויף׳ן „עמוד״ פון צוזאַמענפאָר, אויף׳ן קליינעם מיט דער גרויסער באָרד און דעם גרויסען מיט דער קליינער באָרד, האָט ער זיך שוין ניט געקענט איינהאַלטען און זיך גאָר אפיקורסות׳דיג צולאַכט.

* * *

דער צוזאַמענפאָר, הגם ער איז פאָרגעקומען אין גאַליציע, איז געווען אַ שטרענג־קאָנספּיראַטיווער. די וויכטיגסטע טוער פון „בונד", מיט אַ פּאָר אויסנאַמען, זיינען דאָרט אַלע געווען. און דאָרט איז אויך געווען, פאַרשטעהט זיך, דער שפּיאָן ישראל מיכל קאַפּלינסקי. דאָס מערקווירדיגע איז, וואָס ער האָט דעם צוזאַמענפאָר ניט ארויס־געגעבען, כאָטש ער וואָלט געוויס געקראָגען דערפאַר אַ גרויסע באַלוינונג פון דער „אָכראַנקע". אפשר ווייל ער האָט מורא געהאַט און אפשר ווייל אין איהם האָט נאָך געטליעט אַ געוויסע צוגעבונ־דענקייט צום „בונד". אויך מיט קאַפּלינסקי'ן האָט מיך באַקאַנט געמאַכט אַלעקסאַנדער. „אָט איהם און זיין לעבען האָט איהר גע־דאַרפט באַשרייבען!" — האָט מיר געזאָגט אַלעקסאַנדער, ווען קאַפּ־לינסקי איז אָפּגעטראָטען. דער ליבער, ענטוזיאַסטישער פראַנץ קורסקי, וואָס איז געשטאַנען דערביי, האָט מיט באַגייסטערונג אויס־גערופען: „עטאַ נאַסטאָיאַשצאַיאַ פּאָעמאַ, נאַסטאָיאַשצאַיאַ פּאָע־מאַ". (דאָס איז אַ ריכטיגע פּאָעמע). אויף מיר אָבער האָט אָט די „פּאָעמע" מיט די אומרוהיגע אויגלאַך אויפ'ן פאַרגליווערטען פּנים געמאַכט זעהר ניט קיין גוטען איינדרוק. אויפ'ן צוזאַמענפאָר האָט מען מיט מיר גערעדט, אַז איך זאָל זיך באַזעצען אין ווילנע און שריי־בען לייט־אַרטיקלען און טאָן די רעדאַקציאָנעלע ארבייט אין „פאָלקס־ציייטונג". אַ חוץ דעם צ. ק. און קורסקי'ן און עזרא'ן, האָט פון די פאַרהאַנדלונגען קיינער ניט געוואוסט. דער שפּיאָן קאַפּלינסקי האָט אָבער דערפון יע געוואוסט, און אַ פּאָר מאָל איז ער צו מיר צוגעקומען און געפרעגט: „נו, ווען איהר קומען צו אונז אין ווילנע?" איך בין איבערצייגט, אַז מיך וואָלט ער תיכף ארויס־געגעבען.

געדענק איך, ווי נאָכ'ן צוזאַמענפאָר איז אַלעקסאַנדער געזעסען אין אַ גרויסען צימער מיט אייניגע פענסטער און אויפגענומען ידיעות וועגען דעלעגאַטען, וואָס זיינען דורכגעגאַנגען בשלום די פאַרשיי־דענע גרענעצען אין רוסלאַנד. דעמאָלט איז שוין אין רוסלאַנד גע־ווען אויס מיט די „פריייע טעג", און עס האָט געבושעוועט די סטאָ־ליפּינישע רעאַקציע. מען האָט געקענט דערוואַרטען מאַסען ארעס־טען. באַזונדערס האָט זיך אַלעקסאַנדער אינטערעסירט מיט'ן גורל פון אַ פּאָר דעלעגאַטען, וואָס זיינען געווען פאַרבונדען מיט'ן אָר־

נאָן פון „בונד" אין רוסיש. און ווען די ידיעה ווענען זיי האָט זיך פאַרשפּעטיגט, איז אַלעקסאַנדער געוואָרען אומרוהיג. ער איז אומגעלאָפען פון איין פענסטער צום צווייטען און אַלץ ארויסגע־קוקט אין דרויסען, באַראַבאַנעוועדיג אין אויפרעגונג מיט די פינ־גער אויף די שויבען. איך האָב איהם געוואָלט אַביסעל צושטרייען. האָב איך איהם אַ קיבעץ געטאָן, אַז דער צוזאַמענפאָר האָט געהאַט מעהר קאַנדידאַטען אויף אַמעריקע, איידער אויף די רוסישע טורמעס און סיביר. „פון וואַנען האָט איהר עס גענומען?" — האָט ער מיר אַ פרעג געטאָן. האָב איך איהם דערצעהלט, אַז אַ רעכט ביסעל דעלעגאַטען האָבען זיך ביי מיר אַ רעכט ביסעל נאָכגעפרעגט וועגען אַמעריקע. האָט ער מיר מיט רוגזה געענטפערט, אַז איהם איז ליבער מיין ענטוזיאַזם, איידער מיין סאַרקאַזם.

און טאַקע אין אַ פּאָר יאָהר אַרום האָבען דעלעגאַטען פון יענעם צוזאַמענפאָר זיך גענומען ווייזען, איינע נאָך די אַנדערע, ביי אונז אויף איסט בראָדוויי — צווישען זיי אויך וולאַדעק.

אין ווינטער פון יאָהר 1908-9 האָט וולאַדעק מיך באַזוכט אין בראָנקס. איך און מיין פרוי האָבען דעמאָלט זעהר ווייטאָגדיג אי־בערגעלעבט אַ גרויסען פּערזענליכען אומגליק, וואָס האָט מיט איי־ניגע יאָהר שפּעטער געבראַכט מיין פרוי אין פריהצייטיגען קבר אריין. מאַטעריעל האָט זיך אונז אויך גאָר שווער געלעבט. איך האָב געזעהן אַז די אָרעמקייט אין אונזער הויז האָט אויף וולאַדעק'ן געמאַכט אַ דריקענדען איינדרוק. האָב איך מיט אַ געלעכטער גע־זאָגט וולאַדעק'ן, אַז ניט אַלץ איז גאָלד, וואָס בלישטעט פון דער־ווייטענס — אפילו ניט דאָס גאָלדענע לאַנד. און איך האָב איהם דערצעהלט, אַז נאָכ'ן צוזאַמענפאָר בין איך שיר־שיר ניט געבליבען אַ ווילנער. וולאַדעק האָט געזאָגט, אַז איך וואָלט געטאָן אַ חכמה, און ער איז פאַרוואונדערט געווען צו זעהן, ווי אָט די ווערטער זיינע האָבען מיין פרוי אויפגערעגט.

די מעשה דערפון איז געווען, וואָס נאָך אין ווינטער פון 1903-4 האָב איך געוואָלט פאָרען צוריק אין רוסלאַנד. און מיר האָבען געהאַט וועגען דעם ביי אונז אין הויז איינינע באַראַטונגען מיט אַלעקסאַנדער'ן און עזרא'ן, וואָס זיינען דעמאָלט געווען אין

אמעריקע. עזרא האָט געֿטענה'ט, אַז דער „בונד" מוז „האָבען מיין פעדער" אין רוסלאַנד. אַלעקסאַנדער האָט זיך געקווײנקעלט. ער האָט מיך אויך געוואָלט האָבען אין אייראָפּע פאַר די בונדישע שריפטען; ער האָט אָבער אויך געוואָלט האָבען מיין אַגיטאַציע פאַר'ן „בונד" אין אַמעריקע, פון וואַנען עס האָבען גענומען פליסען אַלץ גרעסערע סומען געלט פאַר'ן „בונד" אין רוסלאַנד. איז שוין דאָס ביי איהם געווען אַ צעטיילטער וועלער. איין באַראַטונג־אָוועגט, אַ צווייטער, אַ דריטער, און מיין פרוי האָט זיך איינגעשפּאַרט, אַז מיר זאָלען ניט פאָרען. זי האָט געֿטענה'ט, אַז פון דערווייטענס אידעאַליזיר איך דעם „בונד"; אין רוסלאַנד וועל איך אָבער געווים מיט דער פּאַרטיי ניט קענען הויזען, אין דער דיסציפּלין ניט קענען זיך איינלעבען. איך וועל זיך דערפיהלען איינזאַם, שלעכט, און דער „בונד" וועט סוף כל סוף מיין „פעדער ניט האָבען". איך האָב געפיהלט אין הארצען, אַז זי איז גערעכט. דאָך אין 1905 האָט זיך מיר ווידער שטאַרק פאַרוואָלט אין רוסלאַנד. עס האָבען זיך ווידער אָנגעהויבען אַמפּעריען. דער פאָרשטעהער פון „בונד" אין אַמעריקע איז דעמאָלט געווען דער כעמיקער האַלאָוטשינער, וואָס האָט דאָ געלעבט און געשמייעט און געשטורעמט אונטער'ן נאָמען „אייבראַמס" — אַביסעל אַ צודרעהטער, אַ שרייער, אָבער אַ ברען־נענדיגער פאַנאַטיקער פון „בונד". די טעג פלעגט ער אָפּגעבען זיין אַרבייט אין אַ לאַבאָראַטאָריע אויף גרענד סטריט און די נעכט — דעם „בונד". אַמאָל פלעגט ער זיך אָראָפּכאַפּען אויך בייטאָג, צווישען איין „אַנאַליז" און דעם צווייטען, נאָך מיט'ן ריח פון דער לאַבאָראַטאָריע, נאָך אין די קליידער פון דער לאַבאָראַטאָריע, צו דעם אָדער יענעם „פריינד פון בונד" אויף איסט־בראָדוויי און מאַ־כען קולות און אָפּנעמען דעם „וואָכער" פאַר'ן „בונד" (מיר האָבען דעמאָלט אָרגאַניזירט כמעט די גאַנצע אינטעליגענץ פון איסט־בראָד־וויי אין די „פריינד פון בונד", צו וועלכע עס האָבען באַלאַנגט אפילו אַזעלכע טעטיגע עסערען, ווי דר. קאַפּלאַן און דר. ראַיעווסקי, אַזעלכע באַקאַנטע אַנאַרכיסטען, ווי דר. זאָלאָטאַראָוו און דר. מ. קאָהן — איין צייט אפילו לואי מילער און דזשאָזעף באַראָנדעס). איינמאָל טוט ער אַ פליה אריין, אַזוי ווי אַ באָמבע, צו מיר אין הויז אייבראַמס, און נאָך אויס'ן שוועל האָט ער גענומען טופען מיט די

פים און גוואַלדעווען: „אַמוניציע, אַמוניציע". (די דאַלאַרען פאַר'ן קאַמף פון „בונד" אין רוסלאַנד) „וואו וועט דער „בונד" נעמען די אַמוניציע? האַ! עטאַ פּאַדלאַ ס'וואַשעי סטאַראַני (דאָס איז נידערטרעכטיג פון אייער זייט), פּאַדלאַ, פּאַדלאַ!" און מיין פרוי הערט די „תוכחה", און האַלט זיך ביי די זייטען לאַכענדיג. איך האָב פאַרשטאַנען, אַז זי האָט עס אייבראַמס'ן אַנגעשרויפט. בקיצור, מיר זיינען אין רוסלאַנד ניט געפאָרען. און אַט מיט אַ יאָהר שפּעטער קום איך שוין ווי אַ דעלעגאַט פון אַמעריקע, צום צוזאַמענפאַר אין לעמבערג. דער „בונד" איז שוין כמעט אַ לעגאַלע פּאַרטיי און איז פיל ווייניגער אַנגעוויזען אויף דער פינאַנציעלער הילף פון אַמעריקע. אַלעקסאַנדער וויל שוין „האָבען מיין פעדער" דוקא אין ווילנע. אָבער דעמאָלט קווינקעל איך זיך שוין. איך זעה, אַז די הויפּט פיהרערשאַפט פון „בונד", ביי איהר גרויסער איבערגעבענהייט צום סאָציאַליזם, איז אָבער אין דער אידיש־נאַציאָנאַלער פראַגע גאַנץ ווייט פון מיר. זי שטעהט מיט אַ צושראָקענעם פּנים צו די בייזע דיינים און אסימילאַטאָרען פון דער „איסקרא", אָבער ניט צום אידישען פאָלק. שטעל איך געוויסע באַדינגונגען, וואָס קוקען אויס ווילד פאַר פאַרטיי־מענשען. איז געבליבען אַז איך זאָל פאָרען אין זשענעווע און וואַרטען דאָרט אויפ'ן באַשלוס פון צ. ק. דער פאַרמיטלער אין זשענעווע, וואָס האָט געפיהרט די פאַרהאַנדלונגען צווישען מיר און דעם צ. ק. אין ווילנע, איז געווען פראַנץ קורסקי — אַ מענש מיט אַן ענדלאָזער פאַרליבט־קייט אין „בונד", אָבער אויך מיט פיל ליטעראַרישען געשמאַק, וואָס איז געווען זעלטען צווישען רעוואָלוציאָנערען. מיר האָט זעהר גע־שמייכעלט, אַז גראָד קורסקי האָט מעהר פון אַלעמען געוואָלט, אַז איך זאָל ווערען „דער שרייבער פון די לייט־אַרטיקלען און דער פיהרער פון דער רעדאַקציע פון „פאָלקס צייטונג" אין ווילנע". איך בין אָבער פעסט באַשטאַנען אויף מיין באַדינגונג — אין מיין שרייבען ניט צו נעמען קיין דירעקטיוועו פון צ. ק. ווי היים איך האָב ליב געהאַט דעם „בונד" — די פרייהייט פון מיין פעדער האָב איך ניט

געוואָלט און ניט געקענט אויפּאַפּערן*). צום סוף האָט מיר קורסקי מיט אַ טרויעריגען פּנים איבערגעגעבען דעם לעצטען באשלוס פון צ. ק. אין די פאָלגענדע ווערטער: „אין אַ רוהיגער צייט וואָלט איין דער צ. ק. אַלץ נאָכגעגעבען. אָבער סטאָליפּינ'ס טעראָר שטאַרקט זיך. די רעדאַקציע־מיטגלידער פון צ. ק. קענען צו יעדער צייט אַרעסטירט ווערען. בלייבט איהר אין צייטונג אַליין דער בעל הבית. קענט איהר נאָך מיט אַמאָל אַ קלאַפּ טאָן מיט אַזאַ נאַציאָנאַליסטישען אַרטיקעל, אַזש עס וועט אַלעמען פינסטער ווערען אין די אויגען". האָב איך דערקלערט קורסקי'ן, אַז איך וויל קיי־נעם ניט פינסטער מאַכען אין די אויגען, און איך בין באַלד אַוועק־געפאָרען צוריק אין אַמעריקע.

אָט די גאַנצע געשיכטע האָב איך דערצעהלט וולאַדעק'ן. און ווי געדיכט בונדיסטיש ער איז געוועזן, האָט אָבער אַזאַ סיטואַציע מיינע געהאַט געגנוג הומאָר, און וולאַדעק האָט אַ חוש פאַר הומאָר. מיר האָבען אַלע געלאַכט. האָט ער שוין מודה געווען, אַז מיין אַוועק־

---

*) אַביסעל אַ קאָמישער, אָבער אַ כאַראַקטעריסטישער געשפּרעך מיינער מיט קורסקי'ן: איך באַשטעה פעסט, אַז איך וויל אַפילו אין מיינע לייט־אַרטיקלען ניט נעמען קיין דירעקטיווען פון צ. ק. קורסקי קען דאָס ניט באַגרייפען. פרעגט ער: וואָס הייסט? ענטפער איך: דאָס הייסט! טענה'ט ער: סטייטש, דאָס איז דאָך דער צ. ק.! דערצעהל איך איהם, אַז מיט 19 הונדערט יאָהר צוריק האָט געלעבט אין ארץ ישראל אַ גרויסער רעוואָלוציאָנער, דער פאָטער פון דער זעלאָטען־באַוועגונג, מיט'ן נאָמען יהודה הגלילי. איז געווען זיין קאַמפ־רוף: כי לה' המלוכה! אַז צו גאָט אַליין געהערט די הערשאַפט, אָבער קיין בשר ודם קען ניט הערשען איבער'ן צווייטען. בין איך אַ תלמיד פון יהודה הגלילי. איך האַלט, אַז אַפילו דער צ. ק. באַשטעהט פון בשר ודמ'ס. טאָ פאַרוואָס זאָל איך עפּעס נעמען ביי זיי דירעקטיווען? פאַרוואָס זאָלען זיי ניט נעמען ביי מיר דירעקטיווען? דער ליבער קורסקי האָט פאַרצווייפעלט אַ מאַך געטאָן מיט די הענט. דאָך אָפּגעלאָזען האָט ער מיך ניט. ער האָט געפּרואווט ווייטער און ווייטער.

נאָך אַ כאַראַקטעריסטישער פאַקט: דער צ. ק., פאַרהאַנדלענדיג מיט מיר וועגען „פאָלקס צייטונג", האָט באַשלאָסען אַרויסצוגעבען דערוויייל אין בוך־פאָרם אַ 50־60 פון מיינע לייט־אַרטיקלען, וואָס איך האָב געשריבען, געוועהנליך אונטער מיין אונטערשריפט, אין „פאָרווערטס". האָט מען די טעכנישע אַרבייט איבער־געגעבען אַלגינ'ען, וואָס האָט דעמאָלט געוואוינט ערגעץ אין שווייצאַריע, ווי

פּאָרען פון אַמעריקע וואָלט גאָר ניט געווען קיין חכמה, און ער האָט געגלויבט מיין פרוי פאַר איהר וויטען בליק.

וולאַדעק איז געווען דער וויכטיגסטער פון די בונדיסטען, וואָס האָבען אויסגעוואַנדערט אין אַמעריקע. איך האָב געקוקט אויף איהם און געטראַכט ביי זיך: איך האָב זיך אַ פּאָר יאָהר געריסען צוריק אין רוסלאַנד און זיך אַלץ ניט אַריינגעריסען. און אָט איז פאַר מיר איינער, וואָס איז דאָרט געווען אין די רעכטע געדיכטעגישען. און פּלוצלונג נעמט ער און באַזעצט זיך אין אַמעריקע.

און עס האָט זיך אָנגעהויבען אַ דיסקוסיע. מיר דריי, מיין פרוי, וולאַדעק און איך, אַלע געקומענע אין אַמעריקע פון דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג אין רוסלאַנד, האָבען ווידער דורכ־געלופטערט די אַלטע פראַגע, וואָס איז דעמאָלט פאַר אונז שטענדיג געווען ניי — וועגען רוסלאַנד און אַמעריקע. איך האָב זיך דער־מאָנט, אַז ווען איך האָב געקראָגען דעם אָנבאָט צו קומען אין אַמעריקע, האָב איך געענטפערט מיט די ווערטער פון באַזאַראָוו'ן

מען האָט מיר איבערגעגעבען, אין זעהר אַ פיינעם פאַנסיאָן. אַלגין האָט די אַרבייט אָפּגעטאָן גיך און גוט. ער האָט די הורבע אויסגעשניטענע אַרטיקלען אויסגעשטעלט אין אָבטיילונגען, געגעבען זיי נעמען, אַז עס האָט שוין באַלד געקענט געהן אין דרוק. אָבער ווען עס איז אָנגעקומען דער פּאַקעט מיט די אַרטיקלען אויפ'ן אַדרעס פון בונדישען אַרכיוו אין זשענעווע, האָב איך דער־זעהן, אַז אַ פּאָר אַרטיקלען זיינען ניט אַריין, און פון איין אַרטיקעל האָט מען כמעט ווי אַ העלפט אַראָפּגענומען. איך ווייס ניט עד היום, ווער עס איז דאָרט געווען דער פּוסק אחרון, וואָס האָט די דריטהאַלבען אַרטיקלען טריף געמאַכט ווי נאַציאָנאַליסטישע. איך האָב אָבער באַלד דערקלערט קורסקי'ן, אַז איך האַלט טאַקע פאַר אַ גרויסען כבוד, וואָס דער צ. ק. גיט אַרוים מיינע צייטונגס־אַרטיקלען אין בוך־פאָרם, אָבער איך בין אַ נאַציאָנאַליסט, און איך וויל זיין אויך אין בוך־פאָרם, ווי איך בין, און ניט ווי דער צ. ק. וויל, אַז איך זאָל זיין. האָב איך די אַרטיקלען אַריינגעלייגט צוריק אין מיין טשעמאַדאַן, און זיי זיינען טאַקע דאָרט, דורך די דרייסיג יאָהר, צעמאַלען געוואָרען, אַז עס איז פון זיי קיין שריד ופליט ניט געבליבען.

און אַנומעלט, אין אַ פּאָלעמיק מיט מיר, האָט אַלגין אָט דעם פּאַקט מיר אויפגעוואָרפען, ווי אַ באַוויז פון מיין „פּרינציפּענלאָזיגקייט אין דער נאַציאָ־נאַלער פראַגע". זאָל דער לעזער ניט מיינען, אַז דאָס איז אַ וויץ. אַלגין האָט עס געשריבען שוואַרץ אויף ווייס, אין פולען ערנסט, אין „האַמער".

אין טורגענעוו׳ס „פֿאָטער און קינדער״, אַז איך בין נייטיק רוס־לאַנד. באַזאַראָוו האָט עס געזאָגט פֿאַר׳ן טויט, און ער איז דערנאָך געשטאָרבען. איך און נאָך אייניגע האָבען דאָס געזאָגט פֿאַר׳ן אָפּ־פאָר אין אַמעריקע, און מיר זיינען דערנאָך אוועקגעפֿאָרען. און קומענדיג אין אַמעריקע, האָב איך ערשט ריכטיג דערזעהן, אַז איך קען זיין פּונקט אַזוי נויטיג און אפשר נאָך נויטיגער אויך אין אַמעריקע.

וולאַדעק האָט אויך גאַנץ גיך דערזעהן, אַז ער קען זיין פּונקט אַזוי נויטיג און אפשר נאָך נויטיגער אויך אין אַמעריקע. און איהם איז דאָס אָנגעקומען לייכטער. איך האָב אַביסעל געגומען דענקען וועגען אַמעריקע ערשט ווען איך האָב איבערגעלייענט ערגעץ וואו אַ באַריכט אַז אין אַמעריקע זיינען פאַראַן גאַנצע 30 טויזענט אָרגאַ־ניזירטע אידישע ארבייטער, „עכט־פּאַבריטשנע״ אידישע ארבייטער, מיט אַ גרויסער, פרייער אידישער פּרעסע. און אַזוי ווי מיר איז מיאוס געוואָרען די קליינינקע מחלוקת אין דער קליינינקער אונטער־ערדישער באַוועגונג, האָב איך באַשלאָסען פאָרען צו אָט די 30 טוי־זענט „עכט־פּאַבריטשנע״ אידישע ארבייטער. איך האָב זיך אָבער דאָך געפיהלט זינדיג, וואָס איך לאָז איבער אַנדערע אין דער אונ־טער־ערדישער באַוועגונג און אַליין פאָר איך אין אַ פרייער מדינה. ווען וולאַדעק איז אָבער געפאָרען אין אַמעריקע האָט שוין די אונ־טערערדישע באַוועגונג פאַרלוירען דעם אַמאָליגען רייץ, און ניט נאָר פאַר די „ליקווידאַטאָרען״ אַליין. און „עכט־פּאַבריטשנע״ אי־דישע ארבייטער זיינען שוין געווען אין אַמעריקע אפשר צעהן מאָל 30 טויזענט.

און אויך דער „בונד״ האָט שוין דעמאָלט אויפגענומען דעם אידישען נאַציאָנאַליזם פיל ערנסטער. און דאָס איז שוין געווען אויך ביי די בונדיסטען אַ נאַציאָנאַליזם ניט אַזוי פאַר׳ן דרויסען, ווי פאַר׳ן אינווענינ, ניט אַזוי אַ פּאָליטישע פּראָגראַם, נאָר ווי אַ קול־טורעלע באַוועגונג. און יעדע אמת׳ע קולטור איז דאָך נאַציאָנאַל. און וואו נאָר עס זיינען פאַראַן גרויסע אידישע ארבייטער מאַסען, דאָרט איז נויטיג צו שאַפען קולטור — אין אַמעריקע, אַזוי ווי אין רוסלאַנד, אפשר נאָך נויטיגער ווי אין רוסלאַנד.

אויך פון דער הייסער בענקשאַפט נאָך רוסלאַנד, נאָך דער

רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג אין רוסלאַנד, וואָס מיר פון פריהער־דיגען דור אימיגראַנטען האָבען געטראָגען אין זיך, איז שוין אַזאַ אימיגראַנט, ווי װאָלאַדעק, פריי געווען. װאָלאַדעק האָט שוין דאָ ניט געלעבט, ווי מיר, נאָר מיט'ן אָפּגעשטראַלטען לעבען פון די גרויסע געשעהענישען אין רוסלאַנד. בעת די גרויסע געשעהענישען האָבען געפלאַקערט און געלויכטען אין רוסלאַנד, איז ער געווען דאָרט אויפ'ן פּלאַץ. דורכ'ן גאַנצען פעריאָד פון דער אַזוי גערופענער ערשטער רעוואָלוציע אין רוסלאַנד, דורך די יאָהרען ווען דער „בונד" האָט אַריינגעשריבען דעם וואונדערליכן קאַפּיטעל זיינעם אין דער געשיכטע פון דער רוסישער פרייהייטס־באַוועגונג און אין דער געשיכטע פון אידישען פאָלק, איז װאָלאַדעק געווען אין דער ערשטער רייהע דאָרט, אויפ'ן פּלאַץ. און געקומען אַהער איז ער שוין אין צייט פון דעם קאָצעניאָמער נאָכ'ן דורכפאַל פון דער ערשטער רעוואָלוציע, ווען אַלץ אין רוסלאַנד איז שוין געווען פאַרטושקעט, אויסגעלאָשען, קאַלט.

און געקומען אַהער איז ער ניט אַליין. די זעלבע צעהנדליגער טויזענטער יונגע אידישע ארבייטער, צווישען וועלכע ער האָט גע־לעבט און געווירקט אין רוסלאַנד, זיינען געקומען צוזאַמען מיט איהם אַהער אין אַמעריקע. און ער האָט דאָ ווייטער געלעבט און געווירקט צווישען זיי — געלעבט מיט זייערע אינטערעסען און גע־קעמפּט זייער קאַמף, אַזוי ווי פריהער אין רוסלאַנד.

אַ פּאָר יאָהר נאָר זייט אַלעקסאַנדער איז אויף מיר אַזוי בייז געוואָרען פאַר מיין קיבעץ וועגען די קאַנדידאַטען אויף טורמע, וואָס ווערען קאַנדידאַטען אויף אַמעריקע — און וואָס פאַר אַן ענדערונג עס איז פאָרגעקומען!

* * *

די טעטיגקייט פון װאָלאַדעק'ן אין אַמעריקע איז אַלעמען באַ־וואוסט, און וועגען דעם שרייבען געווים אַנדערע. איך וועל נאָר דערמאָנען, אַז אין יאָהר 1910, אַ פּאָר יאָהר נאָך זיין קומען אין אַמעריקע, האָט ער שוין „געמענעדזשט" מאיר לאָנדאָנ'ס קאָנגרעס־שאָנאַל קאַמפּיין. אַזוי ווי איך האָב דאָס געפיהרט די אַגיטאַציע פאַר לאָנדאָנ'ען אין „פאָרווערטס", פלעגען מיר זיך אָפט טרעפען. איך וועל אויך דערמאָנען, אַז די ערשטע אָפּהאַנדלונג וועגען מיינע

לידער האָט געשריבּ'ען וואָלאדעק — אונגעפעהר מיט א פערטעל יאָר־הונדערט צוריק. די אָפּהאנדלונג איז געדרוקט געווען אין א זשור־נאַלעכעל פון די אזוי גערופענע „יונגע", און איז געווען פאַר מיר א דערמוטיגונג. גאָר גיך איז שוין וואָלאדעק געוואָרען דער פאַר־וואַלטער פון „פאָרווערטס"־אָפיס אין פילאדעלפיע, דערנאָך שוין דער „פאָרווערטס" פארוואַלטער אין ניו יאָרק. וואָלאדעק איז געוואָרען אַלץ פּאָפּולערער. און פאַר'ן ברייטען עולם, אפילו פאַר'ן ניט־סאָציאַליסטישען, איז אַלץ אינטערעסאַנטער ארויסגעקומען די פּער־זענליכקייט וואָלאדעק, וואָס איז איצט אין אמעריקע אזוי באַקאַנט און באַליבט.

און אזוי ווי איך האָב פריהער באַדויערט, הלמאי וואָלאדעק האָט אין פּערזענליכען לעבען ניט געפאָלגט לאַסאַל'ס עצה, אזוי באַדויער איך, הלמאי אין זיין אידיש־געזעלשאַפטליכער טעטיגקייט איז ער גראָד שוין יע א נאָכפאָלגער פון לאַסאַל'ן.

דאָס איז געווען פערדינאַנד לאַסאַל, וואָס האָט מיט א יאָהר 70 צוריק געשאַפען די טעאָריע, אז „די עקסטרימע פּארטייען (פון לינקס און פון רעכטס) פיהלען א נאַטירליכע צוציהונג איינע צו די אַנדערע, א געוויסע כעמישע פארוואַנדשאַפט, א נאַטירליכע שטרע־בונג צו שטיצען איינע די אַנדערע געגען די פּארטייען פון צענטער". אין דייטשלאַנד איז דעמאָלט אָנגעגאַנגען א ביטערער קאַמף צווישען ביסמארק'ס פּארטיי, די פּארטיי פון די יונקערס, און דער פּראָגרע־סיווער פּארטיי, די פּארטיי פון מיטעל־קלאַס ליבעראַלען. האָט לאַ־סאַל געוואָרפען (צוליב דעם אַלגעמיינעם וואהל־רעכט, וואָס דערפון האָט מארקס דעמאָלט ניט זעהר געהאַלטען, און גערעכט איז געווען אין דעם פּרט לאַסאַל) דאָס גאַנצע געוויכט פון זיין געניאַלער פּער־זענליכקייט דערפון אויפ'ן וואָגשאַל ניט געגען דער רעאַקציע, נאָר געגען דעם ליבעראַליזם.

און כאָטש די קאָמוניסטען דערקלערען שוין איצט לאַסאַל'ן פאַר א קליין בירגער (אזוי האָט איהם באַצייכענט, דוכט זיך, אַלגין אין דער „פרייהייט"), האָבען זיי דאָס ערשט גענומען דורכפיהרען אין דייטשלאַנד אָט די לאַסאַלישע טאַקטיק אויף דעם אומגליקליכסטען אופן.

די מארקסיסטען האָבען פון אָנהויב אָן שטאַרק אַטאַקירט

לאסאל׳ן פאר זיין פלירטעווען מיט ביסמארק׳ן, פאר זיינע געהיימע באגעגענישען מיט ביסמארק׳ן. און די דייטשע סאָציאל־דעמאָקראַטיע (אפילו שוין נאָך דער פאראייניגונג פון די לאסאַליאנער מיט די אָנהענגער פון מארקס׳ן און זיין פּארטיי) האָט זיך ניט געהאלטען פאר אַט דער טאַקטיק. דאָס האָבען ערשט די קאָמוניסטען אָנגענומען אזא טאַקטיק, א ברידער־מערדערליכע, שוין ניט נאָר געגען די ליבעראַלען, נאָר אויך אפילו געגען די סאָציאַליסטען. און זעהר טראַגיש האָט זיך דאָס אויסגעלאָזען סיי פאר די ליבעראַלען, סיי פאר די סאָציאַליסטען און סיי פאר די קאָמוניסטען.

און אָט די טאַקטיק האָבען עס דורכגעפיהרט די געוועזענע בונדיסטען אין אונזער היגען אידיש־געזעלשאפטליכען לעבען, כאָטש זיי האָבען זיך שוין געהאלטען פאר מארקסיסטען. און אָט די טאַקטיק פיהרט עס דורך אויך וולאדעק.

די פּארטיי פון אונזערע יונקערס, די דזשואיש קאָמיטע, האָט שוין אָבער ניט, זינט מארשאל איז טויט, קיין ביסמארק. סיידען נאָר מען זאָל אָננעמען דעם רעוורענד סיירוס אדלער פאר א ביסמארק. און וולאדעק האָט שוין טאָקע מיט איהם ניט געהיימע, נאָר גאַנץ אָפענע באגעגענישען. וולאדעק׳ס פלירטעווען מיט איהם האָט אָבער ניט דעם ראַמאַנס, וואָס האָט געהאַט אין אַמאָליגען דייטשלאַנד דאָס פלירטעווען פון דעם אמאָליגען לאסאל מיט דעם אמאָליגען ביסמארק. סיירוס אדלער האָט בכלל ווייניג ראָמאַנס ארום זיין פּערזאָן. און דאָך אטאַקירט וולאדעק די פּארטיי פון פון אונזער צענטער, דעם דזשואיש קאָנגרעס, פונקט אזוי העפטיג, ווי לאסאל האָט אמאָל אין דייטשלאַנד אטאַקירט די פּארטיי פון דאָרטיגען צענטער, די פּראָגרעסיווע פּארטיי. דאָס איז שוין ביי די געוועזענע בונדיסטען געוואָרען א מין סיסטעם — זייט די טעג פון דער נאַציאָנאַלער ארבייטער קאָמיטע, עליה השלום. אמת, ביי וולאדעק׳ן איז דאָס שוין ניט הוילע פּאָליטיק לשם פּאָליטיק. ער האָט געשאפען די ממשות פון אַן אָרגאַניזאַציע, געפונען פאר איהר אויך אידישען אינהאלט, אידישען לשון. דאָך איז די סיסטעם די זעלבע. געדענקען מיר דאָך, ווי די געוועזענע בונדיסטען, גאָלדפארב (איצט עקס גענעראל פּעטראָווסקי) און סאלוצקי (איצט פּשוט הארדמאַן, האָבען דאָס אמאָל אזוי פיפיג געזוכט די יהודים׳שע

געזעלשאפט פון שיפ'ן און מארשאל'ן, לויפענדיג צו דער זעלבער צייט, ווי א שד פון ווירויך, וואס ווייטער פון די דעמאלטדיגע קאנג־רעסיסטען, זשיטלאווסקי און, איהם צו לאנגע יאהר, באראנדעס און סירקין. און וויפיל אטאקעס איז עס דער שרייבער פון אט די צייל׳ען אויסגעשטאנען, הלמאי ער האט זיך איינגעשטעלט, אז די אידישע ארבייטער באוועגונג זאל יע פארטראטען זיין אין דער דעמאלטדיגער קאנגרעס־באוועגונג.

און וואלדעק וועט דאך זיכער צוגעבען, אז גראד דערפאר ווייל די ארבייטער באוועגונג איז צום סוף יע צוגעשטאנען צו דער קאנגרעס־באוועגונג, האט דער אידישער קאנגרעס אין פילאדעלפיע ביים ענד פון יאהר 1918 געהאט אזא גרויסע היסטארישע באדייטונג. דאס איז שוין געווען א פאראייניגטע אידישע נאציע, וואס האט געפאדערט נאציאנאלע רעכט פאר די אידישע מינאריטעטען. און די יהודים מיט מארשאל'ן בראש, וואס האבען זיך איינגעשטעלט פריהער נאר פאר בירגער־רעכט, האבען שוין אויך געמוזט נאכגעבען. און אזוי איז אויסגעווירקט געווארען ביי דער פעלקער־ליג מינאריטעטען־רעכט.

און וואלדעק וועט דאך זיכער צוגעבען, אז אין דעם איצטיגען גרויסען בראך אונזערען, וואס ער פיהלט אזוי וויטאגדיג, ווי איך און ווי אלע אידען, וועט אזא דעמאנסטראציע פון א פאראייניגטער אידישער נאציע, ביי פארשיידענע געלעגענהייטען, זעהר און זעהר נויטיג זיין.

געוויס בין איך מסכים מיט וואלדעק'ן, אז אפילו אין די אידיש־נאציאנאלע טעטיגקייטען קענען די אידישע ארבייטער האבען אזעלכע ספעציעלע אויפגאבען, וואס דער באלעבאטישער איד קען זיי אויפריכטיג ניט האבען. און ממילא מוזען זיי האבען א באזונדערע ארגאניזאציע. איך האלט אויך איצט, ווי מיט 30 יאהר צוריק, פון אויבענדערמאנטען ערשטען טעזיס, אז דער אידישער פראלעטאריער איז א טייל פון וועלט־פראלעטאריאט. איך האלט אבער נאך איצט (און וואלדעק געוויס אויך), ווי מיט 30 יאהר צוריק, אויך פון אויבענדערמאנטען צווייטען טעזיס, אז דער אידישער פראלעטאריער, זייענדיג א טייל פון וועלט־פראלעטאריאט, איז צו דער זעלבער צייט אויך א טייל פון דער אידישער נאציע. און אין איצ־

טיגען מורא׳דיגען, אלוועלטליכען, נאַציאָנאַלען אומגליק אונזערען, וואו די אידישע אחדות איז אזוי נויטיג, דאַרפען מיר גיכער זוכען די פּונקטען, וואָס פאַראייניגען אונז, איידער די פּונקטען, וואָס טיילען אונז פאַנאַנדער.

באַדויער איך, וואָס וואָלאַדעק איז אין אונזער געזעלשאַפטליכען לעבען גראַד אַ נאָכפאָלגער פון לאַסאַל׳ס טעאָריע, אַז די עקסטרימען פון לינקס און פון רעכטס דאַרפען שטיצען איינע די אַנדערע, דאַר־פען זיך ציהען איינע צו די אַנדערע. דאָס הייסט, אַז וואָלאַדעק, און סיירוס אַדלער דאַרפען זיך ציהען איינע צו די אַנדערע, און דעם צענטער דאַרף מען באַקעמפען. אָבער קיין טראַגעדיע, ווי אין דייטשלאַנד, וועט דערפון געוויס ניט אַרויסקומען. העכסטענס קען זיך דאָס ענדיגען מיט אַ נייער דעבאַטע, וואו וואָלאַדעק וועט מסתמא, ווי דער בעסערער רעדנער, ווידער אַרויס דער זיגער.

* * *

און איך ענדיג מיט מיין וואונש פון טיפען האַרצען, אַז מיין פריינד, דער פיל־באַגאַבטער יובּיליאַר, זאָל נאָך לאַנג־לאַנג לעבען און ווירקען צווישען אונז, ווי אַ באַגייסטערטער און באַגייסטערענדער אַרבייטער־פיהרער און קולטור־טוער, ווי דער גלענצענדסטער אָראַ־טאָר אונזערער און איינער פון די פיינסטע שריפטשטעלער אונזערע.

ז. שניאור (פּאַריז)

וואָלאַדעק דער „שליח ציבור"

וואָלאַדעק'ן האָב איך אינגאַנצען געטראָפען עטליכע מאָל אין לויף פון דרייסיג יאָהר. אמאָל קירצער, אמאָל לענגער.

צום ערשטען מאָל אין ווילנע אין 1905. א הויכער בחור, לאַכענדיגע אַביסעלע בולט'ע אויגען אונטער ברילען, אַ גריבעלע אין באַק אָנגעגאָסען מיט גוטמוטיגקייט. לאַנגע געקרויזטע האָר וואָס פאַלען איבער די אַקסלען. ערגעץ וואו אויף אַ באַלויכטענער גאַס האָט מען מיר איהם פאָרגעשטעלט. א ביסעל שעמעוודיג, ווי א מיידעל, האָט ער מיר געמאכט א קאָמפּלימענט איבער מיינע אַן ערצעהלונג „דאָס פּאָרעל"*). באלד נאָך דער דאָזיגער באַגעגעניש איז ער פאַרשוואונדען געוואָרען. ער איז אוועק פון ווילנע און ארויס־געשוואומען אין אמעריקע.

א צווייטען מאָל, שוין נאָך דער מלחמה, 1919 אין נויארק. אין א רומעניש־אידישען רעסטאָראן, צווישען עטליכע מיטארבייטער פון „פאָרווערטס". דער אויסדרוק פון וואלאדעק'ס געזיכט איז געוואָרען זיכערער, דער קוק — דורכדרינגענדיגער. אָבער די זעלבע באַשיידענקייט און דער זעלבער שמייכעל. כ'האָב איהם דערמאָנט אונזער באגעגעניש אין ווילנע און דערמאָנט איהם זיינע ווערטער וועגען „דאָס פּאָרל". ער האָט זיך אַ קאַפּעלע פאררויטעלט. „כ'האָב, זאָגט ער, אפילו געשריבען וועגען דעם און שפּעטער — באוויזען מיר א נאָטיץ געדרוקט אין אויבענדערמאָנטער „פאָלקס־צייטונג".

---

*) א פארליבעניש צווישען צוויי בעטלער קאליקעס. הומאריסטישע ערצעה־לונג. געווען דאמאלסט געדרוקט אין ווילנער בונדישער "פאלקס־צייטונג".

א דריטען מאָל אין פאריז אין 1927, דאכט מיר. ביי איהם אין האָטעל. דערנאָך אין די קאבארעט־קעלערען ארום פאריזער „נאָטר־דאם".

און א פערטען מאָל אין פאריז...

געוויס זיינען דאָס זעהר ווייניג באגעגענישען כדי צו קענען אָפּשאצען סתם אזוי א מענשען. מיט „סתם־א מענשען" דארף מען אפטמאָל אויפעסען א פוד זאלץ איידער מען דערקענט איהם. ס'איז אָבער גאַנץ געוויס צו דערקענען א פערזענליכקייט. כדי אָפּצושאצען דעם טעם פון אן איידעלען וויין דארף מען די גאנצע פאס ניט אויס־טרינקען.

פון די אלע קירצערע אָדער לענגערע באגעגענישען איז מיר אלעמאָל געבליבען דער איינדרוק, ריכטיגער געזאָגט: דער אראָמאט פון א פערזענליכקייט, וועלכע פאראייניגט אין זיך אי קילען טאקט אי הארציגע ווארימקייט; מיטגעפיהל פאר'ן איינצעלנעם, פאר'ן אינ־דיווידואום און פארשטענדעניש פאר דער מאסע. א וועלט־בירגער און א טרייער איד, א גרויס־שטאָטישער פארנעם און ניט־געמאכטע סענטימענטען פאר דער קליין־שטעטעלשער אידיליע פון וואנען ער שטאמט. זעלטען ווער פון מיינע נאָהענטע און באקאנטע עס האָט זיך מיט אזויפיל ליבשאפט געטיילט מיט מיר, די היימישע בילדער וואָס כ'האָב ביי זיי ארויסגערופען מיט'ן פעטער אוריס געהן אין כיבוד (פון „מומע צו מומע") ווי דאָס האָט געטאָן וולאדעק.

מיר איז ניט איינמאָל אויסגעקומען צו טראכטען און אויך — ארויסצוזאָגען: אז ווען מיר וואָלטן געהאט א מלוכה א מ'וואָלט געדארפט שיקען אן אמבאסאדאָר אין א פיינדליך־געשטימטער מדינה וואָלט ב. וולאדעק געווען דער פאסענדיגסטער. ער וואָלט שוין גע־וואוסט ווי דורכצוקומען, פארגלעטען, באזייטיגען שוועריגקייטען. טאקע דערפאר, ווייל ער איז מסוגל צו באציהען זיך מיט'ן זעלבען טאקט סיי צו דער שטימונג פון א פאָלק סיי צו די חשבונות פונ'ם איינצעלנעם.

וולאדעק איז שוין אין געוויסען זין געוואָרען אונזער „אידישער אדרעס" אין אמעריקע. איך שטרייך אונטער: „אין אמעריקע", ווייל אן עהנליכען „אידישען אדרעס" (וולאדעק'ן צו לאנגע יאָהר) האָט דאָ אין אייראפּא געהאט דער ניט־לאנג פארשטאָרבענער לעאָ מאָצקין. וולאדעק איז אין אמעריקע געוואָרען א שטיק „שליח צבור"

און ווייט ניט פאר'ן אמעריקאנער יודענטום אליין. וואו עפעס א קאמפיין, וואו עפעס א זאמלונג פאר סטרייקענדיגע, פאר ארבייטסלאַזע, פאר סאָציאַליסטישע וואהלען, פאר קינדער־קאָלאָניעס—ווענדעט מען זיך צו איהם. הונגער אין רוסלאנד, נויט אין פוילען, עמיגראַציע אין ליטא, אנטלאָפענע פון דייטשלאנד, „אָרט", אידישע שולען, א דרוק־מאשין פאר א פארטיי־צייטונג, א קאָנטראקט מיט א טעאטער פאר א אידישען שרייבער—אומעטום שטעלט ער אונטער די פלייצע. ער נעהמט אויף זיך איין יאָך נאָכ'ן אנדערען און קרעכצט קיינמאָל נים. אזוי ארום איז דאָס שוין מיט דער צייט געווארען א זעלבסט־פארשטענדליכע זאַך. וואו עפעס אַן איבעריגער פעקעל ליגט מען צו איהם אין ווענעל אריין: „שלעפ, ברודער!" און ער שלעפט. מען פארגעסט אפילו צו אנטשולדיגען זיך, צו באַדאַנקען.

גיט א שאָב דעם בעסטען כלל־טוער, דעם איבערגעגעבענסטען פאָלקס־מענש, דעם טרייסטען פארטיי־פיהרער — איהר וועט אלע־מאָל געפינען אַן אונטערשלאַק פון שטארקער אייגענליבע, פון איינגעבילדעטקייט, פון כבוד־זוכעניש, פון קנאה. און ס'איז סוף כל סוף מענשליך. ס'איז אלעמאָל געווען די גרעסטע טרייבקראַפט אויך ביי דיכטער, ביי ארטיסטען, ביי מאָלער. ביי אונזער בערך יונגען יובילאַר פיהלט איהר דאָס עפעס ניט, אפילו ווען איהר צונעמט איהם בלעטערווייז. און אויב איהר געפינט דאס יאָ — איז אין א זעהר שוואַכער מאָס און דיסקרעט; ווי אַן אויסגעוועפטער פיינער ריח. אבער קיינמאָל גיט זיך דאָס ניט אָפּ מיט איבערגעברענטע ליידענשאַפטען, מיט שכרות. דוכט זיך דערפאר איז אין זיין געזעלשאַפטליכער אזוי ווי אין זיין חבר'ישער טעטיגקייט האָט ער דער־גרייכט דעם סוד פון אינערליכער פרייהייט און פון גייסטיגער ניכ־טערקייט. ווארום יעדער ליידענשאַפט, ווי דערהויבען זי זאָל ניט זיין, איז פאָרט א געוויסע קנעכטשאַפט ביי זיך אליין, א שכרות צו פארגעסען די מענשליכע שוואַכקייט אויף דער ערד... דערגרונ־טעווען זיך צו אָזא סוד — דאָס הייסט: דינען א אידעע „שלא על מנת לקבל פרס".

און נאָך אַן אייגענשאַפט קענט איהר געפינען אין אָט דער אינערליכער פרייהייט פון אונזער יובילאר: ער דינט זיין פארטיי אָהן דער ענגקעפיגקייט פון א פארטיי־מענש. ער איז איינער פון די זעלטענע פארטיי־טוער, וואָס מיר איז אויסגעקומען צו באגעגענען,

וועלכע ווילען בשום אופן ניט אנערקענען די דעמאגאָגישע לאָזונג: „אויב ניט מיט מיר ביסטו געגען מיר". ער באטראכט אלע אונזערע פארטייען אלס קינדער פון איין משפחה, נאָר מיט פארשיידענע, בולטע כאראַקטערען. ער פארגעסט קיינמאָל ניט, אז דוקא אין באגאבטע פאמיליעס זיינען דאָ אויסגעשפּראָכענע געגנער: איינער א רויטער, דער צווייטער א שווארצער; דער דריטער א סאנגווייניק, דער פערטער א כאָלעריק... אויפרייצען און פארפיינדען זיי איינער מיט'ן צווייטען וואָלט געהייסען פיהרען צום אונטערגאנג פון דער גאנצער משפחה צו וועלכער ער אליין געהערט, צו וועלכער זיין פארטיי געהערט. דערפון שטאמט זיין טאָלעראנץ, זיין אחריות געפיהל. דערפון — די אטמאָספער פון צוטרוי וואָס רינגעלט איהם ארום.

זעהר כאראַקטעריסטיש איז זיין אָרט ריידען צום פּובליקום. צי האָט איהר אמאָל געהערט ווי אזוי וולאדעק האלט א רעדע? מעג די מאסע פון צוהערער זיין ווי גרויס — ער הויבט כמעט ניט אויף זיין געוועהנליכען קול, ער שטרייכט ניט אונטער קיין וואָרט. ער באַטאָנט ניט קיין געדאנק. ער רעדט כמעט ווי אָהן א שום שפּאנונג, ער ווישט זיך ניט דעם שטערען, ער עפענט ניט די ליפּען מעהר ווי מען דארף צו ריידען אין א קליינעם אָפּגעשלאָסענעם קרייז. און דאָך הערען איהם אלע מיט גרויס אויפמערקזאמקייט. א טאָן געהט ניט פארלאָרען. ער דיסציפּלינירט דאָס פּובליקום מיט זיין רוהיגקייט. און נאָכ'ן ריידען בלייבט ביי אלעמען איבער א געפיהל פון פריינדליכקייט. א פריינד האָט גערעדט צו פריינד. ער האָט זיך אבסאָלוט ניט געוואָלט אויסצייכענען: ניט מיט שכל, ניט מיט שעהנרעדנעריי און האָט זיך פּאָרט אויסגעצייכענט.

* * *

פאראן ביי ביאליק'ן א ליד, איינע פון זיינע לעצטע לידער. אין וועלכער דער גרויסער דיכטער האָט זיך „אויסגערוהט" פונ'ם פּאָפּולאַריטעט־טומעל. דאָס ליד הייסט „יהי־נא חלקי עמכם!" וועלכע איז ציטיר דאָ:

איך ווינש מיר זיין ווי איהר — — —
עניוותידיגע, שטומזעליגע
איידעל־לייט — און מען זאָגט אייך ניט
גייסטרייכע — און איהר ווייסט עס ניט.
איין ליכטיגקייט אין אייער אויג —
שטענדיג שטיל און טרויעריג;
איין שמייכעל אויף די ליפּען —
פון אלץ פארשטעהן און מוחל־זיין;
צו אָפּמעסטען מיט איהם, און אָהן הכרעה
אַלץ וואָס קומט אקעגען אייך —
דאָס גרויסע ווי דאָס קליינע,
די פעהלער פונקט ווי מעלות.
ווי אויף די שפּיצען פינגער
געהט איהר אויף די לעבענסוועגען,
זייענדיג די ריינקייט און דעם גלויבען
וואָס טריפט פון אייער גאַנצען וועזען
ווי בלוי פון הימעל־רוים,
ווי שאָטענס פונים גרינעם וואַלד — — —

מאנכע פון די דאָזיגע שורות פּאסען זיך צו אונזער יובילאר. זיי קלינגען ווי א שטילער אקאָרד צו דעם וואָס איז אויבען געזאָגט געוואָרען, אין פּשוטער פּראָזע.

דר. ח. זשיטלאָווסקי

צו ב. וולאַדעק-טשאַרני׳ס יובילעי

(אַ באַגריסונג)

אין די ניינציגער יאָהרען פון דעם פאָריגען יאָהרהונדערט, מיט דעם אויפוואַכען פון דער אידישער ארבייטערשאַפט און די אידישע פאָלקס־מאַסען אין מזרח־איראָפּע, איז אויפגעקומען אין אונזער אידישער עפענטליכקייט א נייע געדאַנקען־ריכטונג, — די אידיש־סאָציאַליסטישע, וואָס איז זיך באַלד פאַנאַנדערגעגאַנגען אין פיר פארשידענע שטראָמען: דעם בונדיסטישען, דעם פועלי־ציוניס־טישען, דעם סאָציאַליסטיש־טעריטאָריאַליסטישען און דעם אזוי גערו־פענעם „סערפּיסטישען". אָט די נייע ריכטונג האָט ארויפגעלעגט איהר געוואַלדיגען שטעמפּעל אויף דעם גאַנג פון דער נייערער אידי־שער געשיכטע און אויף דער אויסקריסטאַליזירונג פון אַן אייגענער אידישער ארבעטער־פּאָליטיק, אין איהרע פארשידענע שאַטירונגען. אין אָט דער אַלגעמיינער געדאַנקען־ריכטונג איז אויך גייסטיג אויס־געוואַקסען אונזער בעל־היובל.

און ווען איך טראַכט איצטער וועגען איהם, קאָן איך איהם ניט גוט אָפּשיידען פון צוויי אנדערע חשוב׳ע טוערס אונזערע, וואָס זיינען ניט נאָר גייסטיג אויפגעוואַקסען אין דער זעלביגער אַלגעמיינער געדאַנקען־ריכטונג, נאָר זיינען אויך געקומען אויף דער וועלט פון איין איינציגער מוטער־טראַכט, — דער מוטער־טראַכט פון דער אשה המבורכת מרת ברכה טשאַרני. איהר נאָמען, ווי אפשר אויך נאָך אנדערע נעמען פון די אַלט־פרומע מוטערס, פארדינט געוויס צו פארבלייבען אין דעם זכרון פון די קומענדיגע דורות. און דאָס ניט דערפאַר, וואָס זי זאָל האָבען זיך אַליין באַטייליגט אין דער אויפקו־מענדיגער ניי־געבורט פון דעם אידיש־סאָציאַליסטישען געדאַנק, נאָר

דערפאר, וואָס זי האָט געשיינקט דער נייער באוועגונג דריי שטאַרקע טאַלאַנטען, וואָס צייכענען זיך אוים אויף דריי פאַרשידענע געביטען, אַלע פאַרבונדענע מיט דעם אויפוואַכען פון דער אידישער ארבייטער־שאַפט און דעם אַרויסטריט איהרען אויף אונזער ארענע, ווי אַ היסטאָרישע מאַכט.

איך האָב דאָ אין זינען ש. ניגער־טשאַרני, איינעם פון אונזערע וויכטיגסטע ליטעראַטור־קריטיקער, ליטעראַטור־פאָרשער און פובליציסטען; דניאל טשאַרני (דעם איינגסטען פון די „ג' אחים”), דעם פּאָעט, און דעם מיטעלסטען, אונזער בעל־היובל, ברוך וולאַדעק־טשאַרני, וואָס האָט שוין אין זיין גאָר פריהער יוגענט זיך דערוואָרבען אַ שעהנעם נאָמען אין דעם אידישען רעוואָלוציאָנערען לאַגער, ווי אַ טאַלאַנטפולער אָראַטאָר און אַגיטאַטאָר, אין דעם דינסט פון דעם אידישען ארבייטערס באפרייאונגס־קאַמף, ווי אַ פּאָהנען־טרעגער פון דער בונדיסטישער אַרמעי.

ווי דאָס ווערט ניכר פון דניאל טשאַרני'ס „זכרונות” און פון פּערזענליכע מיטטיילונגען וועגען די דריי ברידער, פאַרבינדט זיי אַלע דריי אַ פּאָר גאָר געבענשטע כאַראַקטער־שטריכען, וואָס שטאַמען אפשר פון זייער געבענשטער מוטער: אַ מענשליך־פיהלענדיגע הארץ, אַ קלאָרער פאַרשטאַנד און אַ באַזונדערע טרייקייט צו די יסודות פון די איינענע איבערצייגונגען. ש. ניגער איז תמיד טריי צו זיין אינטערעס אין דעם גייסטיגען שאַפען פון אונזער פּאָלק אין דעם לויף פון אַלע זיינע דורות. דניאל איז טריי ניט נאָר זיין פּאָעטישען בארוף, נאָר אויך דעם אידישען סאָציאַליזם. אונזער בעל־היובל איז תמיד טריי די אידעאַלען פון דעם אינטערנאַציאָנאַליסטישען סאָציאַליזם און זיין בונדיסטישען אויסטייטש, וואָס קאָן פאָרמולירט ווערען אַזוי: מיר קעמפען פאַר דער סאָציאַליסטישער באַפרייאונג פון דער אידישער ארבעטערשאַפט, וואָס זייער גורל קאָן ניט און זאָל ניט אָפגעריסען ווערען פון דעם גורל פון דעם אַלוועלטליכען סאָציאַליזם און פון די אַרבייטער־מאַסען אין יענעם לאַנד, אין וועלכען די אידישע ארבייטער וואוינען.

אָט דאָס איז דער אינוועניגסטער שטענדיגער קרייז אין וולאַדעק'ס אידישען סאָציאַליזם, וואָס איהם בלייבט ער תמיד טריי. ארום אָט דעם שטענדיגען געדאַנקען־קרייז בילדעט זיך אוים אַ ברייטערער, ריין אידישער קרייז, וועמעס ראַדיאוס עס קאָן צייטענווייז צונויפשרומפען

און צונויפפאַלען מיט די גרעניצען פון די „אידיש־שפּרעכענדיגע גע־נאָסען” און ווערען אפילו נאָך קירצער, — שיר ניט ביז׳ן בליק פון אונזערע אַסימילאַטאָרישע „יאַהודים" אויף די נויטען און אינטערעסען פון דעם אידישען פאָלק. ער קאָן אָבער אויך צייטענווייס זיך אויס־ציען ביז צו דער לענג פון דער ריין בונדיסטישער „נאַציאָנאַל־קולטור־רעלער אוטאָנאָמיע””. ניט אנגערירט וועט דערביי בלייבען דער אויבען פאָרמולירטער אינוועניגסטער קערן.

לײדער קאָן איך ניט אַרויסזאָגען קיין וועלכע עס איז מיינונג וועגען אָט די צונויפשרומפּונגען אָדער אויסברייטערונגען פון דעם גרעסערען געדאַנקען־קרייז מחוץ דעם „קערן”. וולאַדעק טרעט זעהר זעלטען ארויס אין ריין אידישע ענינים, — און אויך דאָס מיינסטענס: אָדער אין גאַנץ ספּעציעלע פראַגען, אָדער אין אַ פּאָלעמיק מיט אַנ־דערש דענקענדיגע ריכטונגען. דערפאר ווייס איך אבער, אז אין זיין „אינוועניגסטען קערן”, ווי איך רוף דאָס אָן, איז ער צונויפגעבונדען מיט דעם גאַנצען אידישען פאָלק ניט נאָר ווי אַן אגיטאַטאָר, אָראַטאָר און עפענטליכער טוער פון דעם אידישען אַרבייטער־קלאַס. ער איז צונויפגעבונדען מיט דעם פאָלק, ווי אַ מיט־העלפער און מיט־בויער פון דער מאָדערנער אידישער ליטעראַטור אין דער שפּראַך־ספערע פון אידיש, וואָס איז זיכער אַ סך ברייטער, איידער די אינטערעסען־ספערע פון אַ באַשטימטען קלאַס. אויך דאָ בין איך לײדער גע־צוואונגען זיך אָפּצוזאָגען פון אַ וועלכען עס איז טאָטאַלען אָפּשאַץ, מחמת עס פעהלען נאָך די מאַטעריאלען פאַר דעם אָפּשאַץ פון זיין ריין ליטעראַרישער טעטיגקייט אין אידיש, אָנגעהויבען מיט זיינע קרי־טישע רעצענזיעס (נאָך אין רוסלאַנד) אונטער דעם פסעוודאָנים „באָניע ברכות” ביז זיינע ארויסטרעטונגען אין דער „צוקונפט” און אפשר אויך אין אַנדערע זשורנאַלען און זאַמעל־ביכער. פרעג איך: איז נאָך ניט געקומען די צייט, ווען וולאַדעק זאָל אַ טראכט טאָן וועגען ארייננברענגען אין שייער אַל׳ די גערעטעניש, וואָס איז איהם באַ־שערט געווען אויף אָט דעם פעלד פון זיין טעטיגקייט?

אָבער ניט נאָר אין דער אידישער וועלט האָט זיך וולאַדעק דערוואָרבען אַ געהויבענעם נאָמען. ער איז אויך אַ זעהר חשוב׳ער געזעלשאַפטליכער טוער אין דער אַמעריקאנער סאָציאליסטישער וועלט, אין דער אַמעריקאַנער אַרבייטער־באַוועגונג בפרט, און אין דער אַמערי־קאַנער פּראָגרעסיווער פּאָליטיק בכלל. דאָ מוז איך שוין אין גאַנצען

בלייבען שטום. מיר זיינען די דאָטען פון זיין טעטיגקייט אויף אַט די פעלדער לחלוטין אומבאַקאַנט, ווייל איך בין אַלץ נאָך אַ „פּרעמ־דער", — ווען אפילו ניט גאָר קיין „גרינער", — אין דער ענגליש־שפּרעכענדיגער אַמעריקאַנער עפענטליכקייט. אָבער אויך דאָ ווייס איך, אַז ב. וולאַדעק האָט זיך דערוואָרבען אַ שעהנעם נאָמען און ווערט הויך געשעצט ניט נאָר אין דער אַמעריקאַנער סאָציאַליסטישער און אַרבייטער־באַוועגונג, נאָר אויך אין דער אַלגעמיין־פּראָגרעסיווער עפענטליכקייט. אַנדערע פריינד זיינע, וואָס שטעהען נעהענטער איידער איך, צו איהם און צו זיינע פאַרשידענע טעטיגקייטען, האָבען מעהר רעכט, איידער איך, צו רעדען וועגען זיי און וועגען זייער באַדייט.

יעדער פון די פריינד זיינע, וואָס באַטייליגען זיך אין דעם יום־טוב פון דעם בעל־היובל, טוט דאָס, ווייל ער שעצט וולאַדעק'ן פאַר דער אָדער יענער זייט פון זיין עפענטליכער טעטיגקייט, פאַר דעם אָדער יענעם שטריך אין זיין פּערזענליכקייט. איך טו עס פון דעם גאַנצען האַרצען, ניט נאָר ווייל איך שעץ וולאַדעק'ן ווי אַ וויכטיגע און שעהנע פיגור אין דער אַמעריקאַנער עפענטליכקייט; ניט נאָר ווי אַ מיט־העלפער און מיט־בויער פון אונזער נייער קולטור־ספערע אין אידיש, און אויך ניט נאָר, ווייל איך זעה אין איהם תמיד דעם טרייען דינער פון דעם אינטערנאַציאָנאַלען סאָציאַליזם, נאָר אויך דערפאַר, וואָס איך קאָן קיינמאָל ניט פאַרגעסען, אַז ער איז אַרויס־געבראַכט געוואָרען פון יענעם אַלגעמיינעם אידיש־סאָציאַליסטישען געדאַנקען־שטראָם, צו וועלכען איך האָב דעם כבוד צו געהערען עד היום הזה.

ווי אויבען באַמערקט, איז יענער שטראָם זיך פאַנאַנדערגעגאַנגען אין די פאַרשידענסטע ריכטונגען. די פון זיי, וואָס זיינען געבליבען אויף דער אַרענע, פיהרען נאָך אַלץ אַ העפטיגען קאַמף צווישען זיך און ניט איין שאַרפע פייל איז פון וולאַדעק'ס געגנער אָפּגעשאָסען געוואָרען אויך אין איהם. אָבער דאָס וועט קיינער פון זיי ניט לייקענען, אַז יעדע איינע פון די איהם פיינדליכע אידיש־סאָציאַ־ליסטישע ריכטונגען וואָלט זיך געפיהלט גאָר געהויבען, ווען וולאַדעק זאָל זיך האָבען אַוועקשטעלען און קעמפען אונטער איהר פאַהן. דאָס איז אין מיינע אויגען גאָר אַ געהויבענער שבח.

און—ווער ווייס, וואָס אונזער צייט קאָן ברענגען מיט זיך?

„צייטען בייטען זיך און מיר בייטען זיך אין זיי”. אונזער צייט, — די רעאקציאָנערסטע אין דער געשיכטע פון די לעצטע דורות, וועט מוזען צווינגען די פארשידענע ריכטונגען אין דעם אלגעמיינעם סאָציאליזם, זיך אלץ מעהר און מעהר צו דערנעהענטערען זיך איינע צו דער אַנדערער. דיזעלביגע רעאקציע, פון וועלכער מיר, אידען, ליידען אם שטאַרקסטען, קאָן אויך צווינגען די פארשידענע סאָציאליסטישע ריכטונגען אין דער אידישער וועלט, אויסצוגעפינען א באָדען, אויף וועלכען זיי אלע, אָהן א וועלכער עס איז פאַרגעוואַלטיגונג פון יעדענס איבערצייגונגען און אידעאַלען, זאָלען קאָנען אויפשטעלען א „פאַראייניגטען פראָנט” אנטקעגען אלע שונאים פון דעם אידישען אַרבייטער־קלאַס און פון דעם אידישען פאָלק. ווי וואָלט זיך מיר געוואָלט, אז אויף אָט דעם פריי־פאַראייניגטען פראָנט זאָל אויך וולאַדעק, מיט זיינע טאַלאַנטען און זיין ענערגיע, שטעהן אונטער דער פאָהן פון זיין ריכטונג, און זיין איינער פון די טרייעסטע, איבערגעגעבענסטע קעמפער.

מיט אָט דעם ספּעציעלען וואונש אין מיין ברוסט באַגריס איך הארציג דעם בעל־היובל און ווינש איהם פון גאַנצען הארצען געזונט און לאַנגע יאָהר און שטענדיגער טרייקייט צו אונזערע אלעמענס אידעאַלען פון פולער סאָציאַלער און נאַציאָנאַלער באפרייאונג פאַר אַלע אונטערדריקטע קלאַסען און אַלע אונטערדריקטע פעלקער.

Karl Kautsky
Wien XVIII
Haizingergasse 47

16 December 1931

Lieber Freund Vladeck

als wir in diesem Sommer die Freude hatten Sie persönlich begrüßen zu dürfen ahnten wir nicht daß schon Ihr fünfzigster Geburtstag vor der Türe stehe. Nun straft er Ihre Jugendfrische Lügen und trifft doch ein.

Da wollen wir die Gelegenheit nicht versäumen, uns den Vielen anzuschließen die ihn benutzen werden Ihnen zu danken für die Dienste, die Sie für unsere Sache geleistet und den Wunsch auszusprechen, Sie mögen noch viele Jahre hindurch in der Lage sein, für die Sache des Sozialismus im Judentum, in Amerika, in der Menschheit überhaupt zu wirken.

Gibt es doch keine so internationale Nation, wie die Juden. Die Diaspora ist ein Unglück für die Juden, ein Glück für die Menschheit.

Ihr 50 Geburtstag, lieber Freund Vladeck, fällt wohl in eine böse Zeit, aber doch ist sie nicht ~~in keine~~ hoffnungslos. Wir sind in einer Periode ~~Zeit~~ fast allgemeiner Gegenrevolution. Aber im Unterschied zu früheren Zeiten dieser Art nach

איבערזעצונג פון דער באגריסונג געפינט זיך אויף די זייטען 44 און 45.

1815 und 1849, ist es keine Zeit der Grabesstille. Im Gegenteil eine Zeit wildester Abenteuer und Experimente. Die Massen, durch Weltkrieg und Weltkrise verwirrt, lassen sich zunächst durch die frechsten Schwindler mit der lautesten Barnumreklame imponieren. Aber früher oder später machen diese Schwindler Bankrott und dann kommt wieder die Zeit für die alte solide Firma der Sozialdemokratie in der ganzen Welt. Diese Zeit ist vielleicht näher als mancher glaubt. Die Führer des faschistischen Schwindels beginnen bereits sich sehr unsicher zu fühlen. Abessinien kann für Mussolini werden, was Mexiko für den dritten Napoleon wurde. Unsere Aufgabe wird es sein dafür zu sorgen, dass die Parallele nicht weiter geht und nicht dem Zusammenbruch des Cäsarismus die Niederwerfung einer Commune-Erhebung folgt.

Dem Arbeiter Amerikas ist es bestimmt, in diesem kommenden Aufschwung der sozialistischen Arbeiterbewegung der Welt neben jener Englands eine führende Rolle zu spielen. Ich kann Ihnen wohl nichts besseres wünschen, als dass es dem Jüdischen Forward vergönnt sein möge bei diesem Aufschwung im Vorkampfe zu stehen und zu seinem siegreichen Fortgang nach Kräften beizutragen.

In dieser frohen Erwartung wiederholen wir unsere Wünsche für Ihr persönliches Wohlergehen und bitten Ihnen [illegible] mit den herzlichsten Grüßen. Ihr ergebener

Karl Kautsky

and with heartiest wishes
yours truly Luise Kautsky

באַגריסונג פון קאַרל און לואיזע קאַוטסקי

קאַרל קאַוטסקי
הייצינגער גאַססע 47

דעצעמבער 16, 1935

ליבער פריינט ווילאַדעק :—

בעת מיר האָבען היינטיגען זומער געהאַט דעם פאַרגעניגען אייך פּערזענליך צו באַגריסען, האָבען מיר קיין אהנונג ניט געהאַט, אַז אייער פופציגסטער געבורטסטאָג שטעהט שוין ביי דער טיר. נו, שטראָפט אייך דער יונגער פרישער אויסזעהן אייערער, און אייער פופציגסטער געבורטסטאָג קומט דאָך.

באַנוצען מיר זיך מיט דער געלעגענהייט ניט צו פאַרזאַמען זיך אָנצושליסען אָן די פילע, פילע פריינט אייערע אייך צו באַגריסען און אייך צו דאַנקען פאַר די אויפטואונגען אייערע פאַר אונזער באַוועגונג. מיר דריקען אויך אין דער זעלבער צייט אויס אונזער וואונש, אַז איהר זאָלט נאָך אַ סך, אַ סך יאָהרען זיין אין דער לאַגע צו טאָן פאַר דעם סאָציאַליזם און פאַר דעם אידישען פאָלק ביי אייך אין אַמעריקע און פאַר דער מענשהייט אויף דער גאַנצער וועלט.

עס איז דאָך אין דער גאַנצער וועלט ניטאָ קיין אינטערנאַציאָנאַלערע נאַציאָן, קיין אינטערנאַציאָנאַלערער פאָלק ווי די אידען. דער גלות איז אַן אומגליק פאַר די אידען און אַ גליק פאַר דער מענשהייט.

אייער פופציג יאָהריגער געבורטסטאָג, ליבער פריינט ווילאַדעק, פאַלט אויס אין אַ שלעכטע צייט, אין אַ בייזע צייט, אָבער זי איז דאָך ניט אַזוי האָפנונגסלאָז ווי מאַנכע שטעלען זיך פאָר. מיר לעבען אין אַ צייט פון כמעט אַן אַלגעמיינער קאָנטר־רעוואָלוציע, אבער עס איז דאָך אַן אונטערשיד פון היינט צו די פריהערדיגע צייטען פון דעם סאָרט ווי, למשל, די צייטען פון 1815־1849. זי איז דאָך

ניט קיין צייט פון קבר שטילקייט. פארקערט, זי איז א צייט פון די ווילדסטע אוואנטורעס און עקספערימענטען.

די מאַסען, צוטומעלט פון וועלט־קריג און פון וועלט־קריזיס, לאָזען זיך דערוויל בעאיינפלוסען דורך די פרעכסטע שווינדלער מיט זייערע מארק־שרייערישע רעקלאַמען.

אָבער פריער אדער שפּעטער וועלען די דאָזיגע שווינדלער דאָך קומען צום באַנקראָט און דאן וועט ווידער קומען די צייט פאר דער אַלטער פאַראַנטוואָרטליכער פירמע, פאר דער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע אין דער גאַנצער וועלט.

די צייט איז אפשר נעהענטער ווי פאר א סך פון אונז קוקט אויס. די פירער פון דעם פאַשיסטישען שווינדעל הויבען שוין אָן אַלץ מעהר און מעהר זיך צו פיהלען ניט זיכער אויף זייערע פּאָזי־ציעס. אביסיניע קען ווערען פאר מוסאָליני וואָס מעקסיקא איז גע־וואָרען פאר נאַפּאָלעאָן דעם דריטען. אונזער אויפגאבע וועט זיין צו זאָרגען פאר דעם, אז דער פארגלייך זאָל ניט געהן ווייטער און זאָל ניט ווערען אזוי ווי דער צוזאַמענברוך פון צעזאריזם, וועלכער האָט מיט זיך געבראכט דעם צוזאמענברוך פון דער פאריזער קאָמונע.

די ארבייטער פון אמעריקע זיינען די אויסערוועהלטע אין דער קומענדיגער אויפלעבונג פון דער סאָציאַליסטישער ארבייטער באווע־גונג פון דער וועלט צו שפּילען א גרויסע ראָלע צוזאמען מיט ענג־לאַנד.

איך קען אייך דעם אמת געהרעדט ניט ווינשען עפּעס בעסערס ווי דאָס, אז דעם אידישען „פאָרווערטס" זאָל זיין באשערט אין דער דאָזיגער אויפלעבונג צו שטעהן אין די ערשטע רייהען און צו העלפען מיט אַלע כחות דעם זיגרייכען אויפגאַנג פון דער נייער פרייהייט.

מיט דער דאָזיגער מונטערער האָפנונג ווידערהאָלען מיר אונ־זערע וואונשען צו אייך פערזענליך. מיר ווינשען אייך געזונט און גליק און דריקען אייך פון וויטען די האַנט.

מיט די הארציגסטע גרוסען

אייער,

קארל און לואיזע קאוטסקי.

ה. לייוויק

לידער

נאַכט געטרייע

(ב. וולאַדעקן געווידמעט)

צווישען ריזנשאָטענס מיין אייגענער שאָטען, —
מיין קאָפּ ביז סאַמע וואַלד נעמט גרייכען;
דער אָווענט וועהט מיט הייסען אָטעם,
און אומרו יאָגט פון אַלע הויכען.

דער וועג צום וואַלד. — איך שפּאַן ניט ווייטער,
כ׳בלייב פּלוצלונג שטיין אין שרעק פאַרגאַפטער:
פון טיף פון וואַלד יאָגט אָן אַ רייטער,
און שניידט די ערד אין ווילדע קלאַפּטער.

ער יאָגט, — און ס׳פערד, מיט פיס ווי שפּיזען,
שטעכט דורך דאָס פעלד, רייסט אויף אין גריבער,
ער שטעכט אויך דורך די שאָטענס־ריזען,
ער רייסט זיי אויף, און טאַנצט אַריבער.

געפייף פון ווינט, געפּאַך, געקלימפּער, —
וואוהין ער יאָגט — דאָס ווייס אַליין ער;
איך האַלט קוים אויס זיין ווילדען אימפּעט,
דעם האָגעל קלעפּ פון זאַמד און שטיינער.

ער יאָגט אַוועק. פון אויג פאַרשווינדט ער,
נאָר ערד און איך מיר בלייבען דולע;
עס דוכט זיך אויס — אַ טיפער ווינטער
נעמט דורך דאָס האַרץ פון הייסען יולי.

דורך אַלע בוימער יאָגט אַ פיבער,
די שאָטענס טאַנצען אום ווי שיכור.
און מיין שאָטען — אַ שלאַנג אין גריבער —
ער וואַרפט זיך אום צעהאַקט אויף שטיקער.

די נאַכט קומט אָן. — אָ, נאַכט געטרייע,
ניט נאַכט פון סימבאָל, ניט פון מיפן, —
נאָר נאַכט פון וועלדער, נאַכט אָן פייער —
פאַרנעם מיך אויף אייביג אין דיינע טיפען.

פול זאָל זיין די פרייד

אַ פייער דאָס לייב פאַרצערט,
אין בלוט דאָס פייער ברענט;
עס וואַקעלט זיך אונטען די ערד,
עס ברעכען זיך אַלע פיר ווענט.

מיין קול הילכט אָפּ מיט פרייד
אין דונערדיגען רעש:
כ'בין גרייט, בין גרייט, בין גרייט
צו ווערען אַ בערגעל אַש.

אַז דו האָסט מיך ניט דערקענט
אין לעבעדיגען גוף, —
אויף פינגער פון דיינע הענט
מיין אַש כאַטש נעם אַרויף.

און פול זאָל זיין די פרייד
נאָך מער ווי ס'איז באַשערט:
צעזיי מיך און צעשפרייט
אויף גאָרער, גאָרער ערד.

נח (וואַרשע)

נח באַגריסט ברוכ׳ן

עס וואָלט אייגענטליך געווען א יושר אָפּצושאַפן אַזעלכע יובילעאום־פייערונגען. איז דאָס דען וויכטיג, ווען מען באַווייזט זיך אויף דער וועלט, פיל וויכטיגער איז דאָך, ווען מען דערזעהט די וועלט. און דאָס איז דאָך ביי אונז געקומען א סך, א סך שפּעטער. וואָלט געווען פיל גלייכער אָט אַזעלכע דאַטעס פון אונזער לעבען צו פייערן, ווייל דער מאָמענט פון גייסטיג רייף ווערען איז דאָך באמת א וויכ־טיגער, איך וואָלט געזאָגט, א דערהויבענער מאָמענט אין אונזער לעבען. אגב וואָלטען מיר דערביי נאָך א זאך „געוואונען״, — עס איז פּאָרט עפּעס לייכטער אויפ׳ן הארצען, ווען מען האָט פאר די אויגען, למשל, א 30 יאָהר, אײדער א 50.

אָבער, ווי זאָגט מען, „די וועלט קאָן מען ניט איבערמאַכען״ (עס קלינגט אביסעל אפילו מאָדנע אין מויל פון א סאָציאַליסט אַזא אויסדרוק!), מוז איך זיך איבערטראָגען מיט מיינע רעיונות צום 1886 יאָהר; ווען הילד, וועלכער האָט מיט פיל יאָהרען שפּעטער זיין אמת׳ן נאָמען וולאַדעק באַקומען, האָט זיך אויף אונזער זינדיגער ערד באַוויזען.

דאָס איז געווען אין מיטען פון די 50גער יאָהרען פון פאַר־גאַנגענעם יאָהרהונדערט. מיר האָבען שוין געהאַט הינטער זיך דעם רומפּולען פּעריאָד פון דער „נאַראָדנאַיאַ וואָליא״ (פאָלקס־באַפריי־אונג) פון איין זייט, און די אידישע פּאָגראָמען פון דער צווייטער: דער רעוואָלוציאָנערער אויפשטייג פון די 70גער יאָהרען האָט געזאָלט פאַרגאָסען ווערען מיט׳ן בלוט פון דער אידישער אָרעמקייט. דעם פאָלקס־צאָרען האָט די פינסטערע צארישע רעאקציע געזוכט אָפּצו־ווענדען פון זיך, און דער אומצופרידענקייט פון דעם רוסישען פויער און ארבייטער געבען אַן אַנדער אויסוועג, ווי דאָס ווערט געטאָן

אין אונזערע צייטען ניט אין א וועניגער גרויזאמער פאָרם אין א היטלער־דייטשלאַנד.

עס איז געווען א צייט, ווען עס האָט זיך געדוכט, אז דער צאַריזם זיצט פעסט אין זאָטעל און קיין שום געפאַהר דראָהט איהם ניט. פון דעם שרעקליכען, פאַר'ן צאַריזם, „איספּאָלניטעלני־קאָמיטעט נאַראָדנאַי וואָלי" (אויספיר־קאָמיטעט) איז שוין כמעט קיין שפּור ניט געבליבען, ווער אויף דער תליה אומגעקומען, ווער אין שליסעלבורגער און אנדערע קאטאָרגעס פארשפּארט און געפּוילט.

אזוי האָט זיך דאָס אבער נאָר געדוכט. א נייער „אינערליכער שונא" קומט אויף, א „שונא", וועלכער כאַפּט אונטער און ציט ווייטער די „גאָלדענע קייט" פון דער רומפּולער „נאַראָדנאַיאַ וואָליאַ", א טויזענט קעפּיגער שונא, ביי וועלכען, ווי אין דער גריכישער לעגענדע, אַנשטאָט איין אָפּגעהאקטען קאָפּ וואקסען אויס טויזענטער נייע. דער ארבייטער־קלאַס פון דער צארישער מדינה נעמט איבער אין זיינע הענט דעם גורל פון דער רוסישער רעוואָלוציע.

און אין דעם אידישען „תחום" האָט זיך אויך א ריהר געטאָן. בעת פון איין זייט ווערט א טייל פון דער אידישער געזעלשאפט באַהערשט דורך נאַציאָנאַליסטישע שטימונגען און ווערט דורכגעדרונגען מיט דער ספּעציפישער גלות־פּסיכאָלאָגיע, דערוואכט דער אידישער ארבייטס־מענש פון זיין שקלאפען־שלאָף און כאפּט אויף די לערן פון דער „נייער תורה", דער תורה פון קעמפּענדיגען ארבייטער־קלאַס, דער תורה פון סאָציאַליזם.

עס איז געווען די צייט, ווען אין אידישען לעבען האָבען זיך באוויזען צוויי שטראָמען: איינער האָט געבראכט דעם אידישען בירגערטום (זיין מיטעל און קליין־בירגערליכען שיכט) צום הערצלישען ציוניזם, און דער צווייטער — פון די אידישע ארבייטענדיגע מאסן — צום „אלגעמיינעם אידישען ארבייטער בונד".

חבר וולאַדעק ענדיגט זיינע קינדער־יאָהרען, זיינע, אזוי צו זאָגען, חדר־יאָהרען אין מאָמענט, ווען דער „בונד" איז שוין געווען פולשטענדיג פאָרמירט און האָט שוין פארנומען דעם אויבנאַן אויף דער אידישער ארבייטער־גאַס.

חבר וולאַדעק קומט צום „בונד". זיין וועג צו איהם איז אָבער ניט קיין גראַדליניקער. דערצויגענע אין נאַציאָנאַל אידישע טראַדיציעס, געפינט ער זיך אָנפאנגס אין די רייען פון דער ציוניסטישער

באוועגונג, אמת, פון איהר דעמאָקראטישער, כלומרשט „פּראָלעטאַרישער” אָפּווייכונג. ער בלייבט אָבער דאָרט ניט לאַנג. די נאַציאָנאַלע געפיהלען, דער נאַציאָנאַלער גייסט, וועלכען ער האָט אין זיך איינגעזאַפּט אין זיינע קינדער יאָהרען, האָבען ניט באוויזען גובר צו זיין זיינע שטרעבונגען באמת צו דינען די ארבייטער־מאסען. זיי האָבען איהם דיקטירט זיך שטעלען אין די רייען פון „אַלגעמיינעם אידישען ארבייטער־בונד”.

און דאָ, אין בונד, אַנטפּלעקט זיך חבר וולאַדעק (אַ פּסעוודאָנים, וועלכער האָט זיך צוגעקלעפּט, ניט אָפּצורייסען) אין זיין גאַנצען פּראכט. באַגאַבט פון דער נאַטור, אַ גלענצענדער רעדנער (מען האָט איהם ביי אונז גערופען „דער יונגער לאַסאַל”), אַן אויסגעצייכענטער אַגיטאַטאָר, מיט אַ פיינער פען אין האַנט, פארנעמט ער אַן אָנגעזעהן אָרט אין „בונד”. מיר זעהען איהם אין פארשידענע שטעדט פון ראַיאָן פון „בונד”, און אומעטום דערוועקט ער צו זיך די הייסע סימפּאַטיעס.

חבר וולאַדעק עמיגרירט אין אַמעריקע. דער אַמעריקאַנער פּעריאָד בילדעט אַ גאַנץ באַזונדערען קאַפּיטעל אין זיין לעבען, וועלכער איז מיר וועניגער באַקאַנט און וועלכען איך וויל דאָ ניט באַרירען. איך גלויב, אז די דאָזיגע אויפגאַבע וועלען דערפילען אונזערע אַמעריקאַנער חברים. און כדי מען זאָל דאָס ניט אויפפאַסען אלס אַ דיפּלאָמאַטישען מאַנעוור פון מיין זייט, וועל איך דאָ גאַנץ קאַטעגאָריש און אויפריכטיג זאָגען: פיל פון חבר וולאַדעק'ס פּאָליטישע און געזעלשאפטליכע האנדלונגען אין אַמעריקע האַלט איך פאַר ניט ריכטיג. דאָס באַציהט זיך סיי צו ריין אַמעריקאַנער פּראָבלעמען, סיי צו פּראָבלעמען פון אידישען לעבען.

חבר וולאַדעק האָט זיך אין אייניגע הינזיכטען געענדערט, זינט ער געפינט זיך אין אַמעריקע. אין איין הינזיכט איז ער אָבער געבליבען אומגעענדערט, אין זיין טריישאַפט און איבערגעגעבענהייט צום „בונד”, צום „בונד”, וועלכען ער האַלט, אז דאָס איז זיין „בונד”. זיינע אויפטואונגען פאַר אונזער „בונד” — און די דאָזיגע אויפטואונגען זיינען גאָרניט קיין קליינע — זיינען ביי איהם אַ רעזולטאַט פון זיין אינערליכער באַציאונג צום „בונד”, אָן אַ צומיש פון וועלכע ניט איז אנדערע טענער.

דעם איינדרוק האָב איך יעדעס מאָל, ווען איך טרעף זיך מיט חבר וולאַדעק'ן.

באַגריסונג פון פּראָפעסאָר ש. דובנאָוו

Prof. S. Dubnow
Riga

שמעון דובנאָוו
ריגא

Riga, 12. XII. 35
Meža prospekt 68
Tel.: 36177

[illegible]

[illegible]

6794/15/4

448

ר. אבראַמאָוויטש (פּאַריז)

וולאַדעק דער פֿאָלקס-רעדנער

אין 1906טען יאָהר, בשעת די וואהלען צו דער צווייטע דומע, בין איך „געלאָפען" אין מיין פאָטערשטאָט דווינסק פאַר אַ קאַנדידאַט פון „בונד". די צייטען זיינען נאָך געווען „ליבעראַלע" און מען האָט געקאָנט מאַכען וואהל-פֿאַרזאַמלונגען. די וועהלערשאַפט איז אין דער ערשטער וואהל-שטופע געווען איינגעטיילט אין נאַציאָנאַלע קוריעס: די אידען באַזונדער פון די ניט-אידען. — אָבער קיין אידיש האָט מען ניט ערלויבט צו רעדען אין די אידישע וואהל-פֿאַרזאַמלונגען, רעדען האָט מען געמוזט נאָר רוסיש. און אָט קומט פאַר מיין ערשטע גרויסע פֿאַרזאַמלונג אין ראַצ'ס זאַל, אין דעם באַריהמטען זאַל, וואָס אַלע דווינסקער געדענקען איהם זיכער. מיין קאָנקורענט אין דווינסק איז געווען אַן אָרטיגער כלל-ישראל טוער, אַ געמיינזאַמער קאַנדידאַט פון אַלע אידישע פּאַרטייען אַ חוץ דעם בונד. אונטערשטיצען זיין קאַנדידאַטור איז אַראָפּגעקומען פון פּעטערבורג אַ באַוואוסטער אַדוואָקאַט. האָט אונזער קאָמיטעט באַשלאָסען אַראָפּצוברענגען וולאַדעקין — דעם „יונגען לאַסאַל", ווי מען האָט איהם גערופען.

דאָס איז געווען דעמאָלט דאָס ערשטע מאָל, ווען איך האָב געהערט וולאַדעק'ן האַלטען אַן עפענטליכע רעדע. ער האָט גערעדט רוסיש, אַ שפּראַך, וואָס איז ניט געווען זיין מוטער-שפּראַך און וואָס ער האָט באַהערשט גאַנץ גוט, אָבער בשום אופן ניט גלענצענד. ער האָט גערעדט רוסיש מיט יענעם שאַרפען אידישען אַקצענט, וואָס 90 פּראָצענט אפילו אַקאַדעמיש-געבילדעטע אידען, וואָס האָבען דורכגעמאַכט גימנאַזיע און אוניווערזיטעט, קענען זיך פון איהם קיינמאָל ניט באַפרייען.

רעדען אין אַ פרעמדער שפּראַך איז שטענדיג דער גרעסטער

און געפערליכסטער פּרוביר־שטיין פאַר אַ רעדנער. ניט האָבען קיין פרייהייט אויסצוקלייבען דוקא יענע אינטימע און פיינע שאַטירונגען פון וואָרט, וועלכע דריקען אויס אַמבעסטען דיין געדאַנק; זיין געצוואונגען צו געברויכען „ציימונגס־מעסיגע", הילצערנע און האָ־מאָטנע פראַזעס, ווייל קיין שום אַנדערע פאַלען דיר ניט איין אין דעם מאָמענט; מורא האָבענדיג שטענדיג צו מאַכען אַ גרייז אָדער צו געברויכען אַ פאַלשען אויסדרוק; ניט קענען זיך „ארויסדרעהען" דורך אַ ווערטעל אָדער קונסטפולער סטיליסטישער ווענדונג אין דעם מאָמענט, ווען דיין צונג האָט דיך פאַרטראָגען אויף אַ פּראַזע, וואָס דו קענסט ניט פאַרענדיגען—אָט דאָס זיינען איינינע פון יענע שטערעני־שען, וואָס טרעפען זיך אַ רעדנער אויף אַ פרעמדער שפּראַך. דו רעדסט און דו פילסט, אַז דיינע ווערטער דערגעהען ניט צום הארצען פון די צוהערער; אַז דיין טאָן, דער געזאַנג פון דיין רעדע איז זיי פרעמד און רייסט זיי ניט מיט; דו רעדסט, ווי איינער, וואָס טאַנצט אויף גליטשיגען אייז: אָט־אָט וועל איך זיך אויסגליטשען און אַנידערפאַלען.

אפילו זעהר גוטע און געניטע רעדנער פאַרלירען ביי אַזוינע באַדינגונגען די אינעוויינינסטע זיכערקייט און די פעסטקייט, ביי זיי געהט פאַרפאַלען דער גלאַנץ און די איבערציייגונגס־קראַפט. אָבער ס'איז פאַראַן אַ סאָרט געבוירענע רעדנער „פון גאָט'ס גענאַד", וואָס זיי קען ניט בייקומען אפילו אַ פרעמדע שפּראַך. זייער טעמפּעראַ־מענט, זייער סוגעסטיווע קראַפט, זייער מאַגנעטישע ווירקונג אויף די צוהערער ברעכען דורך די וואַנט פון פרעמדקייט, זיינען גובר די סטיליסטיק און די גראַמאַטיק אפילו. אַזאַ רעדנער איז געווען אונזער אַזוי פריה פאַרשטאָרבענער אָבער אומפאַרגעסליכער סלאָוועק (בראָ־ניסלאַוו גראָסער). ער האָט גערעדט אַ געבילדעטען, ליטעראַרישען אָבער ביז גאָר שלעכטען ביכער־רוסיש, מיט משונה־דיגע „פאַרפּוי־לישטע" אויסדרוקען, מיט אַ שאַרפען פּוילישען אַקצענט. יעדער אַנ־דערער וואָלט געווירקט לעכערליך, ווען ער שטעלט זיך אַוועק רעדען אין אַזאַ שפּראַך. אָבער סלאָוועק'ס רעדנער־קראַפט האָט געגלאַנצט און געבליאַסקעט אפילו דורך דעם קאָמישען צודעק פון זיינע „פּאָ־לאָניזמען" און גרייזען, זיין קאָכיגער טעמפּעראַמענט האָט מיטגע־ריסען די צוהערער, וואָס האָבען באַוואונדערט די גבורה, מיט וועלכער

ער האָט געקעמפּט ניט נאָר געגען די געגנער, נאָר אויך געגען דער רוסישער שפּראַך!

אָט צו דעם טיפּ רעדנער באַלאַנגט אויך אונזער וואָלאַדעק. זיין ערשטע רעדע דעמאָלט אין דווינסק האָט מיר דאָס גלייך באַוויזען. דווינסק איז געווען אַן אַסימילירטע שטאָט. די אידישע אינטעליגענץ האָט דורכאויס גערעדט און געדענקט רוסיש. און דאָך האָט וואָלאַדעק'ס רעדע געהאַט אַ גוואַלדיגען ערפאָלג דוקא צווישען דער אינטעליגענץ און די „העכערע קלאַסען" פון דווינסקער אידענטום (אַרבעטער זיינען אין דער פאַרזאַמלונג געווען ווייניג, וואָרים די אַרבעטער האָבען דאָס רוב ניט געהאַט קיין וואַהל־רעכט, און די פּאָליציי האָט זיי ניט אַריינגעלאָזען אין זאַל). באַזונדערס באַגייסטערט איז געווען איינער פון אונזערע געגנער, דער הויפּט־מענעדזשער פון דעם צווייטען קאַנדידאַט. דאָס איז געווען אַ ציוניסט, אַ געבילדעטער מענש, אַ דאָקטאָר, דוקא אַ גרויסער אַסימילאַטאָר. „וואָס זייט איהר באַגייסטערט, — גיב איך איהם אַ שטאָך — „לאַסאַל" רעדט דאָך שלעכט רוסיש!" — „אַי, וואָס רעדט איהר — ענטפערט ער מיר — וואָס הייסט שלעכט רוסיש? ער רעדט דאָך אַזוי האַרציג און אַזוי אידישלעך!"

האַרציג און אידישלעך, אינטים און אַזוי פאָלקסטימליך, אַז מען פאַרגעסט ווענען דער שפּראַך־העמדעל און עס דוכט זיך אויס, אַז ס'איז גערעדט געוואָרען אין אידיש! אָט דאָס איז געווען דעמאָלט די כאַראַקטעריסטיק פון וואָלאַדעק'ס רעדנער־טאַלאַנט. דאָס איז געווען אין אָנהויב פון זיין קאַריערע. איך האָב איהם זינט דעמאָלט געהערט צענדליגער מאָל רעדען, אין אייראָפּאַ און אַמעריקאַ, אויף רוסיש, אידיש, ענגליש, — אויף פּאַרטיי־קאָנגרעסען, פאַרזאַמלונגען, אינטימע זיצונגען און באַנקעטען. און דער ערשטער איינדרוק איז געבליבען: אַ רעדנער פון „גאָט'ס גענאַד", אַ רעדנער, וואָס רעדט צום פאָלק, וואָס פאַרשטעהט צו פאַרטשעפּענען די אינטימסטע סטרונעס פון אַ מענשליכער נשמה.

ס'זיינען פאַראַן רעדנער, וואָס ווירקען דורך דער קונציגקייט פון זייער עלאָקווענץ, דורך דעם שעהן קאָנסטרואירטען פּלאַן פון דער רעדע, דורך דער בלומיגער מליצה פון זייערע משלים און מעטאַפאָרעס. זיי רעדען ווי געשריבען, ווי געדרוקט; אַלץ גלאַט, קייר־

לעבדיג, פּאָלירט, ווי אַ גוטער שטיק מעבעל.

ס'זיינען פאַראַן, פּאַרקערט, רעדנער, וואָס ווירקען אויפ'ן סענ־טימענט, אויפ'ן אוממיטעלבאַרען געפיהל: זיי שרייען, וויינען, קלאָ־גען, פאַרכאַפּען די אוידיטאָריום מיט דעם אמת'ן אָדער דאָס רוב פאַלשען, געמאַכטען, היסטערישען פייער פון זייער לײדענשאַפט.

ס'זיינען פאַראַן רעדנער, וואָס שטודירען איין זייערע רעדעס פאַר אַ שפּיגעל. יעדע חכמה, יעדער גלייכווערטעל, יעדער וויץ צוגעגרייט און איינגעשטודירט אין פאָראויס.

ס'זיינען פאַראַן, פּאַרקערט, רעדנער־אימפּראָוויזאַטאָרען, וואָס ווייסען אַליין ניט ביז צו דער לעצטער מינוט, וואָס זיי וועלען זאָגען, וואָס וואַרטען אויף דער אינספּיראַציע, אויף דער שכינה, וואָס וועט זיך אַראָפּלאָזען אויף זיי, ווען זיי וועלען שטעהן אויף דער בימה.

יעדער עכטער רעדנער האָט צוביסלאַך פון אָט די אַלע קאַ־טעגאָריעס אָראַטאָרען. און אַזוי איז אויך וולאַדעק. ער פאַראייניגט אין זיך די גוטע עלעמענטען פון די פאַרשידענע טיפּען רעדנער.

זיינע רעדעס זיינען דורכגעטראַכטע און לאָגיש געבויטע, מיט איינפאַכער אָבער שעהנער קאָנסטרוקציע. זיין שפּראַך גלענצט מיט ווערטלאַך און מעטאַפאָרעס, וואָס בלייבען אין זכרון פון די הערער. זיינע מעשה'לאַך און משלים זיינען צוגעגרייט אין פאָראויס און די גאַנצע רעדע איז אַמאָל דירעקט אויפגעבויט אויף זיי. אָבער אין דער זעלבער צייט איז ער אויך אַן אימפּראָוויזאַטאָר, וואָס לאָזט זיך אַליין מיטרייסען פון דער אינספּיראַציע, וואָס ער באַקומט פון דער מאַסע, און רייסט מיט מיט זיך דעם זאַל. ער אַפּעלירט דאָס רוב צום אינטעלעקט, צום פאַרשטאַנד, צו דער לאָגיק, אָבער ער קען אויך זיין פּאַטעטיש, לײדענשאַפטליך, ער קען אָנצינדען די אוידיטאָריום מיט התלהבות, מיט באַגייסטערונג, מיט פייער פון ריהרונג.

דער עיקר אָבער: זיין קאָנסטרוקטיוויזם איז קיינמאָל ניט קיין אַקטיאָרסקער און זיין לײדענשאַפט איז קיינמאָל ניט קיין דעמאַגאָ־גישע. ער בלייבט שטענדיג אויף דער הויך און ציט דעם הערער צו זיך אַרויף. ער לאָזט זיך קיינמאָל ניט אַראָפּ אין די נידערונגען פון גאַסען־רעדנעריי, וואו מען חנפה'ט דעם המון און פייטשט

אויף די נידעריגע אינסטינקטען, וואו מען „האקט פּראַזעס" כּדי צו באַקומען אַפּלאַדיסמענטען, וואו מען „פאַרבויגט" איבערצייַ־גונגען, כּדי דער עולם זאָל פּאַטשען בראַוואָ.

אַמעריקע האָט ארויפגעלייגט אַ שטאַרקען שטעמפּעל אויף וואָל־דעק'ס פּערזענליכקייט און זיין רעדנערישע מאַניער. די וויציגע, אַביסעל סקעפּטישע, ניכטערע און ראַציאָנאַליסטישע אַרגומענטאַ־ציע, דער פּראַקטישער, קאָנקרעטער, עמפּירישער צוגאַנג דיקטירט דורך דעם געזונטען „קאָמאָן סענס", דער פרישער, אָבער ניט־צו איבערגעשפּיצטער הומאָר, די אַבזיכטליכע טרוקענקייט פון טאָן, אינאיינעם מיט אַ וויץ, אַ גוטמוטיגען „קיבעץ" אָדער אַ סענטימענ־טאַלער מעשה'לע — אָט די אַלע אַטריבוטען פון אַן אַמעריקאַנישען רעדנער זיינען איצט אויך די אייגענשאַפטען פון וואָלדעק'ס רעד־נער־קונסט.

און אָט דער געבוירענער „אַמעריקאַניזם" פאַרפּלעכט זיך ביי וואָלדעק'ן מיט יענעם פאָלקסטימליכען טאַלאַנט פון ווירקען אויף די מאַסען, וואָס עס האָט ביי איהם ריכטיג באַמערקט נאָך מיט 30 יאָהר צוריק מיין דווינסקער אידעל. אפילו ווען ער רעדט ענגליש, איז ניט נאָר זיין אַקצענט (זאָל ער מיר מוחל זיין!), נאָר אויך דער גאַנצער געזאַנג פון זיין רעדע, דער בויג פון זיין קול, דער שמייכעל פון זיין פּנים, דער גלאַנץ פון זיינע אויגען הינטער די גלעזער — אַלץ איז אין איהם אַזוי „אידישליך", אַזוי אידיש־פאָלקסטימליך, אַזוי אָנציהענד פאַר דעם אויג און אויער פון דעם אידישען צוהערער, — אַז אין דעם ליגט דער סוד פון יענער סוגעסטיווער קראַפט, וואָס וואָלדעק האָט ספּעציעל אויף די אי־דישע פאָלקסמאַסען. וואָלדעק, דער פאָלקס־מענש, איז אויך אַ פאָלקס־רעדנער אין עכטען זין פון וואָרט, אַ פאָלקס־רעדנער אָהן דעמאַגאָגיע, מיט נאַטירליכער נאָבעלקייט און אינטימען צויבער.

אַ רעדנער ווערט ניט אַלט. ניט אַלט ווערען אויך אידעאַלען, הגם פילע סקעפּטיקער ווילען אונז איצט אין דעם איינרעדען. און אַזוי ווי וואָלדעק איז אי אַ רעדנער, אי אַ מענש מיט אַ וואַרימען און פעסטען האַרץ פאַר זיינע יוגענד־אידעאַלען, האָט ער אַלע שאַנסען צו בלייבען יונג אפילו נאָך זיין 50סטען געבורטסטאָג. דאָס ווינש איך איהם פון טיפען האַרצען.

דוד פינסקי

וואַדעק דער אויסגעהאַלטענער בונדיסט

נאָר א קליין שטיקעל צייט בין איך געגאנגען איין וועג מיט וואַדעק'ן. דאָס איז געווען, ווען ער איז געקומען אהער אין אמע־ריקע אין יאָהר 1910. דאמאָלסט האָב איך נאָך אָנגעהערט צום „בונד", און ער האָט זיך צוגעטוליעט אויף א צייט צו דעם „ארבייטער", וואָס יוסף שלאָסבערג און איך האָבען רעדאקטירט. מיר האָבען איהם אויפגענומען מיט אָפענע ארעמס, געפרעהט זיך, וואָס מיר האָבען געפונען אין איהם א מיטארבייטער, געהאָפט, אז ער וועט פארשטארקען אונזערע כחות, די כחות פון דער ס. ל. פּ., וואָס האָבען זיך אלץ מעהר און מעהר אויסגענומען.

אָבער אונזער שמחה איז געווען אויף א קורצער ווייל. גאָר שנעל האָט זיך וואַדעק ארומגעקוקט אין דעם היגען לעבען און באַשלאָסען צו פארבינדען זיין ווייטערע טעטיגקייט מיט דער ס. פּ. ער האָט אונז פארלאָזען און איז אוועק צום „פאָרווערטס", און איך האָב באלד נאָכדעם געפונען מיין וועג צו די פּועלי ציון, צו די ציוניסטישע סאָציאליסטען.

פון דאמאָלסט אָן געהן מיר פארשידענע וועגען, אבער דאָס האָט ניט באַאיינפלוסט אונזערע פּערזענליכע באציאונגען. מיר האָ־בען איינער דעם אנדערן ניט חושד געווען אין שלעכטע פּניות. מיר האָבען געוואוסט, אז יעדער איינער פון אונז האנדעלט נאָך זיינע בעסטע איבערצייגונגען און שפּילט זיך ניט מיט אָפּארטוניזם און אריבערלויפעניש׳ען.

אויב בונדיזם מיינט טאָן סאָציאליסטישע ארבייט צווישען די אידישע ארבייטער, וואו זיי געפינען זיך, בין איך קיינמאָל ניט גע־וואָרען אוים בונדיסט, נאָר האָב נאָך אויף זיך גענומען צו העלפען

די אידישע ארבייטער אין ארץ ישראל צו טאָן סאָציאַליסטישע אר־בייט.

און וולאדעק איז אוועק צו דער ס. פּ., ווייל ער איז געוואָרען איבערצייגט, אז איהר וועג צום סאָציאַליזם איז דער איינציג ריכ־טיגער פאר אמעריקע. און אויך ווייל ער איז געווען א געטרייער בונדיסט און ניט געוואָלט אָפּשטעהן פון דעם בונד אין אמעריקע, וועלכער האָט פארבונדען זיין גורל מיט דעם גורל פון דער ס. פּ.

וולאדעק איז געווען און געבליבען דער אויסגעהאַלטענסטער בונדיסט. פון זיין ערשטען אויפטריט אין עפענטליכען לעבען ביז איצטער איז ער פון דעם בונדיזם ניט אָפּגעטראָטען ניט אויף א האָר. אין וואָרט און מעשים ווערט ער שטענדיג פון איהם געפירט.

אויף איינעם, וועלכער איז געטריי זיך און זיין וועלט־אַנשוי־אונג, קאָן מען ניט זיין אין כעס, אפילו ווען זיין וואָרט און זיינע מעשים טוען אָפט זעהר וועה...

און אזוי ווינש איך איהם מיט'ן גאנצען הארצען, ער זאָל נאָך לאנגע, לאנגע יאָהר בלייבען געטריי זיך און זיין וועלט־אַנשוי־אונג.

נאָר — זאָל זיך דער בונדיזם ענדערן.

שאול גינזבורג

וולאַדעק — מיין לאַנדסמאַן

ביי אונז, אין מינסקער גובערניע זיינען פאראַן צוויי שטעדט־לאך: דוקאָר און רעבזשעוויטש. אידען האָבען ליב פראווען קאטאַ־וועס, פלעגט מען זיך ביי אונז וויצלען, אז שטעדט דארפען אויך האָבען מזל. אָט, למשל, רופט מען איין שטאָדט מיט כבוד: „רב זשעוויטש", און די אנדערע — מיט ביטול: „דו קאָר."

איך ווייס ניט, צי האָט טאקע די שטאָדט דוקאָר ניט געהאט קיין גליק מיט איהר נאָמען. אָבער אראָפּצופאַלען ביי זיך האָט זי אלענפאלס קיין גרונד ניט; זי איז א יחסנ'טע — זי האָט פון זיך געגעבען אזעלכע צוויי טוער, ווי ש. ניגער און זיין אינגערער ברו־דער ב. וולאַדעק.

כ'האָב א שוואכקייט צו מיינע לאנדסלייט. איך האָב זיי ליב, און ווען עמיצער פון זיי צייכענט זיך אויס, שפיר איך א מין געפיהל פון שטאָלץ. מען וועט אפשר זאָגען, אז דאָס איז א פּראָווינציעלער שטריך. מעגליך, אז ס'איז טאקע אזוי. אָבער אזא טבע האָב איך שוין: עס ציהט מיך צו מיינע לאנדסלייט, איך זוך זיי אומעטום און כ'גלוסט מיט זיי באקאנט ווערען.

מיט וולאַדעק'ן אבער איז מיר גאָר א לאנגע צייט ניט געלונגען צו שליסען באקאנטשאפט. אמת, איך בין אמאָל אלס קינד דורכגע־פאָרען מיט מיין פאָטער דורך דוקאָר, אויפ'ן וועג קיין סמילאָוויטש (אויך א שטעדטעל גרויס ווי א געניץ), אָבער וולאַדעק איז דאַן נאָך אויף דער וועלט ניט געוועזן. שפּעטער, ווען ער איז אָנגעקומען קיין מינסק, בין איך פון דאָרטען שוין מיט א צייט פריהער אוועק קיין פּעטערבורג. איך האָב, פארשטעהט זיך, גוט געוואוסט וועגען איהם, געלייענט זיינע שריפטען, פיל געהערט וועגען זיין געזעלשאפט־ליכער ארבייט, אבער קיינמאָל ניט געהאט די געלעגענהייט מיט

איהם צו טרעפען זיך. און ווי טשיקאווע דאָס זאָל ניט דוכטען, האָב איך מיך מיט איהם פערזענליך באקענט ערשט מיט צוויי יאָהר צוריק, ווען איך האָב מיך פון פאריז באזעצט אין אמעריקע.

עס איז פאראן א ווערטעל, אז מענשען זיינען ווי בערג: וואָס נעהענטער מען קומט צו זיי צו, אלץ קלענער ווייזען זיי אוים. אויף ווּלאַדעק'ן קאָן מען דאָס געוויס ניט זאָגען. איהר שפּירט גלייך, אז איהר האָט דאָ צו טאָן מיט א מענש פון א גרויסען פארנעם. א גלענ־צענדער רעדנער; אן אויסגעצייכענטער שרייבער; א פּאָליטיקער מיט א וויטען שוואונג; כאָטש א פארטיי־מאַן, אָבער אָהן פארטייאישע שפּאַקולען, וואָס פארשמעלען אָפּט דעם קוק. מיט איין וואָרט: א פערזענליכקייט פון א גרויסען סטיל, מאַסשטאַב.

און פאר אונז, פאר ב. ווּלאַדעק'ס לאנדסלייט איז זיין יובילעאום טאַקע א באַזונדער שמחה, אווירקליכער יום־טוב. מיר פיהלען זיך דערביי עפּעס ווי מחותנים ביי א שמחה. איך ווינש איהם פון גאנצען הארצען פיל, פיל גליק, געזונד און ערפאָלג. און אלס אלטער מיט־גליד פון דעם שרייבערשען צעך, האָב איך פאר איהם נאָך א וואונש: ער זאָל אָפטער ארויסטרעטען אלס שריפטשטעלער. דאָס ווינש איך ניט בלויז איהם, נאָר אויך דער אידישער ליטעראַטור און איהרע לעזער. זיי וועלען פון דעם שטארק געווינען.

נאָר אויב אָט דער וואונש מיינער זאָל אפילו ניט ערפילט ווערען, וועלען מיר צו אונזער יובילאר אויך קיין טענות ניט האָבען. ער גיט סיי ווי אזוי פיל אויף פארשידענע געביטען.

ו. אַלטער (וואַרשע)

וולאַדעק דער געטרייער בונדיסט

יעדער מענטש האָט זיינע מעלות און חסרונות. א ווערט־פולער מענטש איז ניט דער, וואָס איז פריי פון חסרונות, נאָר דער, וועלכער פאַרמאָגט גרויסע מעלות.

דער אַלגעמיינער כלל איז חל אויך אויף ח׳ וולאַדעק. צוליב זיינע גרויסע מעלות איז ער ארומגערינגעלט מיט א שטראָם פון סימ־פּאַטיע, וואָס פליסט פון פאַרשידענאַרטיגע קרייזען.

ס׳וועלען זיך געפינען מענטשן, וואָס וועלן שרייבן וועגן די פאַרשידענע מעלות פון ח׳ וולאַדעק. איך וועל זיך אָפּשטעלן בלויז אויף איינע פון זיי, אויף דער, וואָס מאַכט איהם ליב פאַר מיר. און דאָס איז זיין אויסערגעוועהנליכע לאָיאַלקייט און טריישאַפט צו דער באַוועגונג, פון וועלכער ער איז ארויסגעוואַקסען, צום „בונד״.

בעת זיין לעצטען באזוך אין וואַרשע האָט ח׳ וולאַדעק אויף א באַנקעט געהאַלטען ווי געוועהנליך א אינטערעסאַנטע רעדע. דעם גרעסטען איינדרוק האָט דאָן אויף מיר געמאַכט איין זאַץ פון אָט דער רעדע. איך געדענק איהם גענוי. ח׳ וולאַדעק האָט ווערטלאַך געזאָגט:

„אויב אויף דער וועלט וועט בלייבען איין איינציגער בונדיזם, וועל איך בלייבען שטעהן ביי איהם.״

איך גלויב, אז וולאַדעק האָט אויפריכטיג געמיינט, וואָס ער האָט געזאָגט, ווייל דאָס שטימט מיט דער לאָיאַלקייט, וואָס איז דער גרונט־שטריך פון זיין כאַראַקטער.

ס׳זיינען פאַראַן מענטשן, פאַר וועלכע דאָס פּאָליטישע לעבען און דער פּאָליטישער קאַמף קאָן געגליכען ווערען צו א פערד־געיעג. דאָרט באַטראַכט מען גענוי די שאַנסען פון אַלע פערד, און מען שטעלט ענדלאַך אויף דעם, וואָס שיינט צו האָבען די גרעסטע שאַנ־

סען דער ערשטער קומען צו דער מעטע. עהנלאך טוען יענע פּאָלי־טיקער, וואָס שטעהען צו צו דער באוועגונג וועלכע האָט, לויט זייער מיינונג, די גרעסטע שאנסען אויף זיגען. און קוים זיגט ניט די דאָזיגע באוועגונג, זיינען זיי אנטוישט, האָבען חרטה אויף זייער אויסוואהל און געהען אריבער צום שטארקערען צד.

און ס'זיינען פאראן פּאָליטיקער, וואָס זוכען פריער פאר אלץ א באַרעכטיגונג פאר זייער פּאָליטישער טעטיגקייט אין זייער אינער־ליכער וויזיע פון דער וועלט, ווי זי וואָלט געדארפט אויסזעהן אין דער צוקונפט. זיי שטעהען צו צו אַ באוועגונג נאָר צוליב דעם, וואָס זי קעמפּפט פאר צילען, וועלכע זיינען אמנאָענסטען צו דער דאָזיגער אינערליכער וויזיע. זיי זיינען גליקליך, ווען זייער באוועגונג זיגט, אָבער אפילו ווען זי ליידט אַ מפּלה בלייבען זיי איהר געטריי, ווייל ניט צוליב ערפאָלגען האָבען זיי זיך מיט איהר באהאָפטען. פאר־קערט, וואָס שווערער דער קאמף, אלס שארפער איז זייער געפיהל פון אינטימער סאָלידאריטעט מיט זייער באוועגונג.

אָט דער צווייטער מין פּאָליטיקער געהערט צו די מענשען, וואָס ניט נאָר זיי געניסען פון לעבען, נאָר אויך זיי געשטאַלטען דעם לעבען לויט דעם מוסטער, וואָס זייער גייסט האָט אויסגעטרוימט. דאָס זיינען די פּאָליטיקער אין בעסטען זין פון וואָרט.

די טריישאפט און די איבערגעבענהייט, וואָס וולאדעק וויזט ארויס פון צעהנדליגע יאָהרען צום „בונד", זיין גרייטקייט צו שטע־לען זיך שטענדיג צום דינסט פון „בונד" — אין די שלעכטע ווי אין די גוטע צייטען — באווייזען, אז ער געהערט צו דעם מין פּאָלי־טיקער.

און דעריבער איז ער באליבט ביי דער אידישער ארבייטערשאפט אין פוילען.

דר. מאַקס ווײַנרייך (ווילנע)

וולאַדעק — דער פריינדליכער מענש

איך בין ווייט פון דער היים, באַנומען פון נייע איינדרוקען. ס'איז ניט דער געהעריגער צושטאַנד אויף צו שרייבען עפּעס רעכטס וועגען אונזער הארציגען יובילאַר, אזוי ווי ס'וואָלט זיך געוואָלט. אבער ווי אזוי וועל איך דאָס פארזאַמען די געלעגענהייט צו זאָגען כאָטש א פּאָר ווערטער?

פערזענליך באַגעגענט זיך מיט וולאַדעק'ן האָב איך ערשט אין 1923, אָבער אַן איינזייטיגע באַקאַנטשאַפט מיט איהם האָב איך גע־פירט פון א סך, א סך פריער. עס איז שוין באַלד א מעשה פון א יאָהר דרייסיג ווי איך האָב אין דער ווילנער „פאָלקס־צייטונג" אי־בערגעלייענט אַן אַרטיקעל וואָס האָט געהייסען אַן ערך: „פון טאָג־בוך פון א וואהל־אגיטאַטאָר". דער מחבר, ב. ברכות האָט ער זיך אונטערגעשריבען, האָט דערצעהלט וועגען זיין אַרבייט ביי דער הויז־אַגיטאַציע ערב די וואהלען צו דער רוסישער דומע. קיין פּרטים פון דעם אַרטיקעל געדענק איך שוין ניט, נאָר ער האָט זיך מיר איינ־געקריצט ליב אין זכרון. און וואָס מעהר איך בין אריינגעוואַקסען אין דער באַוועגונג, אַלץ אָפטער האָב איך געהערט דעם נאָמען פון'ם מחבר. וולאַדעק איז באַלד נאָך יענער וואהל־קאַמפּאַניע אוועק קיין אַמעריקע, אָבער מען האָט איהם געדענקט און זיך מיט איהם גע־גרויסט ווייטער, און פאַר מיר האָט זיך זיין געשטאַלט פאַרקניפּט מיט יענער העראָישער תקופה, פון וועלכער איך אַליין האָב דער־כאַפּט נאָר א שטיקעל אָפּגלאַנץ.

פון זינט וולאַדעק איז געווען צו גאַסט ביי אונז אין ווילנע אין 1923, האָב איך געהאַט דעם פאַרגעניגען צו באַגעגענען זיך מיט איהם א סך מאָל, סיי אין אייראָפּע און סיי אין אַמעריקע. איך האָב

געהאט צו טאָן מיט איהם געזעלשאפטליך און געשעפטליך און פּרי־וואט. איך האָב איהם געזעהן ביי פארשידענע אומשטענדען, — ווי א באַלעבאָס און ווי א גאַסט, אויף דער פּלאַטפאָרמע און אויג אויף אויג אין אַ שטילען ווינקעל, ווען ער זאָגט יאָ און ווען ער זאָגט ניין. מיין אונטערשטע שורה איז: דאָס לעבען האָט מיך צונויפ־געפירט מיט היפש מענשען, נאָר אזוינע ווי וולאדעק קען איך זיך ניט דערמאָנען. זיין לייכטקייט, זיין אומגעצוואונגענקייט אין באצי־אונגען מיט מענשען איז א זאַך וואָס מען טרעפט אזוי זעלטען. זיין קלוגשאפט ווערט קיינמאָל ניט פאַרוואַנדעלט אין קליגלעניש; זיין וויציגקייט איז ווייט פון ווערטל־זאָגעריי; זיין מענשען־קענטעניש איז א מחיה; זיין רעדנער־קראפט איז גאָר פון א הויכען מין, ווייל ער קען דעם סוד פון האַלטען די ריכטיגע מאָס צווישען פּאַטאָס און איראָניע. ווער עס שרייבט זיך מיט איהם דורך, דער וויים, אז זיינע בריף האָבען די זעלבע מעלות ווי זיין רעדען. עס איז צו באַוואונ־דערען, ווי אזוי ער דערקענט א מענשען, ווי אזוי ער שאצט אָפּ א סיטואציע. פון דעם נעמט זיך זיין גרויסער ערפאָלג ווי א כלל־טוער. און ווייל איך בין פארבונדען מיט׳ן אידישען וויסענשאפטליכען אינ־סטיטוט, בין איך גליקליך, וואָס מיר האָבען איצט וולאדעק׳ן ביי אונז ניט נאָר מיט זיינע סימפּאטיעס, נאָר אויך אָרגאַניזאַציאָנעל: פון זינט דעם לעצטען צוזאמעמפאָר איז ער אין „ייוואָ" א מיטגליד פון דער העכסטער קערפּערשאַפט, פון דער צענטראַלער פאַרוואַלטונג.

אָבער דער גרעסטער שבח וואָס איך קען זאָגען אויף וולאדעק׳ן איז, אז ער איז ניט נאָר צוגעלאָזט, נאָר אויך צוגעבונדען צו מענ־שען. ער איז אַ געטרייער פריינד, דערפאַר האָט ער אַזוי פיל געטרייע פריינד. איך בין איינער פון זיי.

תל־אביב, נאָוועמבער 15, 1935

ב. לאפין

לידער

זוניגע טריט

מיין ליבען יוגענט־פריינט ב. וולאדעק
(ברוך טשאַרני).

ווילסט ווערן געהערט,
ווילסט ווערן געזעהן, —
ווי קווייט — זיין דערנערט
פון זוניגען בלענד.

דער בליק פון אַרום,
כאָטש נאַקעט טוט אויס, —
באַוואָרעמט ווי זון
אַנ׳אָפענע הויז.

דערשרעקסט זיך, ווען טאָג
נעמט טונקעלן שליאַך, —
האָסט אַלץ אויסגעזאָגט,
פאַר ליכטיגער וואָך!

און דאַן — דיך באַפאַלט
באַשיידענע שטיל;
לבנה־געשטראַל,
לבנה־געהיל.

דיך רופט דער אַליין
אין שוויגיגער צעל, —
ווי קוואַליגע ריין
באַהאַלטן אין פעלד.

נאָר שטומער גערעג
פון לייב און געבליט, —
שרעקט מער דיינע טעג,
ווי זוניגע טריט . . .

ווייסער שליאַך

אַלץ ווייס, און ווייס, און ווייס אַרום,
די ליכטיגקייט טוט וועה.
ס׳דערמאָנט מיך אַלע מאָל אָן זון,
די ווייסקייט פון דעם שניי.

פאַרמאַך די אויגען דיינע שטייף,
די ליכטיגקייט צעבליט.
אויף שטאַנג שפילט פראָסט זיין דראָטן-פייף,
געררייד — פון ווייסע טריט.
מיט בלויקייט רויכעלט ווייסער שליאַך
די לופט — מיט זון פאַרשמעקט.
כאָטש טאָג האָט נאָך נישט אויפגעוואַכט
מיט שטראַלענדיגען וועג.
און יעדע פאַרב וועקט נייעם שפיל,
קאָליר קאָנטראַסט דערמאָנט.
דו זעסט, — פון שוואַרצען נאַכט-פאַרהיל
ווינקט רויטער האָריזאָנט!

פיאַדאָר דאָן (פּאַריז)

באַגריסונג צו ב. וולאַדעק

מיר האָבען ניט געטאָן צוזאַמען קיין פּראַקטישע אַרבייט, און אַזוי ווי איך קען ניט קיין אידיש און קיין ענגליש, האָב איך ניט געקענט אויפמערקזאַם נאָכפאָלגען אייער ליטעראַרישע טעטיגקייט. אָבער איך ווייס וועגען אייך און אייער אַרבייט יעדענפאַלס אויף אַזוי פיל, אַז מען זאָל אייך איצט קאָנען גראַטולירען מיט דעם, וואָס איהר פייערט איצט... נאָר א 50-יאָהריגען יובילעי, און וואָס איהר האָט דעריבער אַלע שאַנסען אָנצוהאַלטען די יונגקייט און פרישקייט, וועלכע האָבען אויף מיר געמאַכט אַזאַ שטאַרקען איינ־דרוק ביי אונזער קורצער באַגעגעניש דאָ ניט לאַנג צוריק אין פּאַריז.

באַזונדערס וויל איך אייך איצט איבערגעבען מיין הייסען דאַנק פאַר אייער שטענדיגען מיטגעפיהל און מיטהילף אין דער אַרבייט פון מיין פּאַרטיי, אין דער דאָזיגער סימפּאַטיע און הילף צו אונזער פּאַרטיי, וואָס לעבט איצט דורך אַזאַ שווערע צייט, זעה איך א באַווייז פון יענעם אמת'ען אינטערנאַציאָנאַליזם און פון יענעם ברייטען קוק אויף זאַכען, ביי וועלכען מען פאַרגעסט קיינמאָל ניט די ענגע פאַרבינדונג צווישען די באַזונדערע .נאַציאָנאַלע אָפּטיילען פון אינ־טערנאַציאָנאַלען פּראָלעטאַריאַט. ביי וועלכען מען האָט א קלאָרען איינבליק אין דער צוקונפט, און וועלכער איז מעהר ווי ווען עס איז נויטיג אין אונזער צייט, וואָס ברענגט מיט זיך גרויסע אויפטריים־לונגען, אָבער אויך גרויסע האָפנונגען.

נעמט אָן מיינע הייסע גרוסען און בעסטע גליקוואונשען.

ב. י. ביאלאָסטאָצקי

וואָרט

(געווידמעט וולאדעק׳ן—דעם מענטש
פון וואָרט, און מענטש פון טאַט)

וואָרט צו וואָרט איז נאָהנט,
ווי האָר צו האָר אויף קאָפּ.
דערקאַנט און ניט דערקאַנט,
אין שפּילעוודיגען טראָפּ.

ווער וועגט א וואָרט אויף וואָג ?
ווער שפּאַלט א האָר אויף צוויי ?
ליגט הינטער וואָרט די וואָר,
א נאַקעטע, ווי ווײ . . .

וואָס העלפט דער קלוגער פּשט ?
דער שפּרוכיגער באַשייד ?
עס סטאַרטשט ארויס די טאַט,
ווי פעלז פון אלע רייד !

דער ים איז טונקעל, טיף, —
און ס׳דוכט : ניטאָ קיין וועג !
נאָר אז עס לייכט א שיף,
שווימט אויף : צו וועלכען ברעג ?

פון אלף־בית, ביז תו, —
אין כוואַליעדיגען גאַנג,
נאָר אָנהויב וויל זיין סוף,
און קלאַנג וויל זיין געזאַנג.

געהט וואָרט און וויל אַן אָרט,
דער הונגער וויל זיין זאַט,
דער „דאָ״ וויל ווערען „דאָרט״,
דאָס וואָרט וויל ווערען טהאַט.

יעקב לעשצינסקי (וואַרשע)

וולאַדעק דער האַרמאָניע-מענש

נשמה-האַרמאָניע איז פון גאָט אַ מתנה, וואָס ניט יעדער איז זוכה צו איהר; נשמה-האַרמאָניע — דאָס איז אַ חן, וואָס זעלטען ווער ס'איז געבענשט מיט איהם. אונזער בעל יובל ח' וולאַדעק האָט זוכה געווען צו נהנה זיין פון דער דאָזיגער גאָטס-מתנה אין גאַר, גאַר אַ גרויסער מאָס.

אויף אַלע זיינע ארבייטען, אויף אַלע זיינע שריפטשטעלערישע און רעדנערישע ארויסטרעטונגען ליגט אויסגעגאָסען אָט דער חן פון נשמה-האַרמאָניע. ווייל פריהער פון אַלץ און מעהר פון אַלץ, איידער ער איז אַ איד, איידער ער איז אַ סאָציאַליסט, איידער ער איז אַ בונדיסט, איידער ער איז אַ לינקער אָדער אַ רעכטער — איז ער אַ מענש!

אַ מענש אין בעסטען זין פון וואָרט — מיט אַ וואַרעם האַרץ, מיט אַ גרייט אויפגעוואַכטער נשמה, מיט אָפענע מיטפיהלענדע אויגען און מיט אַ ווילען אומבאַדינגט אויספילען די התחיבות'ן וואָס די דאָזיגע מענש-מיסיע האָט אויף איהם אַרויפגעלייגט.

פאַר זייטיגע און אויבענאויפיגע זעהען אָפט אויס די מעשים פון ח' וולאַדעק ווי קאָמפּראָמיסען, פשרות. פאַר אַ טיפער קוקענדיג אויג ווערט גיך קלאָר די אמת'ע נשמה-סיבה פון דער וולאַדעק'שער שלום'דינקייט און אויסקומען מיט געגנער און מיט מענשען פון פרעמדע אידעאישע לאַגערען. ניט קיין פשרה-וועג איז דאָס, נאָר די גליקליכע פעהיגקייט צו פיהלען די אָרגאַנישע צוזאַמענגעהעפּט-קייט, וואָס ליגט פאַרבאָרגען אפילו צווישען קעמפענדע צדדים, אפילו צווישען עקסטרעם געגנערישע ריכטונגען. מען קאָן דאָ גרינג אריינ-פאַלען — וולאַדעק פאַרמאָגט אבער דעם איידעלסטען חוש אויף

צו דערשפּירען דעם ריינעם מעטאל, וואָס ליגט פאַרבאָרגען אויך אין דער געגנערישער ריכטונג, יענעם ריינעם מעטאל, וואָס האָט רעכט אויף איינגעבויעט ווערען אין צוקונפטס־בנין פון פאָלקס אָדער קלאַסען־אידעאַל.

וולאַדעק, למשל, איז אי אַ נאַציאָנאַליסט, אי אַן אַסימילאַטאָר אוןביידע צדדים קאָנען מיט גלייכע רעכט איהם רעכענען צו זייער לאַגער. אין דער אמת'ן אבער איז ער נאָר דער בעסטער און האַר־מאָנישסטער אמעריקאנער איד.

יעדע אסימילאַציע, יעדע שטרעבונג פון דעם שוואַכען זיך צו צופּאַסען צום שטאַרקען, ווערען גלייך צו איהם, האָט און מוז האָבען אין זיך אַ פּגם, אַ נשמה־פּגם, וואָס אחד־העם האָט איהם אזוי גלענצענד כאַראַקטעריזירט מיט די ווערטער „עבדות בתוך חרות". ס'איז אָבער דאָך פאַראַן אַן אסימילאַציע, וואָס באַשטעהט ניט אין צופּאַסען זיך, נאָר אין לערנען זיך; ניט אין נאָכמאַכען, נאָר אין איבערנעמען; ניט אין גלייך ווערען, נאָר אין בעסער ווערען. דער ערשטער מין אסימילאַציע שטעלט דעם טראָפּ אויף פאַרגעסען דאָס אייגענע; דער צווייטער מין אויף מאַכען שעהנער דאָס איי־גענע דורך וואָס מעהר לערנען ביי פרעמדע. דער ערשטער מין שטעלט דעם קוועטש אויף אָפּווישען דעם אייגענעם פּנים, אָפּמעקען די אייגענע צורה, פּאַרווישען די שפּורען פון אייגענער ירושה, איבער־רייסען די ברודערשאַפט־פעדים מיט די היינט־געבליבענע; דער צווייטער מין, פאַרקערט, שטאָלצירט מיט זיין פאָלקס־אייגענאַרטיג־קייט, שלעפּט די אָפּגעשטאַנענע צו זיך, אַרויף, אויף אַ ברייטערער און העכערער מדרגה — אויף אַ שטאַפּעל, וואָס איז דער אָרגאַ־נישער רעזולטאַט פון צונויפשמעלצען דאָס בעסטע אייגענס מיט'ן שעהנסטען פרעמדס.

פאַר יעדער נאַציאָנאַלער מינדערהייט און על אחת כמה וכמה פאַר דער לאַנדלאָזער און שטאַאַטענלאָזער אידישער מינדערהייט איז אסימילאַציע אַ לעבענס־פונקציע, אַ לופט־נויטווענדיגקייט, אָהן וועלכער מען מוז בלייבען שטעקען אין עקאָנאָמישען, פּאָלי־טישען און גייסטיגען געטאָ, אָהן וועלכער דער גייסט מוז פאַרדאַרט און פאַרטריקענט ווערען אין שטעהן געבליבענעם אייגענעם זאַפט. צו מאָגער דער באָדען אונטער די פיס פון יעדער נאַציאָנאַלער מינ־

דערהייט און צו שמאָל דער הימעל איבער איהר קאָפּ, אז ס'זאָל קאָנען דאָרט שפּראָצען און וואַקסען געזונטע, נאָרמאַלע, נאַטירליכע אייגענע־אייגענאַרטיגע קולטור. נאָר דורך באַהעפטען זיך צו דער רייכערער, יעדענפאַלס זאַפטיגערער קולטור פון דעם פרעמדען ארום, נאָר אין איינזאַפּען אין זיך זאַפט פון ארומיגען פרעמדען קולטור־באָדען און לופט פון דער ארומיגער שאַפונגס־אַטמאָספערע קאָן מען באַפרוכפּערען דאָס אייגענע, דאָס גע'ירשנ'טע, די קולטור פון איי־גענעם כלל.

און אָט אַזאַ מין נאַציאָנאַלער אסימילאַטאָר אדער אַ אַסימי־לירטער נאַציאָנאַליסט איז אונזער בעל־יובל. ער איז אָרגאַניש אַן אַמעריקאַנער איד און אין דער זעלבער מאָס אַ אידישער אמעריקאַ־נער. ער פיהלט זיך אין ביידע וועלטען אייגען, היימיש, פאַרוואָר־צעלט, געוואַקסען אין דער טיף און אין דער הויך, באָדען־פעסט און באָדען־זיכער. מען וואָלט דאָ געקאָנט זאָגען דאָס, וואָס ס'איז שוין געזאָגט געוואָרען וועגען אידיש און העברעאיש: צוויי שפּראַ־כען — איין קולטור. ביי וואַלדעק'ן איז דאָס מיט אידיש און ענגליש, כאָטש אויך די העברעאישע קולטור איז איהם ניט פרעמד.

דער נאָר וואָס אנגעמערקטער שטריך קומט ביי וואַלדעק'ן אויך צום אויסדרוק אין זיין כאַראַקטער: אידישער טעמפּעראַמענט, אי־דישער שוואונג, אידישער פאַנאַטיזם, אבער מיט אמעריקאַנער באַטראַכטקייט, זאַכליכקייט און טאָלעראַנץ. און דעריבער האָט זיך באַקומען אַזאַ שעהנער און רייצענדער אידיש־אמעריקאַנער טיפּ פון סאָציאַליסטישען פיהרער, פון פּאָליטיקער, פון קולטור־טוער: באַ־טראַכטקייט, אבער ניט קאַלטע, נאָר וואַרימע; ניט לופט־פאַנטאַזיעס, נאָר זאַכליכער שוואונג און רעאַלער פאַרנעם; ניט בלינדער פאַנאַ־טיזם, נאָר טאָלערירענדע איבערגעבענקייט און טריישאַפט צו אי־דעאַלען.

וועגען וואַלדעק'ס „לאַסאַל"־קראַנצען, וועגען זיין שטורמישען וועג דורך די אידישע שטעדט און שטעדטלאַך, וואו ער האָט די אידישע מאַסען ממש פון שלאָף אויפגעריסען, מיט געוואַלד זיי אריינגעשלעפּט אין רעוואָלוציאָנערען שטראָם און קאַמף און אויף אַזאַ אופן זיי געמאַכט אויסגלייכען דעם מענשליכען רוקען און געמאַכט זייערע נשמות פריי אויפאָטעמען און זייערע געדאַנקען

פריי און ווייט טראַכטען — וועגען דאַזיגען גלאַנץ־פּעריאָד פון זיינע נאָך גאָר אינגעלשע יאָהרען וועלען דערצעהלען מעהר דערצו באַרו־פענע. איך וויל נאָר זאָגען א פּאָר ווערטער וועגען דער באַזונ־דערער ראָלע פון וולאַדעק'ן אין „בונד".

אין „בונד" האָבען פאַקטיש תמיד געקעמפט, ניט אפען, אבער גענוג בולט, צוויי שטראָמען: דער שטראָם פון אסימילירטע אידען־סאָציאַליסטען, פאַר וועלכע אידיש און אידישע קולטור זיינען גע־ווען און געבליבען עד היום נאָר א מיטעל, א כלי־זין, מיט וועלכען ס'איז באקוועם זיך צו באַנוצען אין דער סאָציאַליסטישער אגיטאַ־ציע צווישען די אידישע מאסען; און דער שטראָם פון די אידישע סאָציאַליסטען, פון ארויסגעוואקסענע פון אידישען באָדען, פון אָרגאַניש ארויסגעקומענע פון די טיפענישען פון אידישען געטא טרעגערס פון אלמענשליכע אידעאַלען, פאַר וועלכע אידישע קולטור איז א ציל פאַר זיך, א אידעאַל, וואָס איז ניט אָפּצוטיילען און ניט אָפּצוזונדערען פון סאָציאַליסטישען אידעאַל.

די האַרמאָנישקייט און אָרגאַנישקייט פון זיין נאַטור ווארפט זיך באַזונדערס אין די אויגען ווען וולאַדעק קומט קיין יוראָפּ, צו די אָסט־אידען, אזוי צו־זאָגען. אָט זיצט ער צווישען אונז וואר־שעווער, לאָדזשער, ווילנער אידען; אַלע ווייסען און פיהלען, אז ער קומט פון אַן אַנדער וועלט, פון אַ רייכערער און פרייערער קולטור, און דאָך איז ער אויף קיין ברעקעל ניט אוועק פון אונז, געבליבען א טרייער גליד פון אונזער עדה, פון דער אָסט־אידישער אינטעלי־גענץ־משפחה; געבליבען א הונדערט פּראָצענטיגער יושב בתוך עמו, א הונדערט פּראָצענטיגער אינעווייניגסטער, מיט אונז זייענדיגער, מיט אונז ליידענדיגער און מיט אונז יאָך־טראָגענדער.

אויף די פינגער ממש קאָן מען זיי איבערצעהלען אָט די יחידי סגולה, אידישע סאָציאַליסטען מיט אזא גרויסען נאַציאָנאַלען פאַר־מעסט, מיט אזא געבונדענקייט מיט אלע וועהטאָגען און פּיין פון די אידישע מאַסען, מיט אַזאַ צוגעבונדענקייט צו די קולטור־טרוימען און קולטור־האָפנונגען פון די דאָזיגע מאַסען — זאָל־זשע אונזער ליבען חבר וולאַדעק געשענקט ווערען נאָך א סך יאָהרען, א סך געזונט, א סך ענערגיע, א סך אימפעט, און א סך, א סך שאַפונגס־קראַפט!

באַגריסונג פון אידישען וויסענשאַפטליכען אינסטיטוט אין ווילנע

Konto czekowe P.K.O. 81.396 פאָסט־טשעקקאָנטע — Adres telegraficzny: JIWO WILNO :אדרעס פאַר דעפעשן — Tel. 3-71 'טעל

ייִדישער וויסנשאַפטלעכער אינסטיטוט / צענטראַלע פאַרוואַלטונג
ŻYDOWSKI INSTYTUT NAUKOWY / ZARZĄD CENTRALNY
YIDDISH SCIENTIFIC INSTITUTE / GENERAL BOARD

Wiwulskiego 18, Wilno / ווִיווולסקי־גאַס 18, ווילנע

ערן־פּרעזידיום פון קוראַטאָריום:
אַלבערט אײַנשטײַן, פּרינסטאָן
משה גאַסטער, לאָנדאָן
שמעון דובנאָוו, ריגע
חיים זשיטלאָווסקי, ניו־יאָרק
עדוואַרד סאַפּיר, ניו־הייווען
זיגמונד פרויד, ווין

צענטראַלע פאַרוואַלטונג:
אַברהם גאָלאָמב, תּל־אָבֿיבֿ
יצחק גיטערמאַן, וואַרשע
שלמה גילינסקי, וואַרשע
הערץ גילישענסקי, טשערנאָוויץ
יעקבֿ העלמאַן, וואַרשע
לייב וואָלמאַן, וואַרשע
מאַקס ווײַנרײַך, ווילנע
ברוך וולאַדעק, ניו־יאָרק
אליהו טשעריקאָווער, פּאַריז
יוסף יאַשונסקי, וואַרשע
ישׂראל יעפֿרויקין, פּאַריז
ברוך כּהן־ווירגילי, ווילנע
יעקבֿ לעסטשינסקי, וואַרשע
יודל מאַרק, קאָוונע
נחמן מײַזיל, וואַרשע
נח פּרילוצקי, וואַרשע
נפֿתּלי פֿײַנערמאַן, ניו־יאָרק
חיים־שלמה קאַזשדאַן, וואַרשע
זעליק קלמנאָוויטש, ווילנע
באָריס קלעצקין, ווילנע
זלמן רייזען, ווילנע
עמנואל רינגעלבלום, וואַרשע
יעקבֿ שאַצקי, ניו־יאָרק
יצחק־נחמן שטיינבערג, לאָנדאָן
יצחק שיפּער, וואַרשע

אויספיר־ביוראָ:
יצחק גיטערמאַן, וואַרשע
מאַקס ווײַנרײַך, ווילנע
אליהו טשעריקאָווער, פּאַריז
ברוך כּהן־ווירגילי, ווילנע
יעקבֿ לעסטשינסקי, וואַרשע
זעליק קלמנאָוויטש, ווילנע
זלמן רייזען, ווילנע

צום ב. וולאַדעק ־יובל־קאָמיטעט, — ט"ב 8352, 35
ניו־יאָרק. — 3 דעצעמבער, 1935

זייער חשובֿע פֿרײַנד,

דער ייִדישער וויסנשאַפֿטלעכער אינסטיטוט באַגריסט אײַער איניציאַטיווע צו פֿייַערן דעם 50־סטן געבוירנטאָג פֿון ח'ב. וולאַדעק און שיקט דורך אײַך איבער דעם בעל היובל די האַרציקסטע ברכות. פֿון זײַנע יונגסטע יאָרן אָן האָט ב. וולאַדעק פֿאַרבונדן זײַן גורל מיט דעם קאַמף פֿאַר די ייִדישע פֿאָלקסמאַסן און אַלע כּוחות פֿון זײַן רײַך באַגאַבטער נאַטור האָט ער געשטעלט אין זייער דינסט. זײַנע אויפֿטוען פֿאַר דער ייִדישער אַרבעטערשאַפֿט אין אַמעריקע, זײַן אָנפֿירנדיקע ראָלע אין די צענטראַלע אָרגאַניזאַציעס פֿון דעם ייִדיש־אַמעריקאַנישן קיבוץ, זײַן אַקטיווע טעטיקייט אין די וויכטיקסטע הילפֿס־אַקציעס פֿאַר די ייִדן מעבֿר לים זײַנען גוט באַקאַנט דער ייִדישער געזעלשאַפֿטלעכקייט פֿון ביידע זײַטן אָקעאַן.

אין זײַן פּיליזייטיקער געזעלשאַפֿטלעכער טעטיקייט האָט דער איצט געפֿײַערטער פֿירער פֿון דער ייִדישער דעמאָקראַטיע אין אַמעריקע אַלע מאָל פֿאַרשטאַנען אָפּצושאַצן די באַדײַטונג פֿון דעם ייִדישן וויסנשאַפֿטלעכן אינסטיטוט און אים געהאָלפֿן בײַ יעדער געלעגנהייט מיט זײַן גרויסער השפּעה, מיט זײַן מיטערוואָרט, מיט זײַן גלענצנדער אָריענטיר־פֿעיקייט. אין דער אָנערקענונג פֿון ב. וולאַדעקס פֿאַרדינסטן פֿאַרן ייוואָ האָט דער אַלוועלטלעכער צוזאַמענפֿאָר פֿון ייִדישן וויסנשאַפֿטלעכן אינסטיטוט, אָפּגעהאַלטן אין ווילנע 14־19 אויגוסט 1935, אים אויסגעוויילט פֿאַר אַ מיטגליד פֿון דער צענטראַלער פֿאַרוואַלטונג, וואָס וועט אים נאָך ענגער פֿאַרבינדן מיט דעם קרייז טוער און בויער פֿון דעם וועלט־צענטער פֿאַר דער ייִדישער קולטור און וויסנשאַפֿט.

מיר בעטן אײַך, חשובֿע פֿרײַנד, איבערגעבן ח'ב. וולאַדעק אונדזער באַגריסונג און דעם האַרציקן ווונטש נאָך לאַנגע יאָרן אים צו זען אַקטיוו און טעטיק אין די ערשטע רייען פֿון די וואָס קעמפֿן פֿאַר אַ בעסער און שענער ייִדיש לעבן.

מיט די האַרציקסטע גרוסן

אין נאָמען פֿון דער צענטראַלער פֿאַרוואַלטונג
פֿון ייוואָ

ש. ניגער מוסערט זיין ברודער ב. וולאַדעק

ליבער פריינט י. ישורין :—

איהר בעט מיך אָנשרייבען „אַן אָפּשאַצונג פון ב. וולאַדעק" פאַר'ן בוך, וואָס איהר קלייבט זיך ארויסצוגעבען לכבוד זיין פופ־ציגסטען געבורטסטאָג. כ'וואָלט עס גערן געטאָן. און כ'וואָלט וועלען שרייבען טאַקע אויך ווענען „באַניע ברכות", וועגען „ב. שווארץ". אונטער'ן ערשטען פּסעוודאָנים האָט וולאַדעק, ווי איהר ווייסט, געשריבען אַמאָל פעליעטאָנען, דערציילונגען; אונטער'ן צוויי־טען — לידער. און פאַר מיר פּערזענליך האָבען זיי געהאַט גאָר א באַזונדערן ווערט. זיי זיינען געווען די ערשטע צו לאָזען זיך „קריי־טיקירען", און כ'האָב געהאַט די געלעגענהייט זיך לערנען „גאָלען" אויף ניט קיין פרעמדער באָרד. ס'איז אגב ניט געווען נאָך קיין באָרד, קיין וואָנצעס אויך ניט.

וולאַדעק איז געווען נאָך גאָר א אינגעל, ווען ער האָט אָנגע־הויבען שרייבען און דרוקען זיך (פריהער אויף רוסיש). און ווען איך זאָל זיך אריינלאָזען אין ערינערונגען פון יענער צייט, וואָלט איך געדארפט אויסזאָגען פון חדר, אז דער אינגערער ברודער איז דער עלטערער שרייבער. איך וואָלט זיך אויך געמוזט מודה זיין, אז איך האָב פּלאַגיאירט ביי איהם די לאַטיינישע איבערזעצונג פון אונזערביידענס פאַמיליען נעמען. און — ווער ווייס — כ'וואָלט נאָך אפשר פאַרפירט געוואָרען צו זוכען אַן ענטפער אויף דער פראַגע, פאַרוואָס איז פון אונז ביידען גראַד דער פאָעט געוואָרען א מענש פון טאַט... ס'איז, ווי איהר זעהט, אַן ענין, וואָס פּאַסט זיך שוין בעסער פאַר ב. וולאַדעק'ס אינגערן ברודער. מיר וואָלט וועגען ברוד'ן זיין כמעט אזוי שווער צו שרייבען, ווי וועגען זיך אליין. סיידען ניט אריינלאָזען זיך אין אָפּשאַצונגען און ערינע־רונגען, נאָר, ווי אַן עלטערער ברודער, איהם עפענטליך אויס'מוסר'ן, פאַרוואָס ער פאַרנאַכלעסיגט זיין לייכטע, זיין לעבעדיגע און בילדליכע פען, פאַרוואָס ער לאָזט שטומען זיין ליטעראַרישען טאַלאַנט. אָבער ס'איז דאָך א יום־טוב, ניט קיין צייט צו זאָגען מוסר, און מיין „גוט־יום־טוב" וועל איך איהם זאָגען אין דער שטיל, שוויגענדיגערהייט, אויף אונזער אלטען ליטווישען שטייגער.

אייער ש. ניגער.

פ. קורסקי (פּאַריז)

דער אַלטער וולאַדעק

די אומשטענדען האָבען מיר לײדער ניט ערלויבט צונויפצו־זאַמלען דעם נויטיגען מאַטעריאַל ארום דער ארבייט פון וולאַדעק'ן אין דער הערֹאָאישער עפּאָכע פון „בונד", און איך מוז זיך באַנו־גענען מיט אײניגע קורצע נאָטיצען.

קודם כל — פון וואַנען שטאַמט דער פּסעוודאָנים „וולאַדעק"? איך וויים דאָס ניט, און איך רעכען, אַז נאָר וולאַדעק אַליין וואָלט געקענט דערויף ענטפערען.

אין די יאָהרען פון אומלעגאַלער ארבייט האָט זיך — אויסער אײניגע אויסנאַמען — קײנער ניט אָנגערופען מיט זײן ריכטיגען נאָמען, נאָר מיט א פּסעוודאָנים, ד. ה. מיט א פאַלשען נאָמען, מיט א „קליטשקע". סטאַבילע, שטענדיגע פּסעוודאָנימען זײנען געווען ווייניג. די אָרטיגע טוער, ד. ה. די וואָס פלעגען אַפּאַרבײטען א גע־וויסע צייט אויף איין אָרט און אַריבערגעשיקט ווערען אויף אַן אַנדער אָרט, פלעגען אָפט בייטען דעם נאָמען צוזאַמען מיט'ן אָרט — משנה שם משנה מזל... — ליטוואַק האָט נאָך זײן צוריקקומען פון סיביר (סוף 1904) א יאָהר נאָכאַנאַנד קײן פּסעוודאָנים ניט באַנוצט. מען האָט איהם גערופען חיים־יאַנקעל, און אַזוי האָט ער געהייסען. „ליטוואַק" נעמט זיך פון זײן ליטעראַרישען פּסעוודאָ־נים אין דער בונדישער פּרעסע „אַ ליטוואַק" (איך בעט רחמים ביים חבר הזעצער און ביים חבר הקאָרעקטאָר צו לאָזען דעם „אַ" אָהן א פּונקט!), וואָס דאָס האָט לויט'ן וואַרשעווער נוסח באַדייט א „צלם־קאָפּ", א להכעיס'ניק, אָבער א קלוגער יונג. דער זעצער מיט'ן קאָרעקטאָר האָבען אָבער נאָך דעם „א" געשטעלט א פּונקט, איז מיט דער צייט געוואָרען דערפון א. ליטוואַק, ווי ער וואָלט געהייסען, למשל, אברהם אָדער אלימלך ליטוואַק. אויף אַזאַ אופן האָט דער

פסעוודאָנים אין גאַנצען פאַרלאָרען דעם זין, וואָס ליטוואַק האָט אין געהאַט אַריינגעלייגט. דאָס זעלבע איז שפּעטער געשעהן מיט זיין אַ צווייטען פסעוודאָנים: „אַ מוק". (איך בעט ווידער: שטעלט ניט קיין פונקט נאָכ'ן „אַ"!) „אַ מוק" איז געווען דער פּאַסיגסטער פסעוודאָנים פאַר ליטוואַק'ס געוויסע שטעכיגע נאָטיצען. אויך דער־פון האָט דער זעצער געמאַכט א. מוק — אַן ערך אבימלך אָדער אליקום מוק, אַן אונזין. בכלל איז עס שוין אַזוי אין אונזער פּרע־סע, אַז מען קען פיהרען אַן ערפאָלגרייכען קאַמף געגן די קאַפּיטאַ־ליסטישע אָרדענונג פון דער וועלט און געגען דעם פּאָליטישען רע־זשים פון דעם אָדער יענעם לאַנד, אָבער ניט געגען דעם קאָרעקטאָר. דאָס איז אַ האָפנונגסלאָזער קאַמף.

יוסף איזביצקי האָט אין אָנהויב אויך קיין פסעוודאָנים ניט געהאַט. מען האָט איהם גערופען יאָסעל. שפּעטער האָט ער זיך גערופען בייניש, נאָך שפּעטער — מיכאַאיל, און צולעצט איז דערפון געוואָרען בייניש מיכאַלעוויטש.

ווי איינער הייסט מיט זיין ריכטיגען נאָמען — דאָס האָט, פאַרשטעהט זיך, קיינעם ניט אינטערעסירט.

אין 1905, ארויסגעהענדיג פון טורמע און געפינענדיג, אַז רוס־לאַנד האָט זיך אין פאַרלויף פון א יאָהר א רוק געטאָן פאָראויס אויף 50 יאָהר, האָב איך זיך ביי איינינגע ווילנער חברים נאָכגע־פרעגט וועגען די נייע כחות, וואָס האָבען זיך באַוויזען אין אונזערע רייהען. אָט ביי דער געלעגענהייט האָב איך זיך צום ערשטען מאָל דערוואוסט וועגען וולאַדעק'ן. אָנגערופען האָט מען איהם דערביי ביים ריכטיגען נאָמען. גאָר אין גיכען, אין פאַרלויף פון ווענינגער ווי אַ יאָהר צייט, איז וולאַדעק אומגעהייער פּאָפּולער געוואָרען אין בונד. ווען עס האָט זיך צום ערשטען מאָל באַוויזען אין דער פּרעסע די אונטערשריפט וולאַדעק, האָב איך געוואוסט, ווער דאָס איז, איך האָב אָבער ניט געוואוסט, און איך ווייס, ווי געזאָגט, ביז היינט ניט, פון וואַנען דער פסעוודאָנים האָט זיך גענומען. מילא, ווען איינער הייסט סאָנין, אנין, טאַנין, מאַשין, פּאַשין א. אַ. וו. א. אַ. וו., איז ניטאָ, וואָס צו פרעגען, — הגם „אָלגין", למשל, איז דורכאויס ניט אַנטשטאַנען אויף דער באַזע פון אַ קאָנקרעטע אָלגע. אין די פסעוודאָנימען איז מייסטענס געווען אַ געוויסער זין און אַ סיסטעם.

אַט האָבען מיר אין וואַרשע אין די ניינציגער יאָהרען אַ פּוילישען אַרבעטער, כמעט אַ קאַרליק, אָנגערופען „אָלבזשים" (גיגאַנט); מיט 10 יאָהר שפּעטער האָבען לויט גענוי דער זעלבער לאָגיק אונזערער חברים אין דווינסק אָנגערופען אַ יונגען חבר, וואָס איז געווען מיט צוויי קעפּ העכער, ווי דער דורכשניט — „ליליפּוט!" א. אַ. וו.

ביי אַ געלעגענהייט האָב איך געפרעגט ליטוואַק'ן, ווי אַזוי עס איז אַנטשטאַנען דער פּסעוודאָנים „וולאַדעק". מאָדנע איז דאָ געווען דער אומשטאַנד, וואָס אַ ליטוואַק האָט זיך גענומען אָדער האָט באַקומען אַ פּוילישע קליטשקע, וואָס נעמט זיך למשל פון וולאַדיסלאַוו.

אַט וואָס ליטוואַק האָט מיר געענטפערט: יאָ, טאַקע אַ פּוילישע קליטשקע, אָבער מיר דוכט, אַז דעם נאָמען האָט איהם געגעבען יצחק־ליבוש פּרץ... אגב האָט פּרץ איהם שרעקליך ליב.

צי עס איז ריכטיג, אַז זיין נאָמען האָט וולאַדעק באַקומען פון פּרצ'ן, ווייס איך ניט. ליטוואַק איז אויך אין דעם ניט זיכער. אָבער, אַז דער „אַלטער" פּרץ (אין 1906 — 54 יאָהר) האָט זעהר שטאַרק ליב געהאַט דעם יונגען וולאַדעק'ן (דאַן 20 יאָהר) דאָס איז באַשטימט ריכטיג.

* * *

ווערט די באַוועגונג באַשאַפען פון די טוער — אָדער ווערען די טוער באַשאַפען פון דער באַוועגונג? לאָמיר דעם ענדגילטיגען ענטפער אויף דער פראַגע איבערלאָזען פאַר אונזערע אייניקלאַך. אַ פאַקט איז, אַז מיר האָבען זיך אונזער באַוועגונג ניט געקענט פאָרשטעלען אָהן באַשטימטע אָנפיהרענדע גייסטיגע כחות פון דער באַוועגונג. אָנהויבענדיג פון 1905 האָט מען ביי אונז אין פאַרטייַלעבען געוואוסט, אַז אין דער אַרבייט איז פאַראַן אַ ווערטפולער מענש — וולאַדעק. אונזער פאַרטיי איז דעמאָלט אומגעהייער רייך געווען אין יונגע ענערגישע כחות. אין די יאָהרען פון באַרג־אַרויף זיינען כמעט אין יעדען אָרטיגען קאָלעקטיוו (קאָמיטעט, צענטער) געווען גוטע טוער. וואָס האָט דעמאָלט וולאַדעק'ן אויסגעטיילט? ניט נאָר זיין רעדנער־טאַלאַנט, וואָס דאָס אַליין וואָלט שוין גענוג געווען. געווען אָבער אין איהם וואָס פּאָזיטיוועס און וויכטיגעס אויך אויסער דעם. ענערגיע, רעוואָלוציאָנערער ענטוזיאַזם — דאָס איז

געוועזן ביי 9 פון 10, זעהר אָפט ביי אַלע 10. רעדנער זיינען אויך געוועזן. פאַרשטעהט זיך, אמת־גוטע זיינע געוועזן ניט איבעריג פיל, אָבער געוועזן. ביי די מעהר אינטעליגענטע רעדנער איז אָבער אין יענע יאָהרען אידיש נאָך ניט געוועזן זייער נאַטירליכע שפּראַך; זייער אידיש איז פול געוועזן מיט באַרבאַרישע רוסיציזמען. מעדעם האָט דעמאָלט נאָך בכלל קיין אידיש ניט גערעדט; בראָניסלאַוו גראָסער האָט זיך ביז צום טויט ניט אויסגעלערענט רעדען אידיש. ביי אננא ליפשיץ, דאַן אַן אויסגעצייכענטע רעדנערין, איז דער זאַץ־בוי געוועזן אַזוי דייטשמעריש, אַז ריכטיג פאַרשטאַנען האָט מען זי מסתמא נאָר אין לאָדזש אָדער אין ריגע. די אָרטיגע מאַסען־רעדנער, וואָס פלעגען זיך פון צייט צו צייט ארויסרוקען פון דער מאַסע גופא, זיינען געוועהנליך געוועזן ניט אינטעליגענט גענוג.

און איצט שטעלט אייך פאָר אַ רעדנער, וואָס זיין שפּראַך איז דאָס ריינסטע קלאַסישע ליטווישע לומד׳ישע אידיש, ווי מען הערט עס נאָר ביי דער בעסטער שיכט פאָלקסטימליכע אינטעליגענטען; אַ רעדנער, פול מיט ברענענדיגען ענטוזיאַזם, דערביי פון צייט צו צייט דורכגעבליצט מיט אַ גאָלדענעם הומאָר — און איהר וועט פאַרשטעהן, פון וואַנען עס האָט זיך גענומען דער פּסעוודאָנים „דער יונגער לאַסאַל״.

אַ ים מיט גוטע כחות האָט זיך געפונען אין רשות פון אונזער פּאַרטיי, און אויף אַ רעלאַטיוו הויכען ניוואָ איז געשטאַנען ביי אונזער אינטעליגענץ די פּאָליטישע בילדונג, וואָס האָט זיך געפאָדערט צו דער אַרבייט. אָבער — הומאָר? הומאָר אין דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג, וואו דו ווייסט, אַז הינטער דיין רוקען שטעהט דער פּריסטאַוו, וואָס וועט דיך נעמען אויב ניט היינט איז מאָרגען; וואו די פּילסט, אַז עס לויערן שטענדיג אויף דיר אַלער־האַנט גרויסע און קליינע קאַפּלינסקיס, — הומאָר האָט געהאַט איי־נער פון 1000. הומאָר אין אַ פּריוואַטען שמועס, אָדער אויף אַ ליאַמע — דאָס האָט ביי אונז קיין מאָל ניט געפעהלט. הומאָר אָבער אויף דער רעוואָלוציאָנערער טריבונע אין אַ ערנסטער פאַר־אַנטוואָרטליכער רעדע; הומאָר — ניט קיין געמאַכטער, ניט קיין געקינצעלטער, ניט קיין צוגעגרייטער, נאָר וואָס קומט אומדערוואַרט

ווי אַ בליץ פון הייטערען הימעל — דערין איז דער יונגער לאַסאַל אין 1906 און אין 1907 געווען ביי אונז, ווי מיר דוכט, דער איינ־ציגער. ווייטער קומט דאָ אַלס פּאָלסטימליכער אידישער רעדנער נאָך ליטוואַק נאָך אין באַטראַכט, אָבער זיין הומאָר איז געווען פון אַן אַנדער מין: פול מיט גיפט און גאַל, וואָס ווירקט שטאַרקער אין שרייבען ווי אין רעדען.

אגב ווען מיר אַלע האָבען מיט 30 יאָהר צוריק געקרוינט דעם 20־יעהריגען וולאַדעק'ן מיט'ן עהרען־טיטול „יונגער לאַסאַל", איז דערין געווען אַ שטיקעל טעות בנוגע דעם אמת'ן לאַסאַל, וואָרים ניט מיט זיין הומאָר האָט פּערדינאַנד לאַסאַל דעראָבערט די הער־צער פון דייטשען ארבייטער קלאַס. זיין גרויסקייט איז געלעגען אין זיין געוואַלטיגער וויסענשאַפטליכער ערודיציע, אין זיין מוט און אין זיין מעכטיגען פּאַטאָס, וואָס איז אגב ניט פריי געווען פון אַ געוויסער טעאַטראַלישקייט; הומאָר האָט ער ניט געהאַט. בכלל זיינען פּאַטאָס און הומאָר צוויי קאַטעגאָריעס, וואָס איינע שליסט אויס די אַנדערע.

אין הינזיכט פון היסטאָרישער פּינקטליכקייט איז דער אויסדרוק „יונגער" לאַסאַל אויך ניט גאַנץ אין אָרדנונג. דער אמת'ער לאַסאַל איז אויך געווען יונג. ער איז געשטאָרבען (1864) צו 39 יאָהר, און זיין גאַנצע פּאָליטישע קאַריערע האָט געדויערט 14־15 יאָהר, ניט מעהר.

די מאָדערנע סאָציאַליסטישע באַוועגונג האָט געהאַט איין איינ־ציגען, וואָס זיין געניאַלער שאַרפער בליק, זיין וויסענשאַפטליכע ערודיציע און זיין הומאָר זיינען געשטאַנען אויף אַ גלייך הויכען ניוואָ — און אויפ'ן העכסטען ניוואָ, — דאָס איז געווען וויקטאָר אַדלער.

* * *

ווען מיר ווילען צום אייגנאַרטיגען רעדנערישען טאַלאַנט פון יונגען וולאַדעק'ן צוגעגעבען נאָך זיינע ליטעראַרישע פעהיגקייטען, וואָס האָבען זיך ארויסגעוויזען אין אַ ריי אַרטיקלען אויף געזעלשאַפט־ליכע און ליטעראַרישע טעמעס אין דער ווילנער „פאָלקס־צייטונג", און „גלאָק" פון אונזער פּוילישען ראיאָן קאָמיטעט (1906) און אין

די לעגאַלע זאַמעלביכער „נייע צייט", וועט מען פאַרשטעהן, וואָס פאַר א באַציהונג עס איז געווען צו איהם.

פאַר׳ן אויסלענדישען קאָמיטעט איז גאַנץ אומערוואַרטעט גע־ווען וולאַדעק׳ס נסיעה קיין אמעריקע. דערוואוסט האָבען מיר זיך וועגען דעם גאַנץ צופעליג. ליטוואַק האָט דעמאָלט אַרויסגעגעבען אין ווילנע א וואָכענבלאַט „דער טאָג אויף שבת". אין א שעהנעם טאָג קומט אָן א נומער פון וואָכענבלאַט מיט וולאַדעק׳ס א „בריף פון בערלין" — ווי וויט איך געדענק, א שפּאַציר איבער די בער־לינער מוזייען. ס׳איז געווען א חידוש, וואָס וולאַדעק איז עפּעס מיט אמאָל געקומען אין בערלין. ווען ער וואָלט געקומען כדי זיך דאָרטען צו באַזעצען, וואָלט לויט די מנהגים פון יענער צייט ד״ער צ. ק. אדער וולאַדעק גופא אונז וועגען דעם געדאַרפט געבען צו וויסען. מיר האָבען גלייך פאַרשטאַנען, אז ער פאָרט ווייטער, און ווייטער האָט געהייסען צו יענער צייט — קיין אמעריקע. כך הוואַ.

אז וולאַדעק איז אין אמעריקע פון אָנהויב אָן געווען מיט זיין גאַנצער נשמה צוגעבונדען צו דער בונדישער באַוועגונג, דאַרף איך דאָ ניט דערצעהלען. איך וויל דאָ נאָר דערמאָנען די וואונדערבאַר׳ע סעריע „קינדער פון פאָלק", בילדער פון בונדישען לעבען, וואָס ער האָט אָנגעשריבען באַלד נאָך זיין קומען אין אמעריקע און געדרוקט אין דער „צוקונפט". אייניגע פון די בילדער זיינען מעהרערע מאָל אָפּגעדרוקט געוואָרען אין פאַרשידענע בונדישע צייטשריפטען, צו־לעצט מיט א יאָהר 5 צוריק אין אונזערע פּויליש־פּראָווינציעלע וואָכענשריפטען און אויך אין טשערנאָוויץ.

* * *

זומער 1912, ווען דער צ. ק. פון בונד האָט אויסגעאַרבייט א גענויעם אַרבייטס־פּלאַן פון אונזער וואהל קאַמפּאַניע צו דער פערטער דומע (צום הערבסט 1912), האָט ער באַשלאָסען אַרויס־צורופען וולאַדעק׳ן אויף אייניגע חדשים קיין רוסלאַנד. ס׳איז פאַר־שטענדליך, אז דער צ. ק. האָט געוואָלט האָבען בשעת דער קאַמ־פּאַניע, באַזונדערס אין די גרעסערע אידישע שטעט, וולאַדעק׳ן אויף דער רעדנער טריבונע!

אין דער צייט פון א וואהל־קאַמפּאַניע זיינען די פּאָליציייאישע באַדינגונגען געוועהנליך געווען ״עטוואָס לייכטערע, און די ריזיקע

ארעסטירט צו ווערען איז געווען עטוואס קלענער, ווי געוועהנליך. ליידער זיינען די אומשטענדען ביי וולאדעק'ן געווען דאן אזוי, אז ער האט דעם פארשלאג ניט געקענט אננעמען.

ווען מיר וואלטען געשריבען באריכות וולאדעק'ס ביאגראפיע, וואלטען מיר מיט דער דאמאלסדיגער ווענדונג פון צ. ק. פון „בונד" געקאנט פארענדיגען דעם הערא̇ישען קאפיטעל אין וולאדעק'ס לעבען, וואס דארף הייסען „דער יונגער לאסאל!" יענע ווענדונג פון צ. ק. קאנען מיר באטראכטען אלס דאס לעצטע בלאט אין יענעם קאפי־טעל, אבער אויך אלס אביעקטיווע אפשאצונג פון דער באדייטונג, וואס דער יונגער לאסאל האט געהאט אין די שטורם־יאהרען פון בונד.

ווען מיר וואלטען זיך דא גענומען זאגען וולאדעק'ן שבחים, לויבען זיינע טאלאנטען א. א. וו., א. א. וו. ווי ער הערט און הערט דאס שוין יאהרענלאנג אויף אלערהאנט באנקעטען אהן א סוף און אהן א שיעור, וואלט דאס געהאט א גאנץ גרינגען ווערט. עס איז אזוי לייכט צו לויבען א גוטען פריינט, מיט וועלכען מען איז פאר־בונדען אין א געטרייער חברשאפט א האלבען לעבען. אבער אין יענער ווענדונג פון צ. ק., פון דער קאמפעטענטסטער אינסטיטוציע אין דער פארטיי (געשריבען האט זי רחמיאל), ליגט א אביעקטיווע אפשאצונג, וואס נויטיגט זיך אין קיין שום קאמענטארען ניט.

א פאר יאהר פריער, ווי עס האט זיך פארענדיגט דער הערא̇ישער קאפיטעל „דער יונגער לאסאל", האט זיך שוין געהאט אנגעהויבען א נייער קאפיטעל: וולאדעק — אויף דער געזעלשאפטליכער טרי־בונע אין דער פרייער אמעריקע. דאס איז א קאפיטעל, וואס דארף זיך נאך ציהען, פון איצט אן, פונקט 25 יאהר, מיט דער אויסדריק־ליכער באדינגונג, אז שפעטער, ביי א פארמינדערטער אקטיוויטעט, זאל זיך אנהויבען א נייער קאפיטעל, וואס איך וואלט אנגערופען: באניע בראכעס אויף דער עלטער.

איך וויל גאנץ אפען זאגען, אז אין מיין באדינגונג ליגט א שטיקעל פארוואורף. איך געפין, אז די באציהונג פון יובילאר צו באניע בראכעס, באזונדערס אין די לעצטע יאהרען, איז געווען ווי צו א שטיפקינד. אט קומט איצט באניע בראכעס צום יום־טוב ווי עפעס א וויטער מחותן, כמעט ווי א נרינער ארימער קרוב

צו אן אמעריקאנער אלרייטניק. מיך פארדריסט עס. באָניע בראָכעס האָט געמעגט זיין פונקט אַזאַ יחסן ווי וולאַדעק. אָט פאַר דער קריוודע זיינער נעהם איך זיך אָן.

באָניע בראָכעס — דאָס איז דאָס געשריבענע וואָרט, וואָס דאַרף — און וועט — ביי אונזער יובילאר מיט דער צייט נאָך קומען צו זיין רעכט.

אין דעם זין באגרים איך דעם יונגען לאסאל, דעם אַלטען וולאַדעקין און דעם קומענדיגען „באָניע בראָכעס אויף דער עלטער!"

* * *

אין פּאָליציי דעפּארטמענט איז וולאדעק געווען פארדעגיס־טרירט אויף אזא אופן:

Чарный, Яков Давидов, Кличка "Лассаль". В 1908 году состоял членом Ц. К. Бунда и интеллигентской группы при Виленском Комитете Бунда. Эмигрировал в 1909 году в Америку.

ז. רייזען (ווילנע)

ב. וולאַדעק'ס ליטעראַרישער אָנהויב

(צונויפגעשטעלט לויט די מאַטעריאַלן פון דעם פּרעסע־אַרכיוו פון אידישן וויסנשאפטלאכן אינסטיטוט)

אין מיין „לעקסיקאָן פון דער אידישער ליטעראַטור, פּרעסע און פילאָלאָגיע" (2טע אויפלאגע, ב. 1, ווילנע 1926) אין דעם ארטיקעל וולאדעק ב., איז פארצייכענט, אז זיין זשורנאליסטישע טעטיגקייט האָט דער איצט געפייערטער בעל־יובל אָנגעהויבען אין יאָהר 1902 אין „מינסקי ליסטאָק". איך געדענק נאָך די דאָ־זיגע טעגליכע צייטונג פון מיין היימישער שטאָט, ווארום אומ־געפער צו יענער צייט — אָדער שפּעטער — האָט דאָרט אויך דעבו־טירט מיין שוועסטער שרה רייזען און עס איז געווען א שטיקעל געשעהעניש אין אונזער פאמיליען־קרייז. פון באוואָרענישען, אז אידען זאָלען שרייבען אין פרעמדע שפּראכען, האָט מען נאָך אין יענע פּרעאידישיסטישע צייטען, אין דער צייט פון צובליטען עקסטערנ־טום, ניט געוואוסט. עס איז געווען א פּראָגרעסיווע צייטונג — לויט די דעמאָלסדיגע באגריפען און מעגליכקייטען (אין ברען פון דער צארישער רעאקציע !) ווי עס דערצעהלט וולאדעק'ס איינגערער ברו־דער, ד. טשארני, האָט וולאדעק אין „מינסקי ליסטאָק" באשריבען זייער געבוירנס־אָרט דוקאָר און ארויסגערופען מיט זיין באשרייבונג אפילו א שטיקעל מהומה אין שטעטעל, וואָס האָט מורא געהאָט, אז ווען די וועלט וועט געוואָהר ווערען פון דעם דוקאָרער דלות, וועט קיינער ניט וועלען דאָרט אָננעמען דאָס כסא הרבנות (דוקאָר האָט דאן געהאלטען ביים קלייבען א נייעם רב). אבער ניט דאָס בין איך אויסען, ווי עס זאָגט דער זיידע ר' מענדעלע (וואָס איז וולאדעק'ן צו לאנגע יאָהר אגב געבאָרען געוואָרען פּינקטליך מיט 50 יאָהר

פריער, אין דעם זעלביגען טאָג און דעם זעלביגען חודש — איירא־פּאיש גערעכענט — און אין דער זעלביגער געגענד).

צו יענער צייט און אויך א יאָהר־צוויי שפּעטער איז ב. וולאַ־דעק (ער האָט נאָך אַזאַ פּויליִשען נאָמען ניט געטראָגען) געווען דער אויפגעהענדיגער שטערן ביי די נאָר וואָס אויפגעקומענע פּועלי־ציון. איך דערמאָן זיך זיין ארויסטרעטונג אין דעם שילער־קרייזל „תלמידי עקיבא", וואו איך, אני הקטן, בין געווען א מיטגליד (צו יענער צייט איז פאָרזיצער פון דעם קרייזל געווען דער שפּעטער באַוואוסטער ארץ־ישראל'דיגער יוריסט דר. נפּק). וולאדעק'ס רעדע האָט גע־מאַכט א גרויסען רושם אויף די יעניגע צוהערערס פון דעם ציוניס־טיש־חובבי־שפת־עבר'דיגען קרייזל.

דערפאר איז נאָך גרעסער געווען דער רושם פון די נייס, אז אין דער מינסקער תפיסה, וואוהין ב. טשאַרני איז אריינגעפאַלען אלס פּועלי־ציוניסט, איז ער איבערגעקערט געוואָרען, צוגעשטאַנען צום „בונד". ס'איז אין מינסק געווען ניט קיין קלענערער רושם ווי דער איבערגאַנג צום „בונד" פון דעם געוועזענעם אחד־העמ'יסט און ציוניסט קאָליע טעפּער, וואָס איז טאקע געזעסען אין דער זעל־ביגער צייט צוזאַמען מיט וולאדעק'ן און מיט זיין גוואַלדיגען כוח־הדיבור איבערגערעדט דעם יונגען טשאַרני'ן צו אָנערקענען דעם אמת פון דעם „בונד".

דער ליטעראַרישער אָנהויב ב. וולאַדעק'ס אין אידיש געהערט צו דער צייט ווען ער איז שוין געווען אן אקטיווער טוער פון „בונד" און זי איז טאקע דערהויפּט פארבונדען מיט די אָרגאַנען און אויס־גאַבעס פון דער דאָזיגער פּאַרטיי.

דעם 3טען יאַנואַר 1906 (לויט דעם אלטען סטיל, וואָס האָט דעמאָלט געגאָלטען אין רוסלאַנד — דעם 25טען דעצעמבער 1905) האָט אָנגעהויבען צו ערשיינען אין ווילנע דער ערשטער לעגאַלער אָרגאַן פון „בונד", די טעגליכע צייטונג „דער וועקער". אין „וועקער" האָבען מיר קיין זאַך ניט געפונען פון ב. וולאַדעק, סיידען ער האָט זיך דאָרט געדרוקט אַנאָנים. דעם 3טען פעברואַר איז „דער וועקער" פאַרמאַכט געוואָרען און אָנגעהויבען ווידער ארויסצוגעהן דעם 19טען פעברואַר — שוין אונטער'ן נאָמען „פאָלקס־צייטונג". ערשט אין נומער 20 (פון 27־14 מערץ) געפינען מיר דעם ערשטען ארטיקעל

פון ב. וולאַדעק, „א בריף פון פּראָווינץ״, געחתמ׳עט „באַנציע שוויג׳ס אייניקעל״, ווי אונטערצושטרייכען, אז די אייניקלאך זיינען העט ווייט אוועק אין זייערע השגות פון זייער זיידען, וואָס איז פאַראייביגט געוואָרען אין דער אומשטערבליכער נאָוועלע פון י. ל. פּרץ. דער בריף, וואָס טראָגט דאָס קעפּעל „דער בעל־הבית און די רעוואָלוציאָנע־רע יוגענד״, שילדערט די שטימונגען פון דער אידישער בורזשואזיע ביים אויפשוואונג פון דער רעוואָלוציאָנערער באוועגונג, בשעת דער אידישער בעל־הבית פּלעגט מיט א שמייכעל זאָגען צו די אידישע רעוואָלוציאָנערען „זאָל אייך נאָר גאָט העלפען !״, מנדב זייענדיג חמשה קטנות אויף „פּיסטאָלעטען״, און איהר באציאונג נאָכ׳ן פאַלען פון דער רעוואָלוציאָנערער כוואַליע, ווען צוזאמען מיט דער בלו־טיגער נאַגייקע־רעאַקציע פון די קליינע און גרויסע „אָרדנונגס־מאַכער״ אין מונדיר הערשט איצט אין די אידישע שטעט און שטעטלאך נאָך א רעאַקציע — א שווערע און א שטיקענדע, א רעאַקציע פון אידישען בעל־הבית געגען דער „אידישער רעוואָלוציאָנערער יוגענט״, ווען „אין די טויטע וואסערן פון דער בלאָטע קומט איצט פאַר צו שווימען דעם אידישען העלד און באַפרייער״.

ווי די געשיכטע חזר׳ט זיך איבער ! — ווי עהנליך דאָס בילד איז אויף דעם איצטיגען מצב אין די אידישע שטעט און שטעטלאך פון פּוילען.

אין נומער 50 (פון 26טען אפּריל) האָבען מיר ב. וולאַדעק׳ן אין „פאָלקס־צייטונג״ אונטער א נייעם פּסעוודאָנים מאָיסיי ווילנער, מיט וועלכען עס איז געחתמ׳עט א בריף פון האָמעל געגען דעם פּאָגראָם־קאָמיטעט פאַר דעם אופן, ווי אזוי ער האָט צוטיילט די 200,000 רובעל הילפס־געלדער פאַר די געליטענע פון פּאָגראָם, איג־נאָרירענדיג דערביי די ארבייטער. א צווייטער בריף פון האָמעל איז געדרוקט אין נומער 57.

פון האָמעל טראָגט ב. וולאַדעק אריבער זיין טעטיגקייט קיין פּוילען. ער איז מיטגליד פון פּוילישען ראַיאָן־קאָמיטעט פון „בונד״ (ווי מיר זעהן עס פון א בריף אין רעדאַקציע אין נומער 189 „פאָלקס־צייטונג״, געחתמ׳עט שוין וולאַדעק), און אין נומער 129 פון 19־6 אויגוסט געפינען מיר זיינעם א „בריף פון פּוילען״, עס איז ניט קיין געוועהנליכע קאָרעספּאָנדענץ, נאָר א זעהר אינטערעסאנטער

פרואוו צו אנאליזירען די היסטארישע סיבות, וואס האבען געבראכט צו דער פארשיידענקייט פון דער דאזיגער באוועגונג אין פוילען און אין דער ליטע. דער דאזיגער אנאליז פארדינט געוויס באטראכט צו ווערען פון דער פארשונג פון דער אידישער ארבייטער־באוועגונג און מיר ערלויבען זיך צו ברענגען איינינע אויסצוגען פון דעם:

„אין ליטע — שרייבט דער יונגער ב. וולאדעק — האבען מיר געהאט ארגאניזירטע מאסען נאך דאן, ווען די רעוואלוציע איז נאך געלעגען אין די וויקעלעך. אלע פארבארייטונגס און איבערגאנגס שטופען האט די ארגאניזאציע אין איהר אנטוויקלונג אין ליטע דורכגעמאכט נאך דאן, ווען דאס לעבען האט איהר נאך ניט געגעבען צו לעזען אזעלכע שווערע אויפגאבען, ווי די, וועלכע ס'ווערען איהר געשטעלט פון דער גרויסער רוסלענדער רעוואלוציע... אבער אין פוילען... איז דעם אידישען פראלעטאריאט אויסגעקומען צו טאן גלייכצייטיג צוויי ארבייטען: זיך ארגאניזירען און גלייך ארויס־טרעטען אין שלאכטפעלד: איהם איז אויסגעקומען איבערצולעבען, דורכצומאכען מיט אמאל עטליכע אנטוויקלונגס־פאזעס. איהם איז אויסגעקומען צו פירען זיין קאמף מיט איין מאל אין אלע ריכטונגען — א קאמף געגען קאפיטאל אין דער סאמע עלעמענטארער פארם, א קאמף געגען דער רעגירונג און געגען „גאט" מיט דעם קאצקער רבי. דאס אלעס צוזאמענגענומען קען אונז געבען צו פארשטעהן, פאר־וואס די סאציאליסטישע באוועגונג פון דעם אידישען ארבייטער אין דער (פוילישער) פראווינץ איז נאך מעהר סטיכיש, ווי באוואוסט־זיניג, מעהר בלינד אלס ארגאניזירט.

„...דער בונד האט אין פוילען געשפילט א גאנץ באזונדערע ראלע, וואס איהם איז ניט פארגעקומען צו שפילען אין ליטע. די „אחדות־באוועגונג" האט געהאט א באזונדערע ווירקונג אין אידישען לעבען. דאס וואס אין ליטע האט ביז א געוויסען גראד אפגעטאן די השכלה־באוועגונג, האט דא געמוזט אפטאן דער „בונד". די פאר־שימעלטע געטא־געטער פון מיטל־אלטער לעבן בית־מדרש, וועלכע ס'האט געבראכען סמאלענסקין מיט זיין „השחר", ברוידעס מיט זיין „הדת והחיים", ליליענבלום מיט זיין „חטאת נעורים" און נאך אנדערע, — האט דאס דער „בונד" געמוזט טאן אין פוילען...
א. אז. וו. — באמת א גלענצענדער רייפער פובליציסטישער אנהויב.

אין נומער 158, „פאָלקס־צייטונג" (פון 25טען סעפּטעמבער) אין א קאָרעספּאָנדענץ פון ווארשע — גיט ער קורץ און שארף איבער די שטימונג אין דער הויפּט־שטאָט פון פּוילען אין יענע טעג, ווען „דאָס ווארשיינליכסטע איז דער טויט און דאָס צופעליגסטע — דאָס לעבען", ווען „די צובלוטיגטע שעהנע און שטאָלצע ווארשע ליגט פאר די פיס פון די בארבארען, וואשענדיג איהרע וואונדען אין איהר אייגען בלוט"...

אין נאָך א „בריף פון פּוילען" (נומער 204 פון 12טען נאָוועמבער) שילדערט באַנציע שוויגס אייניקעל די באדינגונגען פון דער פּארטיי־ארבייט אין פּוילען ביים קריגסצושטאנד און ביי דער רעאקציע מצד די באלעבאָטים און די אָרגאַניזאציעס פון די קאפּיטאליסטען. אין זכרון פון די אלע וועלכע האָבען מיטגעלעבט יענע דענקווירדיגע טעג שטעהען לעבעדיג אויף די דעמאָלסדיגע באגלייטערשיינונגען פון דער רעאקציע, די סטיכישע אויסברוכען פון דעם עקאָנאָמישען קאמף, „וואָס נעמט דאָ אָן צייטווייליג דעם כאראקטער פון רעוואָלוציאָנערען סינדיקאליזם, זאָגאר פון אומגעלומפּערטען אנארכיזם".

אבער אחוץ דעם פּראָנט געגען די דאָזיגע אָרגאַניזאציאָנעלע דורכרייסען אין דער אידישער ארבייטער־באוועגונג האָט דער „בונד" אויך צו פארשטארקען זיין קאמף אויף אן אנדער פראָנט — געגען די פּראָלעטאַריש און אלגעמיין ציוניסטישע פּארטייען אין צוזאמענהאנג מיט די וואהלען צו דער צווייטער דומע, און ב. וולאדעק טרעט ארויס אין דער „פאָלקס־צייטונג" אין א נייער ראָלע — אלס פּאָלעמיסט, און אונטער א נייעם פּסעוודאָנים — באָניע ברכות. אין נומער 213 פון 22טען נאָוועמבער ערשיינט זיין גרויסער ארטיקעל „צוריק!" — „צו דער אנטוויקלונג פון טעריטאָריאליסטישען באוואוסטזיין ביי די ס. ס.", וואו ער קריטיקירט און לאכט אויס די רעזאָלוציע פון דעם ערשטען אָרדענטליכען צוזאמענפאר פון דער ציוניסטיש־סאָציאליסטישער ארבעטער־פּארטיי וועגען די פּראָצעסען פון עמיגראציע—קאָנצענטראציע—קאָלאָניזאציע, וואָס מוזען סטיכיש פירען צו דער פארווירקליכונג פון א אידיש־פריילאנד.

(דעם אייגענעם טאָג, ווען עס ווערען געשריבען די דאָזיגע

שורות, קומט פאַר אין ווילנע שוין דער צווייטער דיסקוסיע־אווענט פון די ווילנער ליטעראַטען און זשורנאַליסטען, פאַר וועמען אדוו׳ יוסף טשערניכאָוו, וועלכער ווערט אין וולאדעק׳ס אַרטיקעל קריטי־קירט אלס דער ס׳סישער וואָרט־פירער דניאַלי, באַגרינדעט און אַנט־וויקעלט די באַנייטע באַוועגונג פון פריילאַנד, אַרויסגערופען דורך דעם דראַנג פון די אַרויסגעשטויסענע אידישע מאַסען צו עמיגראַציע, וועלכע קען אבער פאַרווירקליכט ווערען סיידען דורך אַ קאָנצענטריר־טער קאָלאָניזאַציע אין אַ אידיש פריילאַנד. — אבער ניט דאָס זיינען מיר אויסען).

צו דער פּאָלעמיק געגען דעם פּראָלעטאַרישען ציוניזם קערט זיך באַניע ברכות אום נאָך איינצגע מאָל: אין נומער 259 פון 1טען יאַנואַר שוין 1907) „אייניגע געדאַנקען איבער׳ן טעריטאָריאַליזם און דער טעריטאָריאַליסטישער פּראַקטיק”; אין נומער 280 — „די ס. ס. אינ׳ם וואהל־קאַמף”; אין נומער 291 — „די פּועלי־ציון באַראָ־כאָווצעס”; אין נומער 389 — „די דאָן־קיכאָטען פון טעריטאָריאַ־ליזם”.

באַניע ברכות שוינט אויך ניט דעם אַלגעמיינעם ציוניזם און אין נומער 224 (פון 5טען דעצעמבער) ווידמעט ער אַן אַרטיקעל דעם באַריהמטען ציוניסטישען צוזאַמענפאַר אין העלסינגפאָרס, וועל־כער האָט אָנגענומען די באַקאַנטע באַשלוסען וועגען אַנטייל אין דער אַזוי־גערופענער געגענוואַרטס־אַרבייט.

פאַר דעם קעמפער געגען דער ציוניסטישער פּאָליטיק אין גלות ביז דעם היינטיגען טאָג, ווען אַזוי פיל חברים וולאדעק׳ס, בפרט אין אַמעריקע, האָבען זיך אונטערגעגעבען די ציוניסטישע השפעות, זיי־נען כאַראַקטעריסטיש די פאָלגענדיגע ווערטער פון יענעם וולאדעק׳ס אַרטיקעל „צום ציוניסטישען קאָנגרעס” (אין העלסינגפאָרס):

„באַגראָבענדיג די אַלטע געטער, האָט דער צוזאַמענפאַר אָנער־קענט, לעגאַליזירט און געקרוינט דעם נייעם גאָט פון נאַציאָנאַלער פּאָליטיק אין גלות. קיינעם וועט ער אבער ניט נאַרען. אין דער גע־שיכטע פון דער גרויסער רוסלענדער רעוואָלוציע איז פאַרשריבען, אַז די ציוניסטען זיינען ניט געשטאַנען אויפן׳ שלאַכטפעלד, נאָר האָבען פון די אויף איהם געפאַלענע מאַרטירער געוואָלט בויען זייער טעמפעל פון שאָוויניזם און דעמאַגאָגישער נאַציאָנאַלער פּאָליטיק, אַז אַזוי ווי

דער אמאליגער ציוניזם האט געזאלט פארדעקען זייער פאליטישע גלייכגילטיגקייט, אזוי זאל דער פריש־געבאקענער ציוניזם פארדע־קען זייער פאליטישען פאראזיטיזם און שווינדעל.

„אין העלסינגפארס האבען די ציוניסטען עפענטליך איינגעפלאכ־טען אין מגן־דוד א שווערד,—זיי און זייער געשיכטע זיינען אבער די בעסטע עדות, אז דער שווערד איז פון פאפיר".

גלייכצייטיג מיט דער פאלעמיק אין דער פרעסע פירט ב. וולאדעק א ענערגישע אגיטאציע אלס רעדנער („דער אידישער לאסאל"!) אויף די וואהל־פארזאמלונגען און שילדערט זיינע איינדרוקען אין דעם „טאג־בוך" פון א וואהל־אגיטאטאר" אונטער'ן פסעוודאנים באנציע שווייגס אייניקעל — אין די נומערן 262, 266, 268, 280 פון דער „פאלקס־צייטונג" בעת די וואהלען צו דער צווייטער דומע, און אין „דער האפענונג" (וואס האט פארביטען די פון דער מאכט אין אוי־גוסט 1907 אפגעשטעלטער „פאלקס־צייטונג"), נומער 7, 9, 12, בעת דער וואהל־קאמפאניע צו דער דריטער דומע.

דער פארשער פון יענער שטורמישער תקופה אין דעם אידישען געזעלשאפטליכען לעבען פון רוסלאנד וועט אין דעם דאזיגען „טאג־בוך" געפינען אינטערעסאנטען מאטעריאל פאר דער כאראקטערים־טיק פון דער צייט און איהרע ערשיינונגען. דא וועלען מיר נאר דערמאנען דעם קאפיטעל פון דעם „טאג־בוך", וואס שילדערט די ראליע פון שולען (בתי־מדרשים) אלס טריבונעס פאר דעם געזעל־שאפטליך־פאליטישען קאמף בשעת דער ערשטער רוסלענדישער רע־וואלוציע.

אבער די רעוואלוציע איז שוין געווען אין אפגאנג, די רעאקציע האט אלץ חוצפה'דיגער און חוצפה'דיגער אנגעגריפען אויף אלע איהרע נאך איבערגעבליבענע פאזיציעס און אויך אויף דער רעווא־לוציאנערער פרעסע. עס האט שוין ניט געהאלפען דאס משנה שם זיין די לעגאלע צייטונג פון „בונד"; דעם 29טען אקטאבער ווערט זי פאגראמירט אין איהר דריטען גילגול (42טער נומער פון „דער הא־פענונג" איז דער לעצטער נומער פון דעם בונדישען טאגבלאט, וואס איז באנייט געווארען ערשט מיט א יאהרצעהנדליג שפעטער נאך דער צווייטער זיגרייכער רוסלענדישער רעוואלוציע, אבער דאס געהערט שוין ניט אהערצו).

אַנשטאָט א טאָגבלאט הויבט אָן (דעם 16טען נאָוועמבער) ארויס־צוגעהן אין ווילנע א בונדישער וועכענטליכער אָרגאן „דער מאָר־גענשטערן“, און אין נומער 1 מאַכט דאָ ווּלאַדעק, שוין טאַקע אונטער דעם דאָזיגען פּארטיי־נאָמען זיינעם, זיין דעבוט אויפ'ן געביט פון ליטעראַרישער קריטיק מיט אן ארטיקעל וועגען אברהם רייזענ'ס לידער, אמת — ניט געגוג פּארטיפּעט, אין גייסט פון דער דעמאָלס־דיגער אינטעליגענטיש סנאָביסטישער באציאונג צו דעם באריהמטען אידישען דיכטער, א באציאונג, וואָס איז געווען א ביסעל אן אויס־טערלישע מצד פּארשטעהער פון דער סאָציאַליסטישער און פּראָלע־טאַרישער וועלט־אַנשויאונג, אבער כאראקטעריסטיש פאר די שטי־מונגען אין געוויסע ליטעראַרישע קרייזען אין דער צייט פון דעם אזוי־גערופענעם „רענעסאַנס“, ערב דעם דערשיינען פון די „ליטעראַ־רישע מאָנאַט־שריפטען“, וועלכע האָבען דעם דאָזיגען רענעסאַנס פּראָקלאַמירט.

נאָכ'ן 3טען נומער האָט זיך „דער מאָרגענשטערן“ אָפּגעשטעלט און עס איז געקומען אן איבעררייס אין דער לעגאַלער בונדישער פּרעסע אויף א יאָהר 5 (ביז דער דערשיינונג פון דעם וואָכענבלאַט „די צייט“ אין פּעטערבורג). פאר דעם פּעריאָד פון אָפּגעשוואכטער טהעטיגקייט אין אלע סאָציאַליסטישע פּארטייען אין רוסלאַנד האָט דער „בונד“ זיך געמוזט באנוגענען מיט זאמלביכער פון צייט צו צייט, קודם־כל די זאמלביכער „די נייע צייט“ (1908—1909, 7 העפטען), און אין די העפטען 1, 3, 4, געהט ווּלאַדעק אָן מיט זיינע בלייטשיפט־נאָטיצען פון א קריטיקער, גיט— אויב מיר האָבען קיין טעות ניט — די ערשטע און באגייסטערטע אָפּשאַצונג פון י. ל. פּרצ'עס דעמאָלט פאַרעפענטליכטער דראַמע „די גאָלדענע קייט“, שרייבט וועגען דער נייעסטער אידישער ליטעראַטור, וואָס האָט זיך אָנגעהויבען צו אנטוויקלען נאָך דער ערשטער רוסישער רעוואָלוציע (אנכי, פּרץ הירשביין, זילבורג, מנחם, ב. לאַפּין א. א.), רעצענזירט די אויבען דערמאָנטע „ליטעראַרישע מאָנאַטשריפטען“, (מיר נעמען אָן, אז די אונטערשריפט B-ch אונטער דער דאָזיגער רעצענזיע פון העפט 4 פון „דער נייער צייט“ געהערט אויך ווּלאַדעק'ס פּען).

אונטער'ן פּסעוודאָנים ב. ברכות, שרייבט ווּלאַדעק (אין העפט 4 פון „דער נייער צייט“) א גרעסערע אָפּהאַנדלונג „וועגען אונזער

קולטור־פּראָבלעם (קליינע באמערקונגען איבער א גרויסער פראגע)".
א סך באמערקונגען זיינע וועגן אונזער אייביגער, אזוי אָנגעווייטאָגטער קולטור־פּראָבלעם האָבען נאָך איצט אויך ניט פארלאָרען דעם אינטערעס, זיינען אויך אינטערעסאנט דערמיט, וואָס די אזוי ביי אונז פארשפּרייטע ירידה־שטימונגען זיינען כאראקטעריסטיש ניט נאָר פאר די איצטיגע צייטען פון דעם שווערען גייסטיגען קריזיס אונדזערען, נאָר זיינען אויך געווען אקטועל אין יענע טעג פון דעם געהויבענעם „רענעסאנס". ב. וולאדעק פּאָלעמיזירט געגען ש. ניגער, געגען די „ליטעראַרישע מאַנאטשריפטען" מיט זייער טעזע, אז „אויפ'ן עקאָנאָמישען און פּאָליטישען חורבן" וואַקסען זיך אָן צווייפעל שפּראָצונגען פון קולטור־רענעסאנס".

„דערווייל זעה איך ניט קיין קולטור־רענעסאנס, נאָר עטוואָס וואָס איז פּונקט דער היפּוך פון איהם: קולטור־ענטארטונג. — אָנשטאָט דאָס „קולטור־טרעגערישע" וואָרט פון די ליטעראַרישע און ערענסטע אָרגאַנען פון דער דעמאָקראַטיע ווירקען די „מיסטיגע טריבונעס"... דעם גערדאנק און דאָס געפיהל האָט פארביטען די אומגעלומפּערטע סענסאציע, — איך זעה אין דעם ניט איין קיין פּראָגרעס. „געגען שוואנגערשאפט" און „דאָס טאָגבוך פון א דינסטמיידעל" געהט זיך פאנאנדער אין צעהנדליגער מאָל מעהר איידער א ערענסטעס קונסטווערק; די קעשענעס און די ווירקונג פון די געלע ריטערס און די ליטעראַרישע „פּעטערס" ווערען אַלץ גרעסער און גרעסער; ערענסטע פאַרלאַגען מיט ערענסטע אויפגאַבען גוסס'ען.

און ב. וולאדעק פאַרטיידיגט מיט ברען „יענע היסטאָרישע געגענוואַרטס־ און צוגלייך צוקונפטס־ארבייט", וועלכע מען רופט פארַאכטליך אָן „קולטור־טרעגעריי", איז איבערצייגט, אז „אונזערע פּאָלקס־מאַסען וועלען אויך דאָ איבערוועגען די אינטעליגענץ, אזוי ווי ס'איז שוין איינמאָל באלד ווי געשעהען מיט דער אידישער שפּראַך. קיינער וועט ניט אָפּלייקענען, אז די אַלגעמיינע אנערקענונג פון דער פּאָלקס־שפּראַך אלס נאַציאָנאַלע שפּראַך איז פּאָרגעקומען נאָר אַ דאַנק דער „קולטור־טרעגערישער" ארבייט פון אונזער ראַדיקאַלער און סאָציאַליסטישער ארבייטער באַוועגונג מיט דער הילף פון א טייל פון דער פּראָלעטאַרישער אינטעליגענץ. — ...אונזער קולטור־אויפלעבונג וועט קומען, איך גלויב אין איהר און זעה זי.

אבער קומען וועט זי... צוזאמען מיט דער אויפלעבונג און אויפוואַכונג פון אונזער גאַנצען געזעלשאַפטליכען לעבען", — פאַרענדיגט ב. וולאַדעק זיין אַנאַליז פון די באַגריפען קולטור און קולטור־טרעגעריי אין אַנווענדונג אויף דער אידישער סביבה.

נאָך דעם דאָזיגען ארטיקעל אין 4טען העפט פון „דער נייער צייט" קומט א באַריכט פון א־ר (אסתר פרומקין) וועגען דער ערשטער אידישער שפּראַך־קאָנפערענץ אין טשערנאָוויץ. אין א געוויסער מאָס האָט ב. וולאַדעק זיך ארויסגעוויזען פאַר אומגערעכט אין זיין אָפּשאַצונג פון דעם אידישען קולטור־רענעסאַנס דעמאָלט. די דערשטיקטע ענערגיע אויפ'ן געביט פון פּאָליטיש־געזעלשאַפטליכען קאַמף האָט געפונען אַן אויסגאַנג אין א ברייטער אידישער קולטור־באַוועגונג, וואָס האָט זיך דעמאָלט צוגאָסען איבער די שטעט און שטעטלאַך פון גרויסען רוסלאַנד און אריינגעצויגען די אידישע אינטעליגענץ סיי די איבער פּאַרטייאישע סיי די יענע טיילען פון דער פּאַרטייאישער, וואָס האָבען געהאַט א חוש און א אינטערעס פאַר דער זאַך פון דער אידישער קולטור.

די טשערנאָוויצער קאָנפערענץ האָט סיגנאַליזירט די דאָזיגע באַוועגונג, האָט אויך געבראַכט צו אַן אויפשוואונג אויף די פאַרשידענע סעקטאָרען פון דער קולטור־אַרבייט. עס ווייזען זיך א גאַנצע רייע נייע אידישע צייטשריפטען, וואָס דינען דער דאָזיגער באַוועגונג, און איינע פון זיי, און פון די בעסטע איז דאָס וואָכענבלאַט אונטער דעם אביסעל אויסטערלישען נאָמען „דער טאָג ערשיינט אויף שבת", וואָס האָט אָנגעהויבען ארויסצוגעהן אין ווילנע דעם 11 (18)טען סעפּטעמבער 1908, ביי דער נאָהענטסטער מיטארבעט פון א. ליטוואַק (רעדאַקטאָר ?) ש. ניגער, דוד איינהאָרן א. א. אָט אין דעם וואָכענבלאַט איז ב. וולאַדעק געווען באַזונדערס אַקטיוו, האָט אין יעדען נומער געהאַט עטליכע קליינע פעליעטאָנען אונטער די פּסעוודאָנימען באָניע, נחמן ניט־ברעסלויער (אפשר אויך „דער הונגעריגער אפיקורס" ? „א. ג. מיט קרעמעניש" ?), וואו ער האָט אויף א הומאָריסטישען און סאַטירישען אופן רעאַגירט אויף די פאַרשיידענסטע ערשיינונגען פון אַלגעמיין פּאָליטישען און אידישגעזעלשאַפטליכען לעבען, פונקט ווי ער האָט אין דער סעריע „קליינע

בריף" דאָס אייגענע געטאָן אין דעם אינטימען טאָן פון בריף צו א פריינד („גשמיות" און „רוחניות"; „א שלעכטער סימן" — וועגן דעם אונטערגאנג פון „פריינד"; „אידיש! העברעאיש! אידיש!"; „צוליב פרנסה", — וועגן דעם אנטייל פון חשוב'ע אידישע שרייבער אין דער אויסגאבע „דער לאנד־שדכן").

דער לעצטער „קליינער בריף" ב. וולאדעק'ס אין „דעם טאָג" (וועגן אידישע פראקטישע עמיגראציע־ענינים) האָט זיך אָפּגעדרוקט אין נומער 12 פון 17־4 דעצעמבער, ווען די שיף „ניי־אמסטערדאם" האָט איהם שוין געהאט געבראכט קיין ניו־יאָרק. אין זיין ליטעראַרישער און געזעלשאפטליכער טעטיגקייט הויבט זיך אָן א נייער פעריאָד, אָבער דעם פעריאָד וועלען שוין מן הסתם באשרייבען די חברים פון דעם בעל־היובל, וואָס האָבען מיט איהם מיטגעמאכט די יאָהרען פון זיין ווירקען אין זיין נייער היים אין דער נייער וועלט.

ע י ק ר ש כ ח ת י: שוין אין יענע צייטען פון זיין ליטעראַרישען אָנהויב, ווען ב. וולאדעק האָט אויסגעפּרואווט כמעט אלע מינים פון דער זשורנאליסטיק, האָט ער אויך געמאכט זיינע ערשטע פּרואוון אויפ'ן בעלעטריסטישען געביט. מיר לייגען דאָ ביי זיין ערשט פארעפענטליכט ליד „א פרילינגס־ליד" (געדרוקט אין זאמלהעפט „פרילינג", פארלאג „די וועלט", ווילנע 1907) און „דאָס ליד פון פּראָזע יזכור" (אין זאמלהעפט פון דעם זעלבען פארלאנג „הערבסט־בלעטער"), מיט דער באמערקונג (אויסצושעפּען די ביבליאָגראפיע פון ב. וולאדעק'ס אָנהויב), אז ער האָט אָפּגעדרוקט א פּאָר האלב בעלעטריסטישע עסייען אין די ווילנער זאמלהעפטען „חנוכה־בלאט" 1907 („חנוכה") און „לכבוד פסח" 1907 (פסח געדאנקען).

ווילנע, 15 דעצעמבער, 1935.

באַגריסונג פון צענטראַלען בילדונגס קאָמיטעט אין ווילנע

FAST　　　　　　　　　　DIRECT

RCA

RADIOGRAM

R.C.A. COMMUNICATIONS. INC.

A RADIO CORPORATION OF AMERICA SUBSIDIARY

TO ALL THE WORLD — BETWEEN IMPORTANT U.S CITIES — TO SHIPS AT SEA

RECEIVED AT 64 BROAD STREET, NEW YORK, AT ______ STANDARD TIME.

SPLDP PN389

WILNO 23 3 2235

LC VLADECK COMMITTEE JcSHURIN 175 EASTBROADWAY NEWYORK

HEARTY CONGRATULATIONS FRIEND VLADECK FIFTIETH ANNIVERSARY

MANY YEARS FRUITFUL WORK WISHES CEBEKA VILNO

KOWARSK ROZENTAL

PUPKO

Telephone: HAnover 2-1811 To secure prompt action on inquiries, this original RADIOGRAM should be presented at the office of R.C.A. COMMUNICATIONS, Inc. In telephone inquiries quote the number preceding the place of origin.

Form 113 TA-968

וולאַדעק קאַמיטעט — ישורין

175 איסט בראַדוויי, ניו־יאָרק.

האַרציגע גראַטולירונג צו פריינד וולאַדעק'ס 50טען געבורטסטאָג. נאָך פילע יאָהרען פרוכטבאַרע אַרבייט, ווינשען

צעבעקאַ (צענטראַלער בילדונגס קאָמיטעט)

דר. קאָוואַרסקי, אַננאַ ראָזענטאַל, ח. פּופּקאָ.

י. י. זינגער

טויבען

(אַן עראינערונג)

(געווידמעט ב. וולאדעק צו זיין 50־טען געבורטסטאָג)

איך בין דעמאָלט אַלט געווען צעהן יאָהר. כאָטש איך בין אָפּט געגאַנגען צוזאַמען מיט די חדר־אינגלאך צו קימפּעטאָרינס קריאת־שמע לייענען, האָב איך פונדעסטוועגען שטארק געגלויבט, אז קינדער ברענגט א מלאך פון הימעל. פונדעסטוועגען האָט מיין מלמד ר׳ משה מאקאָווער געלערענט מיט מיר גיטין. קידושין און כתובות. די שיטה פון „מוכת עץ" האָב איך געקענט פון אויסענווייניג.

דער אַלטער ר׳ משה, וואָס האָט פון צעטראָגענקייט ביים לער־נען די אייגענע באָרד זיך אָפּגעגעסען, ווי א בהמה עסט אָב דאָס גראָז פון פעלד, האָט געאַקערט מיט אונז צוועלף שעה א טאָג, פון אַכט אין דער פריה ביז אַכט אין אָווענט. פונקט ווי ער האָט ליב געהאַט די תורה, אַזוי האָט ער פיינט געהאַט די זון. ער האָט זי פארשטעלט מיט׳ן ווייבס אונטערקליידעל. אַזוי האָט ער אויך מורא געהאַט פאר לופט. אין די גרעסטע היצען ניט געעפענט קיין פענסטער, ער זאָל זיך ניט פארקיהלען. אין חדר איז געשטאַנען אַן איבעלדיגער גערוך פון שמעק־טאַבאַק, ליולקע־דרויך, שימעל, אַלטע ספרים און מייז.

דאָס שטעדטעלע איז געווען קליין, פאַרוואָרפען פון א באַהן, א העק. די ציגען האָבען געדרימעלט אין מארק, די אידען אין די קרעמלאך. זעלטען איז די נודנע שטילקייט איבערגעריסען געוואָ־רען דורך דעם גלח׳ס שווערער אָפּגעבליאַקעוועטער קארעטע. דאָס איז ער געפאָהרען צו א חולה־מסוכן אין א דאָרף אויסצוהערען זיין

ווידוי. דער קוטשער איז געזעסען אין בלויזען קאָפּ, אפילו אין ווינטער, און געקלונגען מיט א גלעקעל. אלע פארבייגייענדיגע גוים און גויעס זיינען גלייך געפאלען אויף דער קניה, אפילו ווען עס איז אויסגעקומען אריינצופאלען אין מיסט אדער אין שניי. כאָטש מען איז שוין געוואוינט געווען דערצו, האָבען אלע ארויסגעשטעקט די קעפּ דורך פענסטער און טירען. אין דער שטילער פּוסטקייט איז דאָס אויך געווען א דערפרישונג. פון צייט צו צייט איז דער רויט־בערדיגער נאָטשאלניק פון דער קרייז־שטאָדט אראָפּגעקומען, ארומ־גערינגעלט מיט פּאָליציאנטען מיט קרומע שווערדען און אויסגע־שטייפטע רוקענס.

ר' משה מלמד האָט פאר שרעק פאנאנדערגעלאָזען די תלמידים און די גמרא'ס באהאלטען אונטער'ן בעט, ס'זאָל קיין סימן פון זיין טריפה'נער מלמדות ניט בלייבען.

די קרעמער האָבען צוגעשפּארט א האלבע טיר פון זייערע קרעמלאך. שעהנע אידען האָבען באהאלטען די פּיאות הינטער די אויערען, פאררוקט די בערד אין די לאצען. גוים האָבען פון ווי וויט געצויגען די היטלען און זיך געבוקט.

נאָך דעם זיינען ווידער געקומען טעג פּוסטע, נודנע און שלעפּ־פעריגע.

אין איינעם א טאָג זיינען אויפ'ן מארק עטליכע גרויסע פוהרען פון פּריצישען הויף פארפאהרען, פול מיט מאדנע לייט, פרעמדע און אונערוואַרטעטע. אָנגעטאָן זיינען זיי געווען גרויס־שטאָטיש. איינער פון זיי האָט געשפּילט אויף א הארמאָניע. אַן אַנדערער האָט געהאלטען צוויי טויבען הינטער'ן רעקעל, וואָס האָבען בלויז ארויסגעשטעקט די קעפּלאך דורך די לאצען און קיילעכדיגע אויי־געלאך געוואָרפען אויפ'ן פּוסטען מארק. תחלת האָבען מיר די לייט אָנגענומען פאר גוים. זיי האָבען געטראָגען קורצע קליידער און זייערע בערד זיינען געווען געגאָלט. בלויז וואָנסען האָט כמעט יעדער פון זיי געהאט. באלד זיינען זיי טומעלדיגע אריין אין די קרעמלאך נאָך פּאפּיראָסען און גערעדט אידיש צו די קרעמערקעס. דער וואָס מיט דער הארמאָניע האָט אפילו אויסגעקנייפּט א יונגע קרעמערקע די רויטע באקען און גערעדט מיט א ברייט ווארשעווער לשון.

— שיין ווייבעל געבען זי מיר א קוש...

האָבען חדר־אינגלאך געעפענט מיילער און אויגען.

— זעהטס, אידען! — האָבען מיר נישט פארשטאַנען.

דאָס ערשטע מאָל האָבען מיר געזעהן אידען אין גויאישע קליידער, אָהן בערד.

פון דעם פריץ'ס קנעכט האָט מען זיך דערוואוסט, אז דאָס האָט דער פריץ זייערער די לייט אזש פון ווארשע געבראכט, זיי זאָלען אויסמאָלען די ווענט און די סופיטען פון זיינע סאַליעס, וואָס ער האָט גאָר אָהן א צאָל. איינער פון זיי, דער וואָס האלט די טוי־בען אין רעקעל, וועט אויך איבערמאָלען די הייליגע בילדער אין קירכע, וואָס זיינען פון אלטקייט אָפּגעמעקט געווארען. איבער דער גאַנצער צייט וועלען זיי זיין אין הויף מיט דירה און קעסט.

אידען האָבען ניט געשאָלטען, ניט געבייזערט זיך, בלויז פארגאַפט זיינען זיי געשטאַנען. דאָס, וואָס אידען וועלען עסען אין הויף טריפה'ס און מאָהלען יויזעלס אין תיפלה האָט אזוי צושמע־טערט, אז די ווערטער זיינען אין האלז געבליבען שטעקען. שוויי־גענדיג, די קעפּ מעהר געבויגען ווי תמיד, זיינען אידען דאָס מאָל געגאַנגען צו מנחה־מעריב אין בית־המדרש. דאָס דאַוונען האָט קיין טעם ניט געהאט דעם טאָג.

געבויגענער פון אלע אידען האָט ר' משה מאקאָווער דער מלמד אָנגעהויבען האלטען זיין קאָפּ. ער האָט מיט אזא גירינקייט אָפּגעגעסען די באָרד, אז ער האָט גענומען אויסזעהן ווי פראנצישעק דער באָר־גוי, וואָס גאָלט זיך איין מאָל אין א חודש.

די אינגלאך זיינען שלעכט געגאַנגען אין חדר צו איהם פון דעם טאָג אָן, וואָס די פרעמדע זיינען אין שטעטעל אָנגעקומען. מען איז אָפּגעלעגען גאַנצע טעג ארום פריצ'ס הויף און דורך די שפּאַרעס פון הויכען הילצערנעם פּאַרקאַן געקוקט צו די פרעמדע.

אין פּאַפּירענע שקארמיצען אויף די קעפּ, אין געפלעקעלטע הויזען פון פאַרב זיינען זיי איבער לייטערס געקראָכען, אויף גלייכע ווענט זיך געדראַפּעט און פון זייערע הענט זיינען פויגעל ארויס, פאַרביגע און פאַנטאַסטישע, וואָס אזעלכע זעהט מען גאָר ניט. וואַסערלאך, ווינד־מיהלען, בוימער, פּאַסטוכער מיט פייפלאך, פוי־געלאך אין דער לופטען זיינען פון זייערע פארשמירטע הענט פלינק ארויס און אויף ווענט און סופיטען זיך באַזעצט.

זיי האָבען ניט געטריבען די אינגלאך, ווי אנדערע באלמע־לאָכעס. זיי האָבען גוט געשמייכעלט פון די פארשמירטע פנימער ארוים און צוגעוואונקען מיט אן אויגעל.

— ס'האָט עפעס שעהנע שוועסטער, אינגלאך ? — האָבען זיי געפרעגט און געלאַכט.

מיר האָבען זיך פארשעהמט און רויט געוואָרען.

פונקט ווי פרעהליך זיי האָבען געארבייט, אזוי האָבען זיי פרעהליך געזונגען. גאַרניט אויפגעהערט אויף א ווייל. ווערטען מיט געזאַנג זיינען אין זייערע מיילער געוועז.

בלויז איינער, דער וואָס איז אָנגעקומען מיט די טויבען, האָט זיך ארומגעדרעהט, געזאָגט מבינות, פארריסען די אויגען אין דער הויך, געלערנט, געהייסען איבערמאכען. די צוויי טויבען זיינע האָט ער גאַרנישט ארויסגעלאָזט פון זיינע הענט. אָדער ער האָט זיי געהאלטען אונטערן רעקעל מיט די קעפלאך ארויס, אדער זיי זיינען געזעסען ביי איהם אויף די אקסלען, ווען ער האָט געדארפט נוצען די הענט.

טאַטעס האָבען געפּאַטשט, פארשלאָסען אין שטוב, געסטראַשעט מיט גיהנום פאר געהן צו די משומדים. קיין זאך האָט ניט גע־האָלפען. ווי פייער ציהט שמעטערלינגען, כאָטש עס פארברענט, אזוי האָבען די פרעמדע לייט אונז געצויגען. אלע טאַטישע פעטש האָבען קיין ווערט ניט געהאט צוליב איין שעה אָפּזיצען לעבען פריצישען הויף, צו זעהן די פרעהליכע פארשווינען קלעטערען אויף די לייטערס, צו הערען זייערע אומפארשטענדליכע, פרעמדע אבער צוציהענדע לידער.

אין איינעם א טאָג א הייסען און א העלען, ווען די זון האָט גאנצע צעבערם מיט גאָלד געשאָטען אויף דעכער און בוימער, איז לעבען פריצ'ס הויף פלוצלונג דער רויט־בערדיגער נאַטשאַלניק פון דער קרייז־שטאָדט אויסגעוואקסען. ער איז געגאנגען פאראויס מיט שנעלע מיליטערישע טריט. נאָך איהם זיינען נאָכגעגאנגען א סך פּאָליציאנטען, אין לאַנגע שוואַרצע מונדירען און מיט קרומע שווערדען. נאָך זיי זיינען געגאַנגען פויערען מיט שטעקענס אין די הענט.

פון שרעק זיינען מיר פארבליבען פארגליווערט אויפ'ן אָרט.

שטיל, פייערליך, בלויז מיט וואונקען האָט דער רויט־בערדיגער נאַטשאַלניק אָנגעוויזען די פויערען מיט די שטעקענס, זיי זאָלען ארומרינגלען דעם פּאַרקאַן. דערנאָך האָט ער ארויסגעצויגען די שווערד פון שייד. אַלע פּאָליציאַנטען האָבען עס נאָכגעטאָן.

די זון האָט פרעהליך געבליאסקעט אין די הוילע שווערדען, אין נאַטשאַלניקס לאַקירענע שטיוועל זיך געשפּיגעלט.

שטיל, פייערליך, מיט די מיליטערישע טריט האָט דער רויט־בערדיגער עלטסטער ארייננמארשירט אין הויף. די פּאָליציאַנטען האָבען זיך פונאַנדערגעוואָרפען. דער עלטסטער האָט מיט א דער־שראָקען הייזעריג קול גערופען צו די לייט אויף די לייטערס און געמאַכעט מיט דער הוילער שווערד אין האַנט.

וואָס ער האָט געשריגען האָבען מיר ניט פארשטאַנען. מיר האָבען בלויז געזעהן ווי די פאַרפּאַרבטע שטענדיג פרעהליכע לייט זיינען פויל און אומעטיג פון די לייטערס געקראָכען און מיט אויפ־געהויבענע הענט זיך אָפּגעשטעלט אויף דער ערד.

פון א זייט האָבען צוויי פּאָליציאַנטען געפירט דעם, וואָס האָט די יויזלעך אין קירכע געדאַרפט איבערמאָלען. ער איז געגאַנגען מיט פוילע טריט און געשוויגען. פּלוצלונג האָט ער ביידע הענט ביי די לאַצען פון זיין רעקעל אָנגענומען און אַן עפּען געטאָן האַסטיג.

דער נאַטשאַלניק מיט דער שווערד אין האַנט האָט א דערשראָ־קענעם שפּרונג געטאָן. אַלע פּאָליציאַנטען האָבען נאָכגעטאָן זייער עלטסטען.

דער פארפּלעקטער מאַן האָט הויך געלאַכט. פון זיין רעקעל זיינען בלויז צוויי טויבען ארויסגעפלויגען, ווייסע, באַזילבערטע פון דער העלער זון.

די פּאָליציאַנטען האָבען מיט פויערשע שטריק יעדען פון די לייט צוזאַמענגעבונדען די הענט, יעדער צוויי מענשען אינאיינעם פאַרקניפּט. ווען אַלע זיינען געווען פאַרטיג, האָבען די פּאָליציאַנטען ארומגערינגעלט די געבונדענע. די פויערען מיט די שטעקענס זיינען געגאַנגען אין א זייט. דער רויט־בערדיגער נאַטשאַלניק האָט פעסט מאַרשירט אויבענאָן. די לאַקירענע שטיוועל זיינע האָבען געלאַכט צו דער זון.

די פרעמדע זיינען געגאַנגען מיט'ן פולען טראָט. נאָך זיי

זיינען עטליכע הויפישע פוהרען נאָכגעפאָהרען, פול מיט זייערע זאַ־כען און קעסטלאַך.

ביי די קרעמלאַך זיינען דערשראָקענע ווייבער און אידען געשטאַנען און שטיל געשעפטשעט. פון די פויערען מיט די שטע־קענס האָט מען שוין געוואוסט, פארוואָס מען פירט די לייט אין שטריק געבונדען. שטיל, קוים צו דערהערען האָט מען געשעפטשעט זיך אין די אויערען.

— זיי וועלען פארפוילט ווערען אין קייטען... זיי האָבען גע־רעדט אויפ'ן קייסער...

פאר די געבונדענע לייט האָט זיך א שטויב אויפגעהויבען און געגאַנגען פאָראויס ווי א וועג־וויי[זער].

הארט איבער זייערע קעפ האָבען די צוויי ווייסע טויבען גע־פלאַטערט, אין דער זון זייערע פליגלען געזילבערט און באגלייט די מענשען אין זייער וויטען שטויביגען וועג.

ח. ש. קאַזדאַן (וואַרשע)

וואָלאַדעקס אַנדערשקייט

וואָס ווערטפולסטע אין אַ מענטשן איז — ווער ער איז אַנדערש, ווי די אַרומיקע. אַנדערשקייט — איז אַ סימן פון אייגענעם זעלבסטשטענדיקן אַרט דענקען. אַנדערשקייט — איז כאַראַקטער, סטיל. גרוי און וואָכעדיק איז דער וואָס איז אַזוי ווי אַלע אַנדערע, ער איז סטיל־לאָז, עס ווייעט פון איהם מיט אומעט.

ב. וואָלאַדעק איז פון יענע געצעהלטע צווישען אונז, וועלכע זיינען אַנדערש. ער פאַרמאָגט דעם סוד פון „ושכמו גבוה" — און טאַקע פיזיש ווי גייסטיג. נאָך איידער איהר רעדט אוים מיט איהם די ערשטע פּאָר ווערטער, נאָך איידער איהר הערט איהם רעדענדיג — זענט איהר שוין אונטער דעם איינדרוק, אז דער מאַן איז אַנדערש. איהר גיט זיך אַליין ניט אָב קיין חשבון, אין וואָס באַשטעהט אָט די אַנדערש־קייט, אָבער איהר פיהלט זי אַרוים פון זיין קוק, פון זיין שמייכעל, פון זיין שטימע און אינטאַנאַציע. עס אימפּאָנירט אייך, עס פאַנגט אייך.

און שפּעטער, ווען איהר דערקענט ב. וואָלאַדעק'ן נעהענטער, איי־בערצייגט איהר זיך, אז איהר האָט זיך ניט אָפּגענאַרט, אז דער חשבון שטימט: דער מאַן — איז טאַקע אַנדערש און העכער.

וואָלאַדעק קען וואַגען, קען פאָדערען. וואָלאַדעק קען פיינט האָבען און פאַראַכטען. ער דאַרף דערצו זיך ניט זידלען, עס קלעקט זיינס אַ וואָרט, אַ קוק.

וואָלאַדעק האָט איניציאַטיוו, פאַרנעם, — ניט קיין מנחם־מענ־דעלשען, נאָר געזונטען, רעאַלען. וואָלאַדעק האָט זעלבסט־קריטיק און זעלבסט־דערקענונג — דערפון זיין אויפריכטיגע באַשיידענקייט און איינפאַכקייט. וואָלאַדעק קען האָבען פעלערן און דורכפאַלען. אָבער

אלע וועלען עס איהם פארגעבען, מע וועט זיי פארשטעהן, מע וועט זיך באמיען זיי צו פארשטעהן.

דאָס איז די אנדערשקייט, וואָס זי שאפט איהם לעגענדארישקייט אין ווייטע שטעדט און לענדער, צווישען פיינט און געגנער. ווען איך בין ארומגעפאָרען איבער די פאראייניגטע שטאאטען, האָב איך זיך אויף דער דאָזיגער באציאונג צו ב. וולאַדעק׳ן אָנגעשטויסען אויף טריט און שריט.

אָבער די דאָזיגע אַנדערשקייט אין איהם שרעקט ניט קיינעם, פאַרקערט, זי וועקט צוטרוי און אינטימקייט. עס איז עפּעס אַן אַנ־דערשקייט, וועלכע איז יעדען ליב און סימפּאַטיש, עס איז אַן אַנדערש־קייט — וואָס יעדער וואָלט אויך געוואָלט זיין אזוי, וואָס יעדער האָלט זי פאַר אַ מוסטער. ווארום סוף כל סוף לעבט אין יעדען מענשען דאָס שטרעבען זיך אויסצוטיילען, זיין אָריגינעל, און דער־פון אָפט — דאָס נאָכאַמען און נאָכמאַכען. אבער נאָר גרויסע מענ־שען איז געגעבען — צו זיין ווירקליך אָריגינעל, אייגענאַרטיג. דאָס רוב דורכשניטליכע מענשען „אָריגינעלעווען״ בלויז, און דערפון ווע־רען זיי קאָמיש.

חבר וולאַדעק׳ס אַנדערשקייט — איז ניט קיין געפּעלשטע, זי איז עכט אָריגינעל. דערפאַר מאַכט זי אזא שטאַרקען און אונמי־טעלבאַרען איינדרוק.

* * *

דאָס ווערטפולסטע אינ׳ם מענשען איז — צו זיין א מענש. און דאָס איז גראָד איינע פון די שווערסטע פּראָבלעמען. מען קען זיך אויסלערנען גוט שרייבען, שעהן רעדען, מע קען זיך אויסלערנען הלכות פּאָליטיק, מע קען איבערנעמען העכערע קולטור און קולטור־רעלקייט, — מע קען זיך אָבער ניט אויסלערנען צו זיין א מענש, צו האָבען מענשליכע באציאונג צום צווייטען.

מענשליכקייט, איידעלקייט פון כאַראַקטער, מענשליכער געפיהל מיט דיין באקאַנטען און פריינד, — דאָס איז א זאַך פון געבורט. עס איז פּונקט אזוי ווי שעהנקייט. ווער עס איז געבאָרען מיאוס און העס־ליך אין זיין אויסערליכקייט, דעם איז אונמעגליך צו ווערען שעהן און עסטעטיש. ער מעג זיך פּוצען און שמינקעווען, פאַרבען און

דעקאָרירעץ מיט וואָס איהר וועלט — פאַרפאַלען, ער וועט אין די אויגען פון אַלעמען בלייבען העסליכקייט און פאַרקריפּעלטקייט.

מענשליכקייט, איידעלקייט — דאָס איז אויך א זאַך פון נאַטור. און ווי אָפט שטעהט איהר פאר דעם טרויעריגען דיסאָנאַנס: אויסער־ליך א מענש — פון וויסען, טאַלענט, גלאַנץ, דערפאַרונגען; אינער־ליך — איז דער מענש דורכגעדרונגען מיט רשעות, גראָבקייט, עגאָ־איסטישקייט, קאַריעריזם. עס שאַפט זיך א מין נאָנסענס פון „אַריסטאָ־כאַמאָ־קראַטיע"...

ב. וואָלאדעק איז א גליקליכע האַרמאָנישקייט. זיין אויסערליכע שעהנקייט האַרמאָנירט מיט דער אינערליכער. זיין אויפמערקזאַמקייט צום מענשען, צום צווייטען, זיין פיהלבאַרקייט צו אויפריכטיגקייט, אמת'דיגקייט — איז אומגעהויער גרויס. צווישען איין גרויסען פּאָליטיש־געזעלשאַפטליכען ענין און צווייטען — געדענקט ער גוט און טוט און זוכט צו העלפען פּערזענליך דעם פריינד און יענעם חבר, געדענקט וועגען יענעמס נויט און צרות. און ווען ער האָט אפילו צו טאָן מיט יענעם — פּאָליטיש און געזעלשאַפטליך, געדענקט ער דאָך, אז דער פּאָליטישער און געזעלשאַפטלער איז פריער פאַר אַלץ — מענש, מיט מענשליכע שוואַכקייטען. און וואָלאדעק, וואָס קען פאַרערען און האָבען טענות, קען אויך מוחל זיין און פאַרגלעטען.

* * *

דאָס ווערטפולסטע אין'ם מענשען איז — זיין רייסען זיך צו הויך, צו ווייט.

דאָס פויזען איבער דער ערד און דאָס איינגראָבען זיך אין ערד־ישעס — איז די גרעסטע געפאהר פאר'ן מענשען, און באזונדער פאר'ן געזעלשאַפטליכען, פּאָליטישען און קולטור־טוער. דאָס האַקט אָפּ זיינע פליגלען, דערמינערט זיין פאַרנעם. גליקליך איז דער מענש, וואָס פאַראייניגט דאָס רעאַלע און טאָגטעגליכע לעבען און קעמפען — מיט דאָס ווייט־האָריזאָנטיגע, מיט הימלדיגער רחבות.

חבר וואָלאדעק איז אַזא גליקליכער. אריינגעטאָן אין טאָג־טעגליכע זאָרגען פון זיין געשעפטליכען און געזעלשאַפטליכען אמט, פאַרבונדען מיט די וויכטיגסטע אינסטיטוציעס פון דער פּראָפעסיאָנע־לער און פּאָליטישער ארבייטער־באַוועגונג, — זוכט ער און רייסט זיך צו נייע, צו אַנדערע וועלטען. חבר וואָלאדעק געהערט צו די,

וואָס לערנען שטענדיג. זיך אָפּרייסען פון דער ערד, זיך איבערטראָ־
גען אין וועלט פון גייסט און דיכטונג — דאָס איז זיין אינערליכע
באַדערפעניש. דערפאַר „זינדיגט" ער מיט א ליד, און דוקא מיט א
פילאָזאָפיש ליד. דערפאַר „זינדיגט" ער מיט ליטעראַטור, מיט קרי־
טיק.

דערפון אויך זיין רייסען זיך צו וועלט־אָרגאַניזאַציעס, צו
אינטערנאַציאָנאַלע פאַרבינדונגען, צו גרויס־אַמעריקאַנישע אונטערנע־
מונגען.

* * *

פאַרברענגט איהר א פּאָר שטונדען אין ב. וולאַדעק'ס וואַרטע־
צימער — איבערציינגט איהר זיך, אז איהר האָט דאָ צו טאָן מיט
א גרויסער „אַמבאַסאַדע".

חבר וולאַדעק איז דער אַמבאַסאַדאָר פון „בונד" און ציש"א אין
פּוילען.

חבר וולאַדעק איז פירער פון „אָרט" און פון אַרבייטער־קאָמי־
טעט.

חבר וולאַדעק איז דער געשוואָרענער טאָסטמייסטער און קאָלעק־
שאָן־מאַכער פאַר יעדער גרעסערער און חשוב'ערער אונטערנעמונג
פון אונזער סביבה.

חבר וולאַדעק איז דער אַמבאַסאַדאָר פון ווילנע און וואַרשע.
און אזוי כסדר.

ניין, ער איז ניט „קאָניטפּערשטאַן". עס מאַכט זיך שוין אזוי,
אַלץ קומט צו איהם. פאַר אַלעמען איז א כבוד און א עהרן־זאַך צו
האָבען איהם פאַר'ן זיין פאַרטרעטער און פאָרשטעהער.

זעלטען צו געפינען אין גרויסען ניו־יאָרק א צווייטען קאַבינעט,
צו וועלכען עס זאָל זיך ציען אזוי פיל פעדים פון אייראָפּע און אַמע־
ריקע, פון אידישער און ניט־אידישער וועלט, פון בירגערליכען און
פּראָלעטאַרישען לאַגער, פון ווייטע און נאָהענטע.

* * *

ב. וולאַדעק האַלט זיך ניט פאַר קיין אידישיסט.

אָבער זיין באַציאונג צו אידיש איז א געזונטע און אינטימע.
מיר האָבען איהם ניט איין מאָל געהערט אויף עפענטליכע אויפ־

טרעטונגען — ווארפען ווערטער ווענען אידיש, פול מיט אויפריכ־טיגער ליבע און באגייסטערונג, פול מיט גלויבען און האפנונג.

ווייל ב. ווֹלאדעק איז סוף כל סוף א מענש פון פאלק, פון מאסע.

מאסע איז זיין סטיכיע, צווישען איהר לעבט ער זיך אויס, מיט איהר זיינען געבונדען זיינע האפנונגען און פערספּעקטיווען. און אידיש איז די שפּראך פון דער מאסע.

ווֹלאדעק רעדט און לייענט עטליכע שפּראכען. אבער אידיש איז זיין אינטימסטע שפּראך. דאס איז זיין מאמע־לשון און זיין מאמעס לשון. אידיש איז די שפּראך, אין וועלכער ער האט זיין רעדנערישען טאלאנט אויסגעשמידט, אויף וועלכער ער האט די הער־צער פון דער גרויסער מאסע געפאנגען. און אידיש איז ביז היינט די שפּראך, אין וועלכער ער לעבט זיך אויס אמפולסטען.

און ס'איז קיין ספק ניט, אז ווֹלאדעק האט דער אידישער שפּראך — פיל צינזען באצאלט, און וועט נאך צאלען. פונקט ווי דער אידישער ארבייטער־באוועגונג, פון וועלכער ער קומט און מיט וועל־כער ער בלייבט אויף א גאנץ לעבען געבונדען.

אידיש און ארבייטער־באוועגונג — זיינען פאר איהם אומאפּ־טיילבארע דערשיינונגען.

און מיט זיי ביידען האט ער א אינטימען בונד געשלאסען.

יעקב פּאַט (וואַרשע)

ווי איך האָב געזעהן וולאַדעקין

עס איז געווען ניינצעהן־זעקס, אָדער ניינצעהן־זיבען. איך בין נאָך געווען אַ אינגעל — ערשט פון דער תורה־באַנק. ערשט אויף דעם ערשטען שטאַפּעל פון דער אַרבייטער־באַוועגונג. איבער רוסלאַנד זיינען געריטען די רייטער פון די שטראָף־עקספּעדיציעס. צאַרסקאָיע סיעלאָ, ווינטער־פּאַלאַץ, גאַטשינע האָבען געפּראַוועט בלוטיגע נקמה.

— לאַסאַל דער צווייטער איז געקומען, ער וועט רעדען אין דער „ביליגער קיך״... — האָט מען פּאַרטרויט אין דער וועבער־שטאָט ביאַליסטאָק, וואו איך בין דעמאָלט געווען.

ער הייסט נישט וולאַדעק, ער הייסט נישט לאַסאַל, ער איז איצט מיט אַן אַנדער נאָמען — ברוך. ברוך טשאַרני וועט רעדען וועגען... ליטעראַטור.

די „ביליגע קיך״ אויף דער אָרימער פּאָוויטשיזנע איז פול געווען. אויף אַן אימפּראָוויזירטער בינע איז געשטאַנען אַ הויכער, יונגער מענשע אין ברילען און — גערעדט. עס איז מיר פון דעמאָלט געבליבען אין זכרון: אַן אומבאַקאַנטער שטעהט און ציילט פּערל. פּאַרזיכטיג, רוהיג, ציט ער זיי אויף אַ שנור. פּערל נאָך פּערל, און די שנור ווערט לענגער, קיילעכדיגער און העלער...

טויזענט אַרבייטער זיינען געשטאַנען אין זאַל און געהערט מיט אַ פאַרכאַפּטען אָטעם. שטיל זאָל זיין. קיין פּיפּס. אַלע ווייסען, אַז עס רעדט „לאַסאַל דער צווייטער״. זאָל אָבער עס בלייבען קאָנספּיראַטיוו. דאָרט דרויסען רייטען די רייטער פון די שטראָף־עקספּעדיציעס, דאָרט כוואַשטשען בייטשען איבער דעם סופ׳לאָזען פינסטערען לאַנד, און דאָ געפינט זיך דער פאַרשטעלטער „לאַסאַל דער צווייטער״, דער טריבון פון דער רעוואָלוציע, פון די גאַסען

פון מינסק, פון ווילנע, פון לאָדז און צײלט שטיל, בנעימות'דיג אײ־דעלע פּערל, און ער צעטײלט זײ, צעטײלט זײ פאַר אַלעמען, יעדער אײנער באַקומט, און ער ווערט גאַרנישט אָרימער, ער טײלט זײ אין מיטען דער נאַכט.

די הויזען איבער די שטיוועל

איך האָב איהם לאַנג מעהר נישט געזעהן. עס זײנען אוועקגע־לאָפען אַ אַנדערהאַלבען צעהנדליג יאָהר. עס איז געווען אין אָנהויב פון די צוואַנציגער יאָהרען.

אין אַ וואַרשעווער הויז זײנען מיר זיך צוזאַמענגעקומען אויף אַ באַגעגעניש מיט וואָלאַדעק'ן, וועלכער איז געקומען צופליהען פון בערלין. עס איז געקומען דער אַקטיוו פון דער וואַרשעווער אַרבײ־טערשאַפט. דער גענעראַל־שטאַב. מיט דער באַגעגעניש האָט אָנגע־פיהרט נח.

מען האָט גערעדט, געהאַלטען טאָסטען. מען האָט דערצעהלט וואָלאַדעק'ס שבחים, שטאָלצירט מיט זײן טרײשאַפט דעם „בונד", מיט זײן איבערגעבענקײט.

— און דאָרט אויף יענער זײט ים האָט ער נישט פאַרגעסען !...

— און דאָרט איז ער געוואָרען דער אַמבאַסאַדאָר פון „בונד"!...

און אַזוי װײטער.

האָט זיך אויפגעהויבען וואָלאַדעק און אַזוי געזאָגט :

— „נישט פאַרגעסען" זאָגט איהר ?... „אַמבאַסאַדאָר" הײסט עס בײ אײך !... — וועל איך אײך דערצעהלען, אין ווען איך האָב מיך דערמאָנט, ווען איך בין אַרויסגעשטיגען פון עראָפּלאַן און געזעהן אויפ'ן פליה־פעלד נח'ן, ווי ער וואַרט אויף מיר. איך האָב מיך דערמאָנט אָן אוריאַדניק פון אונזער שטעטעל. תמיד פלעגט אונזער אוריאַדניק, צוליב באַקוועמליכקײט, געהן מיט די הויזען אַראָפּגעלאָזט איבער די שטיוועל, אָבער ווען דער פּריסטאַוו פלעגט קומען אין שטאָט אַרײן, פלעגט זיך אונזער אוריאַדניק מאַכען פאַר אַ לײט. סמירנאָ !... די הויזען אין די שטיוועל אַרײן.!... — בין איך מיר געווען אַן אָפּגעלאָזענער אוריאַדניק מיט הויזען אי־בער שטיוועל, ווי אָבער איך האָב דערזעהן נח'ן אויפ'ן פליה־פעלד, נישט דער פּריסטאַוו, נאָר דער גובערנאַטאָר איז דאָ, דער גענעראַל־

גובערנאַטאָר, האָב איך גלייך „געמאַכט זיך פאַר אַ לייט״, אַריינגעטאָן די הויזען אין די שטיוועל און, חברים,

— סמירנאָ !...

איך בין צוריק ווי געווען : אַ סאָלדאַט אין דער אַרמיי. אַ פּריוויליגער סאָלדאַט אין דער פרייהייט־אַרמיי.

גרייט צום פראָנט.

צווישען קינדער

ערשט היינטיגען זומער האָבען מיר זיך באַגעגענט. מיר זיינען אונטער גרינע בוימער צווישען די קינדער פון דער מעדעם־סאַנאַטאָריע. עס איז געווען אַ שעהנער, אַ מחיה׳דיגער טאָג. צווישען די קינדער איז נאָך מחיה׳דיגער. דאָס לעבען זעהט אויס שעהן. גלויבסט, אַז עס קען און עס וועט שעהן זיין !...

אַ לערער האָט וולאַדעק׳ן פאָרגעשטעלט פאַר די קינדער. ער האָט פאַר זיי דערצעהלט וועגען „באַריהמטען חבר וולאַדעק״.

אונטער בוימער איז געשטאַנען וולאַדעק און גערעדט צו די קינדער.

— איהר שפּילט זיך — האָט ער געזאָגט — אין ליאַלקעס, וואָס האָבען זיך אָפּגעריסען פון די שטריקלאַך, און מיר, דערוואַקסענע, שפּילען זיך אין „גרויסע״, אין „באַריהמטע״ מענשען, עס איז אַ שפּיל אַזאַ...

ער האָט גערעדט צו די קינדער, דוכט זיך, פּראָסטע ווערטער, אַזעלכע איינפאַכע, ווי די בוימער, וואָס וואַקסען אַרום, אָבער וואָס מעהר ער האָט גערעדט, זיינען די פּשוט׳ע ווערטער געוואָרען לויטערדיג, זוּיבערדיג.

עס האָבען פאַר מיר אַ שיין געטאָן יענע ריינע פּערל פון יענער פינסטערער נאַכט אין דער „ביליגער קיך״ פון ביאַליסטאָקער פּאָוועטשיזנע.

* * *

איך וואָלט דאַרפען שרייבען, ווי איך וואָלט וועלען זעהן מאָרגען וולאַדעק׳ן. צוליב דעם, וואָלט איך דאַרפען אויסלייגען אביסעל טענות, אַריינוואַרפען אַ פּאָר געזאַלצענע טראָפּענס, נו, — און איצט איז דאָך נישט די צייט אויף דעם.

אננאַ ראָזענטאַל (ווילנע)

וולאַדעק האָט אויפגעשטורעמט גאַנץ ווילנע אין 1905 און איז נאָך ביז איצט ניט פאַרגעסן געוואָרען

ס'איז אוממעגליך צו רעדען וועגען חבר וולאַדעק'ן, באַרירען זיין פארגאנגענהייט און ניט דערמאָנען די רומפולע זייטלאך, וועלכע ער האָט איינגעשריבען אין דער געשיכטע פון דער אידישער ארבייטער באוועגונג אין ווילנע.

מיר פערזענליך איז ניט אויסגעקומען צו ארבייטען צוזאמען מיט חבר וולאדעק און האָבען אוממיטלבארע איינדרוקען, איך קען דאָ נאָר פארצייכענען דעם רושם, וועלכען זיין און ארבייט אין ווילנע אין 1905 האָט געלאָזען אין די ברייטע שיכטען פון דער ווילנער ארבייטערשאפט און איז נאָך ביז איצטער ניט פארגעסען געוואָרען.

ווען מיר האָבען זיך אין נאָוועמבער 1905 אומגעקערט אין אייראָפּעאישען רוסלאנד, זיינען מיר ממש פארבלענדעט געווארען פון דער גלענצענדער פּלעיאדע יונגע טוער, וועלכע האָבען זיך פאר די פערטהאַלבען יאָהר פון אונזער אבוועזענהייט ארויסגערוקט אין פאָדערגרונד פון דער בונדישער באוועגונג. ס'איז גענוג אָנצורופען אזוינע נעמען, ווי מעדעם, גראסער, אבראמאָוויטש, כדי זיך פאָרצושטעלען, וואָס פאר א שפע פון יונגער ענערגיע, ברויזענדען טעמפעראמענט און טאלאנט עם האָט זיך אריינגעגאסען אין דער באוועגונג. אויסער די אויבען דערמאָנטע, וועלכע האָבען שוין געהאט א „סטאַזש", א רעקאָרד, איז נאָך געווען א גאנצע רייה נאָך איינגערע טוער, וועמעס טעטיגקייט האָט נאָר וואָס אָנגעהויבען פאנאנדער-

בליען און האָט צוגעזאָגט א רייכע פרוכט.. דעם ערשטען אָרט האָט פאַרנומען דער „יונגער לאַסאַל", וועגען וועלכען עס האָבען זיך שוין געפּלאָכטען לעגענדעס.

אין נאָוועמבער 1905 האָט אין ווילנע געקאָכט ווי אין א קעסל. יעדען טאָג זיינען געווען גרינדונגס־פאַרזאַמלונגען פון אַלץ נייע און נייע פּראָפעסיאָנעלע פאַראיינען, ס'האָבען זיך געעפענט ארביי־טער קלובען. די לעגאַלע פּרעסע האָט זיך אַלץ מעהר פאַרשפּרייט. ס'איז געווען א פיבערהאַפטע ארבייט. איבער'ן קאָפּ איז שוין גע־האנגען דער שווערד פון דער אָנקומענדיגער רעאַקציע, און מען האָט זיך געאיילט ארייִנכאַפּען אַלץ, וואָס עס איז נאָר געווען מעגליך.

ס'איז ניט געווען קיין צייט פאַר עראינערונגען און חבר'שע שמועסען. די שטורמישע אקטאָבער טעג זיינען נאָך געווען צו נאָ־הענט, אז מען זאָל קענען וואַרפען אויף זיי א רעטראָספּעקטיווען בליק און אויסער אפגעריסענע באַמערקונגען, האָבען מיר ניט גע־קענט ארויסבאַקומען וועגען די נאָר וואָס אָפּגעלאָפענע געשעהענישען. נאָר דער נאָמען פון „יונגען לאַסאַל" האָט הויך געקלונגען און גע־ווירקט אויף דער פאַנטאַזיע. דער נאָמען פון גרויסען טריבון אַליין האָט ארויסגערופען א ציטער ביי די טוער פון אונזער דור און א אומווילקירליכע אכטונג און אינטערעס צו דעם יונגען העלד, וועל־כער האָט זיך פאַרדינט געמאַכט צו טראָגען דעם דאָזיגען נאָמען.

אין „בונד" איז מען ניט געווען ברייטהאַרציג אויף געבען צו־נ'עמען. געוועהנליך פלעגען זיי טראָגען א איראָנישען כאַראַקטער און אויסדריקען דער עיקר די שוואַכע זייטען פון דעם אָדער יענעם חבר אדער וועלכע ס'איז קאָמישע געשעהעניש. אזוי, למשל, האָבען מיר געהאַט א ליליפּוט, א חרפּה, א בן יקיר, א לאַנגזאַם, א ראַטאָנדע און אַנדערע. מערעם און אבראַמאָוויטש האָבען זיך דערדינט צו זייערע חשוב'ע צונעמען; נאָר אין דעם איז אויך געלעגען א קאַפּעטשקע לצנות. אין די טיטולען „גראַף" און „באַראָן", מיט וועלכע מען האָט זיי געקרוינט, איז געווען אן אָנצוהערעניש אויף דער אביסעל קאַלטער און פאָרנעמער האַלטונג פון די יונגע חברים, וועלכע האָבען געשטאַמט פון אנאַנדער סביבה און האָבען דורכ־געמאַכט אנאַנדער יוגענט, ווי דער גרעסטער טייל בונדיסטען, קינ־דער פון קליינבירגערליכע און ארבייטער עלטערען.

די ווילנער באַוועגונג האָט ניט לאַנג געקענט איינהאַלטען ביי זיך דעם ה' וולאַדעק. זיינע הילכיגע אַרויסטרעטונגען און די פּאָ־פּולאַריטעט, וועלכע ער האָט זיך שנעל דערוואָרבען, האָבען געמוזט צוציהען די אויפמערקזאַמקייט פון דער זשאַנדאַרמעריע, און שוין דעם 27טען מאַי, 1905, געהט אַרויס אַ פאַראָרדנונג צו אַרעסטירען „דעם אומבאַקאַנטען, וועלכער גיט זיך אָן פאַר ברוך טשאַרני". מעהר ווי פיר חדשים זיצט ער אָפּ אין דער פּאָליטישער טורמע — אין דעם דעמאָלסט זעהר פּאָפּולערען 14 נאָמער. קיין בולט'ע באַ־ווייזען זיינען געגען איהם ניט געווען און דער עיקר די רעוואָלו־ציאָנערע ווינטען בלאָזען אַלץ שטאַרקער און שטאַרקער. ס'איז שוין ערב דעם מאַניפעסט־טאָג פון 14טען אָקטאָבער, און דעם 17טען סעפּטעמבער ווערט דער ה' וולאַדעק אַרויסגעלאָזען אויף ערבות.

ה' וולאַדעק האָט ניט נאָר געאַרבייט אין ווילנע. פון צייט צו צייט פלעגט ער אַרויספאָרען אין דער ווילנער פּראָווינץ. נאָך איצ־טער דערצעהלט מען וועגען דעם אומגעהויערן איינדרוק פון זיין אַרויסטרעטונג אין סמאַרגאָן אויף אַ מיטינג. צווישען אַנדערעס האָט ער גערעדט וועגען דער מלחמה. שילדערענדיג די גרוילטאַטען פון דער מלחמה, האָט ער זיך באַנוצט מיט אַ משל, ווי אַ פויגעלע ברייננגט דער מוטער אַ גרוס פון איהר זון, וועלכער איז געפאַלען אויפ'ן שלאַכטפעלד. די באַשרייבונג איז געווען אַזוי האַרציג און ריהרענד, אַז דער גאַנצער גרויסער עולם פון די ניט זעהר וייכ־הערציגע און פּיהלבאַרע גאַרבער האָט געוויינט ווי קינדער. נאָך איצטער קענען אַלטע טוער ניט דערמאָנען זיך אָהן דער רעדע אָהן טיפער אויפרעגונג.

אין ווילנע האָט מען אויך דערצעהלט וועגען אַן אַרויסטרע־טונג פון „יונגען לאַסאַל" אין מינסק, ענדע 1904 אָדער אָנהויב 1905. אין מינסק איז געווען אַן אַלגעמיינער סטרייק פון די האַנ־דעלס אָנגעשטעלטע. דער האַנדעלס פּראָלעטאַריאַט איז געווען די אינגסטע מחנה אין דער באַוועגונג. ס'איז געווען ניט לייכט פאַר די „ווייסע קראַגענס", ווי מען רופט נאָך איצטער די אָנגעשטעלטע און אַ אָפּיס־אַרבייטער אין וואַרשע, צו באַפרייען זיך פון דער קליינבירגערליכער פּסיכאָלאָגיע און אָנערקענען זייערע געמיינזאַמע

אינטערעסען מיט די פּראָסטע פיזישע ארבייטער. זיי האָבען זיך ניט אזוי לייכט געלאָזט אָרגאַניזירען און דיסציפּלינירען.

דער אַלגעמיינער סטרייק אין מינסק איז פאַרלאָפען זעהר שטורמיש. אויף דעם מיטינג האָט דער פּרעזידיום ניט געקענט זיך אַן עצה געבען מיט דער אָרדנונג. די רעדנער האָבען גערעדט אונ־טער דער אומאויפהערליכען טומעל און באַוועגונג פון עולם.

אויף דער ביהנע, — אזוי רעדט זיך נאָר, אין דער אמת׳ן איז דאָס געוועזען אויפ׳ן בענקעל, — האָט זיך באַוויזען וואלאדעק. אַליין איז ער געוועזען נאָך א אינגעל, ניט קיין פולע 20 יאָהר אַלט. און מיט די ערשטע ווערטער באהערשט ער דעם גאַנצען זאַל און האַלט איהם אין שפּאַנונג די גאַנצע צייט פון זיין רעדע. ער הויבט אָן זעהר איינפאַך — מיט א רוסישער פראַזע, מיט וועלכער די „ווייסע קראַגענס” פלעגען פאררופען קונים: „קאמאשען, קאלאָ־שען, וואָלוועלע סחורה”. דער קלאַנג פון זיין שטים, די איינפאַכע און הארציגע פאָרם באַצויבערט ממש דעם עולם.

בעת די וואהלען צו דער ערשטער דומע קומט ער קיין ווילנע און טרעט ארויס אויף א וואהל־מיטינג, ריכטיגער געזאָגט, אויף א באַיקאָט מיטינג. דער מיטינג קומט פאָר אין לאָקאַל פון „הילף דורך ארבייט”. דער זאַל מיט אלע דערבייאיגע צימערן זיינען אי־בערפולט. וואלאדעק׳ס רעדע מאכט אַן אויסערגעוועהנליכען רושם. א חבר, וועלכער איז געוועזען אנוועזענד, דערצעהלט: „אין ווילנע איז מען ניט געוועזען געוואוינט צו אזא אַרט רעדען. דער פלאַמענ־דיגער טעמפּעראַמענט האָט ארויסגערופען א פאַרגלייך מיט לאַסאַל׳ן, אזוי ווי מיר האָבען זיך איהם פאָרגעשטעלט לויט די דערצעהלונגען ביי די קרייזען. פון דער אנדער זייט איז געוועזען נייַ און אנציענד די פאָלקסטימליכקייט פון זיין רעדען, די פאַרגלייכונגען, די פסוקים פון תנ״ך, — דאָס אַלץ האָט געהאַט א באַזונדערען חן”.

א צווייטער חבר, אַן אַלטער שוסטער, טיילט זיך מיט זיינע עראינערונגען וועגען וואלאדעק׳ס ארויסטרעטונג אין כאָר־שול אין ווילנע. ער דערצעהלט:

„אומעטום האָט מען גערעדט וועגען דעם „צווייטען לאַסאַל”, ווי מען האָט איהם גערופען. ער האָט פאַרשטאַנען ווי צוצוגעהן דער נשמה פון א מאַסן־מענשען. ער האָט געהאט וואונדערבארע

איינפאלען. אין ווילנע האָט מען ביז איהם ניט געוואוסט וואָס הייסט א מאסען־רעדנער".

איך געדענק ניט גענוי, ווען איך האָב צום ערשטען מאָל געזעהן דעם חבר וולאדעק, איך ווייס נאָר, אז דאָס איז געוועזן זומער, מסתמא אין יאָהר 1906. מיר האָט זיך אויסגעדוכט, אז ער איז אויך אויסערליך עהנליך צו לאסאל'ן, און אזוי איז ער ביי מיר פארבליבען אין זכרון. נאָר ווען איך האָב איצטער דערזעהן זיין בילד פון יענער צייט אין בוך „בארג ארויף" פון דניאל טשארני, האָב איך זיך איבערצייגט, אז איך בין געוועזן ניט גערעכט. איך בין געוועזן זעהט אויס, ארייגעפירט אין א טעות אונטער דער ווירקונג פון זיין צונאָמען.

און נאָך א זעהונג געדענק איך מיט'ן ח' וולאדעק. ס'האָט זיך שוין דעמאָלסט גערעדט וועגען זיין אוועקפאָרען אין אמעריקע, און דאָס האָט מיר פארשאפט א גרויסען וועהטאָג. צו בין איך געוועזן גערעכט? דאָס וועלען שוין אנטשיידען די אמעריקאנער חברים.

יונה ראָזענפעלד

מיין באַגעגעניש מיט וולאַדעקן אין אַ צוג פון וואַרשע נאָך לאָדז

מיט וולאַדעק׳ן האָב איך זיך באַגעגענט צום ערשטען מאָל, אויב איך האָב קיין טעות ניט, אין יאָהר ניינצעהן זיבען. מיר האָבען זיך באַגעגענט אין אַ צוג, וואָס איז געגאַנגען פון וואַרשע קיין לאָדז, און אהינצו זיינען מיר טאַקע געפאָהרען, ער, איך און נאָך עפּעס אַ האַלב טוץ שרייבער. אַלע צוזאַמען זיינען געפאָהרען אויף אַ פאַרלעזונג אין דער קוימענדיגער רויכיגער שטאָט.

וואָס עפּעס אַזוי פיל שרייבער אויף אַ פאַרלעזונג? קיין ריכ־טיגען ענטפער קען איך אויף דעם ניט געבען, נאָר ווי איך פאַר־שטעה, זיינען נויטיג געווען אַזויפיל, מ׳זאָל צוציהען אַן עולם, ווייל אַלע זיינען מיר נאָך געווען „אָנפאַנגער״ און איין נאָמען, צי אפילו צוויי נעמען, וואָלטען זיכער געווען אַ דורכפאַל. אַזוי פאַר־שטעה איך.

ווער די איבעריגע זעקס שרייבער זיינען געווען, געדענק איך ניט, הגם איך געדענק זעהר גוט, אַז דער האַלבער טוץ זיינען אַלע געווען באַקאַנטע. און ס׳איז מעגליך, אַז ווען איך זאָל זיך נעמען גריבלען אין מיין זכרון, וואָלט איך זיך דערמאָנט, ווער זיי זיינען געווען. סיי ווי, פּיהלען זיך באַליידיגט דאַרפען זיי ניט. איך שרייב צו מיין ניט וויסען צו מיין שלעכטען זכרון. און אפשר בין איך אויך (צי מיין זכרון) אין דעם ניט שולדיג, נאָר אָט דער הויכער און דאַרער בחור׳עץ מיט דעם געדיכטען ניגעריש־קאַפּריזנעם שוואַר־צען קאָפּ־האָר, מיט דער בלאַסער הויט און ביינערדיגען פּנים. אַ הויכער, אַ דאַרער, מיט אַ מאָדנער באַשיידענער האַלטונג און נאָך

מעהר באַשיידענער שטילקייט געמישט מיט מאַרטירערישער לייטיש־קייט.

זיין נאָמען איז מיר געווען אומבאַקאַנט. איך געדענק אַפילו ניט, צי האָט ער זיך שוין גערופען דעמאָלט מיט זיין שייגאַצקען נאָמען וולאַדעק, צי ער האָט זיך נאָך דעמאָלט געלאָזט רופען מיט זיין פאָרלדיגען נאָמען ברוך־נחמן, וואָס כשר'ע פרומע טאַטע־מאַמע האָבען איהם געגעבען. און דאָך האָט מיר דער גאַנצער „אָנבליק" זיינער אַזוי אימפּאָנירט און פאַרכאַפּט. און עס איז שווער, ממש אומ־מעגליך, איבערצוגעבען דעם איינדרוק, וואָס דער ניי־באַקאַנטער האָט אויף מיר געמאַכט. איך וועל מיר מוזען באַנוגענען מיט דעם, וואָס איך וועל דאָ צוגעבען צו די פריהערדיגע ווערטער, אַז אָרענט־ליכקייט האָט אַרויסגעשטראָמט פון זיין גאַנצער האַלטונג און באַ־נעמונג. און מיך פרעהט באמת, וואָס דער איינדרוק, וואָס איך האָב דאָ און פריהער מיט די עטליכע ווערטער באַצייכענט, האָט זיך אַרויסגעוויזען צו זיין ניט קיין פאַלשער.

איינער פון די שטרויכלענדיגע וועגען פאַר אַ לייטישען מענשען איז ווען ער וואַרפט זיך אריין אין קהל'שער אַרבייט. ווער ס'איז שולדיג אין דעם, וואָס דער לייטישער מענש ווערט מיט דער צייט, אַרבייטענדיג פאַר דער מענשהייט, אויסגעוועבט פון זיין מענ־שישער לייטישקייט, דאָס וועל איך דאָ ניט באַריהרען, ווייל דאָס האָט מיט דעם ענין ניט צו טאָן. נאָר אַ פאַקט איז דאָס און זעהר אַ באַדויערליכער, וואָס דער גרעסטער טייל פון דעם סאָרט מענ־שען, וואָס זיינען באמת אויסען געווען עפּעס אויפצוטאָן פאַר זייערע מיט־ברידער, ווערען מיט דער צייט פאַרהאַרטעוועט און פאַר־טעמפּט און קענען ניט פאַרנעמען יענעמס צרות און ליידען. וואָס ברייטער איינער האָט זיך פאַרמאָסטען מאַטעריעל, אָדער אויפ'ן גייסטיגען געביט, צו קומען צו הילף זיין פאָלק, אָדער זיין קלאַס, אַלץ ענגהאַרציגער ווערט ער מיט דער צייט צום יחיד. דער יחיד הערט אויף ביי אַזעלכע מענשען צו פאַרנעמען אַ פּלאַץ, אַזעלכע האָבען ליב צו טאָן „הורטאָם". נו יאָ, וואָס וועלען זיי דאָרטען געהן זיך פאַרנעמען מיט איינעם צי מיט אַ פאַמיליע, וואָס ליידט און נויטיגט זיך אין הילף, זיי האַלטען דאָס פאַר נידעריגער פון זייער ווירדע.

און אין דעם באשטעהט וואָלאַדעק'ס פּאַרדינסט, אַלענפאַלס נאָך מיין איינזעהעניש, וואָס ניט קוקענדיג אויף דעם, וואָס ער האָלט זיך אין איין קהל'ן און איז שטענדיג פאַרטאָן אַריבער'ן קאָפּ אין געזעלשאַפטליכער אַרבייט, איז ער נאָך אַלץ ניט קאַליע געוואָרען. איך ווייס פון פילע גוטע זאַכען, וואָס ער טוט פאַר יחידים און טוט עס אַזוי שטיל און אַזוי פיין, אַז אפילו זיינע אינטים נאָהענט־סטע ווייסען ניט דערפון.

איך וואָלט נאָך געקענט אַ סך שרייבען וועגען איהם, וואָס וואָלט מיר אפשר פאַרשאַפט מעהר פאַרגעניגען ווי איהם, נאָר איך מוז מקצר זיין און לאָזען פּלאַץ פאַר אַנדערע, וואָס האָבען אפשר וויכטיגערע זאַכען וועגען איהם צו דערצעהלען. איך וויל נאָר צום סוף צוגעבען, אַ איך בין באמת צופרידען, וואָס איך האָב די געלעגענהייט בכתב אַרויסצוזאָגען אָט דאָס ביסעל, וואָס איך האָב דאָ געזאָגט וועגן איהם, ווייל אָט דאָס ביסעלע, ווען איך וואָלט עס באַדאַרפט זאָגען בעל פה, וואָלט איך זיכער ניט געקענט.

זייט מיר הארציג געגריסט, מיין האַרציגער ברוך־נחמן! איך מיין, אַז אַ חוץ אַביסעלע מעהר געזונט, באַדאַרף איך אייך גאָר־ניט ווינשען, ווייל איהר זייט אַלרייט אַרום און אַרום. און צוזאַמען מיט דעם ווינש איך, איך זאָל זיך אין אייך קיינמאָל ניט אַנטוישען, אַז אויף אַלע מאָל און לעולם ועד זאָל מיר בלייבען דער איינדרוק פון דער ערשטער באַגעגעניש, וואָס איך האָב מיט אייך געהאַט צוריק מיט אַ יאָהר אַכט און צוואַנציג אין אַ ווינטערדיגען פאַר־טאָג, אין אַ צוג, וואָס איז נעגאַנגען פון וואַרשע קיין לאָדז.

דוד איינהאָרן (פּאַריז)

וולאַדעקין

איך ווייס ניט, ווי אנדערע רעכענען. איך רעכען פון יאָהר 1905.

א גליקליכער און אומגליקליכער דור.

א דור פון פּיאָנערן, וועמען עס איז באַשערט געווען צו זייען מיט געזאַנג און שניידען מיט טרערען.

א דור פון קעמפּער און פּאָעטען, פּראַקטיקער און טרוימער גלייכצייטיג, וועלכע האָבען געהאַלטען אין איין מקריב זיין דאָ דעם חלום פאַר דער ווירקליכקייט און דאָ די ווירקליכקייט פאַר׳ן חלום.

אלע אין די פופציגער, וואָס קומען פון רוסלאַנד געהערען צו דעם דור.

פאַר דער צייט האָבען זיך א סך געענדערט. אנדערע האָבען זיך באַפרייט פון דער פּאָעזיע, פון דער ראָמאַנטיק און געוואָרען כולו ווירקליכקייט, כולו פּראַקטיק מיט דער גאַנצער קאַלטער טרוקענער ברוטאַליטעט.

אנדערע, פאַרקערט, זיינען אוועק אינגאַנצען אין חלום און ניט געוואָלט נאָכגעבען דעם רעאַלען לעבען קיין האָר ניט.

וולאַדעק האָט באַוויזען צו געפינען א גליקליכע סינטעזע צווישען די צוויי עקסטרעמען, צו וואַרפען א גאָלדענעם בריק איבער׳ן תהום, וואָס ליגט צווישען די צוויי וועלטען.

דאָס איז דער טאַלאַנט פון אַן ארכיטעקט, אויסצובויען א בנין, וואָס פאַראייניגט צוזאַמען אי די פּראַקטישע נוצבאַרקייט פון די רוימען, אי די שעהנקייט פון דער פאָרם און די ליניען.

אָט פאַרוואָס יעדעס מאָל, ווען דער פּראַקטיקער פאָדערט פון וולאַדעק׳ן, ער זאָל פאַראַטען זיין יוגענד, ווי א סך טוען עס, דאַן

קומט דער פּאָעט, דער קינסטלער אין איהם און מאכט איהם ווידער יונג.

איך וויל ניט פּאָלעמיזירען מיט די פון אונז, וואָס האַלטען זיך פאר הונדערט פּראָצענטיגע אמעריקאנער און זיינען שטאָלץ מיט דעם, וואָס זיי קאָנען ארויפקריכען אויף א וואָלקען־קראַצער און קוקען מיט פאראכטונג אראָפּ אויף זייער איראָפּיאישער יוגענד.

איך האָב מורא, אז די אמעריקאנער יוגענד קאָן זיי אין איין שעהנעם פריהמאָרגען אראָפּשלעפּען פון הויכען דאַך. איך האָב מורא, אז דער יאָהר 1905 קאָן ווידער אויפשטעהן תחית המתים גראדע אין אמעריקע, ווען די אזוי וואויל געלויבטע פּראקטישקייט און מאטעריא־ליזם וועט נעמען קריכען פון האַלז, און דאַן וועלען די, וואָס האָבען זייער יוגענד ניט פאַראַטען, ווערען עכטע אמעריקאנער.

איך ווינש וולאַדעק׳ן, אלס שכר פאַר ניט פארגעסען די גוטע צייט, צו זיין איינער פון די יונג־אמעריקאנער.

איז דען דאָ נאָך א גרעסערער גליק נאָך אמאָל אין דער ווירקליכ־קייט דורכצולעבען די אייגענע יוגענד?

עס איז א וואונש פון א טרוימער, א פּאָעט וואָס איז שוין גאַר־ניט קיין פּראַקטיקער, מעגליך איין איינציגער פון דעם מין צווישען די אלע, וואָס באַגריסען וולאַדעק׳ן צו זיין פופציג יאָהריגען יוביל־אום. וולאַדעק וועט דאָס מיר אבער פארשטעהן. איז ער דאָך אליין סוף כל סוף טיף אין הארצען א דיכטער מיט א טעמפּעראַמענט פון א קעמפער.

איך וואָלט נאָך א סך גוטע זאכען געקאָנט זאָגען וועגען וולאַ־דעק׳ן, נאָר דאָס וועלען מסתמא אַנדערע אויספילען.

און ווייל איך וויל, אז מיין באַגריסונג זאָל קלינגען ניט יום־טוב׳דיג, און ניט יובילייאומדיג, און ניט אָפיציעל, זאָג איך איהם בלויז דאָס, וואָס מאכט איהם מיר אזוי ליב און נאָהענט און וואָס איז אזוי שעצבאַר פאַר מיר און וואָס מען טרעפט אזוי זעלטען ביי מענשען.

דניאל טשאַרני (ווילנע)

מיין ערשטע באַגעגעניש מיט וולאַדעקין

איידער איך געה דערצעהלען וועגען מיין ערשטער באַגע־געניש מיט וולאַדעק'ן — מוז איך צוערשט דערמאָנען, אז וולאַדעק איז געוואָרען וולאַדעק ערשט מיט א יאָהר דרייסיג צוריק.

איך, למשל, קען איהם און געדענק איהם פיל מעהר אלס באָניע ברכות פון דוקאָר (מינסקער גובערניע). וועגען דעם דאָזיגען „באָניע ברכות" האָב איך שוין געהאט די גוטע געלעגענהייט צו דערצעהלען אביסעל גענויער אין מיין מעמוארען־בוך „בארג־ארויף".

אין דעמזעלבען בוך האָב איך אויך שוין געהאט דערצעהלט וועגען מיינע באַגעגענישען מיט דעם „צווייטען לאסאל", מיט „באָנטשע שוויינ'ס אייניקעל", מיט „ב. שוואַרצ'ן" און מיט די אַלע אַנדערע גלגולים פון דעם דוקאָרער בחור'ל, וועלכער האָט זיך ערשט אויף דעם 21טען יאָהר פון זיין לעבען געהאט „ארויפגעארבייט" אויף וולאַדעק'ן, אויף דעמזעלבען וולאַדעק'ן, וועמעס 50־יאָהריגען גע־בורטסטאָג מען געהט איצט פייערען (ביז 120 יאָהר).

אָט דעם דאָזיגען וולאַדעק'ן האָב איך אין צארישען רוסלאַנד כמעט קיינמאָל ניט געהאט געזעהן. ווען ער האָט אינ'ם יאָהר 1908 געמוזט עוקר זיין קיין אמעריקע — האָט ער אפילו ניט געקענט באַווייזען צו זעגענען זיך מיט מיר.

איז די בענקשאַפט מיינע נאָך וולאַדעק'ן געשטיגען פון יאָהר צו יאָהר.

ערשט אינ'ם יאָהר 1924 האָב איך פון וולאַדעק'ן געהאט באַ־קומען א קייבעל אין מאָסקווע, אז ער געהט מאכען זיין ערשטע רייזע איבער איירָאָפּע און אז איך זאָל זעהן קומען קיין בערלין זעהן זיך מיט איהם (נאָך א 17־יאָהריגער צושיידונג).

איך בין, פארשטעהט זיך, געווען דער ערשטער, וואָס איז געקו־

מען אויף דעם באנהאָף פרידריכשטראַסע אין בערלין צו באַגעגענען וולאַדעק׳ן.

כ׳האָב שוין אָבער אויפ׳ן באנהאָף פרידריכשטראסע געהאַט געטראָפען מעהרערע דעלעגאַציעס און פּערזענליכקייטען פון פאַרשי־דענע אָרגאַניזאַציעס און געזעלשאַפטען, וועלכע זיינען אויך געקומען מקבל פּנים זיין וולאַדעק׳ן.

האָט מיך שטאַרק געקלעמט, וואָס די אַלע פיינע לייט זיינען שוין פון אָנהויב אָן געקומען אָקופּירען וולאַדעק׳ן און במילא שוין — אויך נאָך „באָניע ברכות״, „לאַסאַלן״, און „באַנטשע שוויַיגס אייניקעל״ צו וועמען איך טראָג שטענדיג מיינע בעסטע סענטימענטען.

און, ווירקליך, האָב איך פאַר די עטליכע טעג, וואָס וולאַדעק האָט געהאַט דענסטמאָל פאַרבראַכט אין בערלין ניט געקענט באַוויי־זען צו דערקלייבען זיך כאָטש צו איינעם פון די אַלע אויבענדערמאָנטע פּערזאָנען און פּערזענליכקייטען וולאַדעק׳ס.

און אָט קומט שוין דער טאָג פון א נייעם צושיידען זיך און ווידער אמאָל אויף אומבאַשטימטע צייטען און אויף אומבאַשטימטע וועיטען.

אבער וולאַדעק, לאָזט זיך אויס, איז אַן ערשט־קלאַסיגער מע־נעדזשער אויך אפילו אין דעם סאַנטימענטען־דעפּאַרטאַמענט. ער האָט שוין, מיך ניט פרעגענדיג, געהאַט באַשטעלט צוויי באַהן־בילעטען ערשטען קלאַס ביז צו דעם האָלענדישען גרעניץ, כדי צו קענען פאַר־בלייבען מיט מיר אויג אויף אויג כאָטשבי אין וואַגאָן.

— אין וואַגאָן, פאַרשטעהסטו מיך — האָט וולאַדעק א שמייכעל געטאָן — וועלען מיר דאָך ניט האָבען קיינע שום זיצונגען, פאַרזאַמ־לונגען, אַפּאָינטמענטס, טעלעפאָנס און אנדערע אָנשיקענישען, וועלען מיר א שעה זעקס־זיבען קאָנען אביסעל פאַרברענגען.

איז מיר שטאַרק געפעלען געוואָרען וולאַדעק׳ס איינפאַל און כ׳האָב אויף מיין באַגלייט־רייזע מיטגענומען ניט מער, ווי מיין פּאַס און נאָך עפּעס אַזוינס, וואָס איז געווען פאַר מיר נאָך פיל וויכטיגער, ווי מיין פּאַס.

ס׳איז געווען דער מאַנוסקריפּט פון מיין „משפחה־כראָניק״, וואָס שרייבענדיג זי אין מאָסקווע — האָב איך גאָר געהאַט בדעה צו אי־בערלאָזען עם בירושה פאַר מיינע עלטערע ברידער אין אמעריקע...

דערפאר אפשר האָב איך זיך געקענט דערלויבען צו זיין אין מיין „משפחה־כראָניק” גענוג אָפענהערציג און אינטים.

אָט די דאָזיגע אינטימקייט מיינע האָט זיך זעהר גוט ארייגגע־פּאַסט אין דעם רויט־דעקאָרירטען קופּע־שטייג, וואו צוויי ברידער האָבען זיך געהאט איזאָלירט, כדי צו קענען באלד זיך ווידער אמאָל צושיידען אויף אן אומבאַשטימטער צייט.

איז מיר געוואָרען קלאָר, אז איך טאָר איצט אין וואַגאָן קיין צייט ניט פּאַרלירען. דער צוג לויפט משוגענערווייז אַלץ נעהענטער און נעהענטער צום האָלענדישען גרעניץ און מיט'ן צוג צוזאמען לויפען אויך די געצעהלטע שעה'ן, וואָס איך קאָן נאָך פארבלייבען אויג אויף אויג מיט וואָלאָדעק'ן. האָב איך צו איהם א זאָג געטאָן:

— ברודער מיינער, פאר די 17 יאָהר, וואָס מיר האָבען זיך ניט געהאט געזעהן—האָב איך פיל מעהר פּאַרלאָרען, ווי געוואונען. דאָס איינציג שטיקעל פּארמעגען מיינס — איז אָט דאָס דאָזיגע מאַ־נוסקריפּטעל, וואָס איך האָב ארויסגעפירט פון מאָסקווע. אויב דו ערלויבסט וועל איך דיר וואָס פּאַרלייענען.

וואָלאָדעק האָט שווייגענדיגערהייט זיך באקוועם געמאכט אויף דער רויט־סאַמעטענער קופּע־באַנק, אויסציענדיג זיך אין זיין גאנצער לענג מיט'ן פּנים צו דער וואַגאָן־סטעליע, נאָכדעם האָט ער גאנץ לאנגזאם פארראויכערט אן אמעריקאנער ציגארעטל און ווען ער האָט זיך שוין געהאט א פּאָר מאָל גוט פּאַרצויגען — האָט ער מיר אָפּגעענטפערט:

— איך הער...

האָב איך מיט א ציטעריגער „יזכור”־שטים איהם אָנגעהויבען פּאָרצולייענען:

„דער טויט האָט א פאָך געטאָן מיט זיין שווארצען פליגעל איבער מיר, ווען איך בין נאָך אין וויג געלעגען. דעם טאַטענס גסיסה־זיפצען האָבען זיך איינגעבּיסען אין די חבלי־לידה פון מיין מאַמען — איז מיין שטים עד היום אן אָפּקלאַנג פון אָט די ביידע וועה־געשרייען”...

וואָלאָדעק האָט מיט צוגעמאַכטע אויגען ווידער אמאָל זיך שטארק פּאַרצויגען.

האָב איך גענומען לייענען ווייטער:

„ביי דער מאַמען בין איך געווען דער אכטער, אָבער צוויי קינדער זיינען אין די קליינע יאָהרען געשטאָרבען — זיינען פאַר־בליבען זעקס: די סאַמע עלטסטע — א טאָכטער און פינף זיהן, ווי פינף פינגער אויף א האַנט — איינער קלענער פאַר דעם אַנדערן".

וולאַדעק האָט מיט פאַרמאַכטע אויגען און נערוועזע פינגער דערטאַפּט די אַשניצע, וואָס איז איהם צוקאָפּענס געווען קונציג איינ־געבויט אין דעם דינעם קופּע־ווענטעל. ער האָט פאַרשטיקט דאָרטען זיין גליענדיגען ציגאַרעטעל און באַלד נאָכדעם אָנגעהויבען זוכען א צווייטען.

אויך איך האָב זיך שטאַרק פאַרצויגען מיט א נייעם ציגאַרעטעל און איך האָב דורך די בלויע רויך־וואָלקענדלאַך ווידער אַמאָל אָנגע־הויבען ארויסכשופ'ען פון מיינע העפטען די שוין־לאַנג פאַרשוואונ־דענע אבער שטענדיג־ליבע און נאָהענטע געשטאַלטען און בילדער פון מיין געבורטס־שטעטעל דוקאָר.

אָט איז די ליבע, גוטע מאַמע מיט איהרע פאַר'צאינה־וראינה'ווע־טע אויגען, אָט זיינען אַלע מומעס און פעטערס מיט זייער טאַטע־מאַמישער גוטסקייט צו אונז, יתומים. אָט איז אריינגעקומען צו אונז אין קופּע אויך אפילו דער פאַר'פרוש'טער פעטער פייטעל מיט זיינע קלעצעלדיגע פּיס און באַ'טלית'טען קאָפּ. אויך די טאָכטער זיינע „מאַשע די משוגענע" און „משה־אבע דער הימעל פאַלט" און דער צודרעהטער מאַשע־זעליק איטקע מאַשע־זעליקס האָבען זיך ניט אָפּגעזאָגט כאָטש איין מאָל אין זייער לעבען זיך דורכצופאָרען אויף וולאַדעק'ס חשבון מיט'ן ערשטען קלאַס אזש ביז סאַמע האָלאַנד.

אָשר דער מלמד, דעם טאַטענס גוטער־פריינד און חבר, וועל־כער האָט כמעט אָהן שכר־לימוד געהאַט צונעגרייט אַלע מיינע פיר עלטערע ברידער צו די ישיבות פון בערעזין און מינסק, כדי זיי זאָלען קענען דאָרטען אָנהויבען עסען טעג — האָט זיך ווי עס איז דורכ־געשטופּט דורך דעם ענג־באַפּעלקערטען קופּע צו וולאַדעק'ן און ער האָט איהם אָנגעהויבען שטאַרק דאַנקען פאַר די דאָלאַרען און פּעק־לאַך, וואָס וולאַדעק פלעגט איהם שיקען פון אַמעריקע. דערמיט האָט וולאַדעק געוואָלט דעקען דעם חוב פון שכר־לימוד, וואָס די מאַמע, נעבעך, איז ניט געווען בכוח צו דערצאָלען.

אבער זעהט נאָר, וולאַדעק'ס אויגען האָבען אונטער די אַמערי־

קאנער בריף אָנגעהויבען, קאַנטיג, נעצען. איינע א טרעהר האָט פון צווישען די געשלאָסענע ברעמען זיך געהאט דורכגעשלאָגען א וועג צום דרויסען און זי האָט, ווי א רעגענטראָפּען אויף א פייכט־געוואָ־רענער שויב אָנגעהויבען פּאַוואָליע און פאַרזיכטיג זיך אַראָפּגליטשען אין דעם רויטען סאַמעט אריין.

איז מיר געוואָרען קלאָר, אז איך מוז אויפהערען.

בין איך פּאַוואָליע און פאַרזיכטיג ארוים פון קופּע, איבערלאָ־זענדיג וולאדעק׳ן איינעם אליין מיט די אלע ארויסגעכשופ׳טע גע־שטאַלטען און בילדער פון דער אַלטער היים.

פון דעם וואַגאָן־פענסטער אין קאָרידאָר האָב איך געהאט דער־זעהן, ווי דער שנעלצוג טראָגט אונז מיט ווילדען אימפעט דורך פרעמדע אומבאקאנטע לאנדשאפטען און שטעדטלאך. פון די דוקאָ־רער גאַסען און הייזקעס איז שוין קיין סימן ניט געווען!

בין איך באלד אריין צוריק אין קופּע און כ׳האָב אָנגעזאָגט וולאדעק׳ן, אז ווי עס זעהט אויס זיינען מיר שוין באלד ביי דעם האָלענדישען גרעניץ...

וולאדעק האָט זיך געגעבען ראַפּטאָם א שטעל אויף, ווי כ׳וואָלט איהם געהאט אויפגעוועקט פון א טיפען שלאָף. ניט לאנג געטראַכט — האָט ער געגעבען אַ ציה אַרויס פון זיין שניפּס די באַפּערעלטע נאָדעל און איבערשטעקענדיג זי צו מיר אין שניפּס אריין — האָט ער באַפעהלעריש א זאָג געטאָן:

— די דאָזיגע קראַוואַטען־נאָדעל האָב איך געהאט באקומען צו דער חתונה. איצטער טראָג זי דו, געזונטערהייט!

* * *

און אָט איז שוין דאָס צוועלפטע יאָהר, ווי כ׳טראָג זיך ארום מיט וולאדעק׳ס פאַרפּערלטער טרעהר איבער גאָר דער וועלט, ווי א ציגיינער מיט זיין פארכשופ׳טן אוירינגעל.

ווי גליקליך וואָלט איך געווען, ווען כ׳קען איצט צום פופציג־סטען געבורטסטאָג וולאדעק׳ס אריבערשטעקען די דאָזיגע פאַרקאָ־מייעטע קראַוואַטען־נאָדעל צוריק אין וולאדעק׳ס שניפּס ארייז!

באַגריסונג פון דער הויפּט-פאַרוואַלטונג פון דער אידישער שול-אָרגאַניזאַציע אין וואַרשע

יידישע שול-ארגאניזאציע — הויפטפארוואלטונג

Nr. 8675/3
ביי תשובות פארווייזן
זיך אויף דעם נומער

וואַרשע, 20 דעצעמבער 1935
נאַלעווקי 39
טעלעפאָן 12-13-60

טייערער חי' חלאדעק

די י.ש.א. באַגריסט אייך צו אייער 50-יאָריקן יובילי - אין נאָמען פון טויזנטער קינדער, הונדערטער לערער און צענדליקער טויזנטער שול-פריינד.

די דאָזיקע באַגריסונג איז נישט קיין אויסדרוק פון פאַרמעלער העפלעכקייט פון אונזער זייט, נאָר זי פליסט אַרויס פון טיפן הארצן. מיר באַגריסן אין אייך נישט נאָר דעם מענטשן, וואָס האָט א גאַנץ לעבן געווידמעט דער אַרבייטער-זאַך, נאָר נישט אין א קלענע - רער מאָס דעם וואַרציקן, איבערגעגעבענעם פריינד פון אונזער שול - ווערק.

איר האָט אונזער אַרבייט רעפּרעזענטירט אויפן אַמעריקא נער בעדן אין פאַרשידענע פאַלן און אַלעמאָל מיט ווירדע און וואַרעמ - קייט, וועלכע האָט אונז פאַרשאַפט א סך פרייד און כבוד.

ביטער איז דער גורל פון דער יידיש-וועלטלעכער שול. זי איז אויסגעשטעלט אויף די זעלבע געפאַרן, ווי די גאַנצע אַרבייטער - באַוועגונג ביי אונז אין לאַנד. אומזיכערקייט מיטן מאָרגן, רדיפות טאָג אין טאָג אויס, דלות, וואָס ווערט באַנוצט ווי א פּאָליטיש געווער אונז צו שלאָגן. אין די לעצטע יאָרן פון פאַרשאַרפטער רעאַקציע איז נאָך ענגער געוואָרן די שרויף, וואָס פּרעסט און דריקט. מיר האָבן אויפן ערט געפירט א קאַמף פאַר אונזערע רעכט, אין וועלכן סיזיינען אריינ - געצויגן געוואָרן גרויסע מאַסן אַרבייטנדיקע מענטשן.

עבער - די לאַגע האָט אונז געצוווּנגען נישט איינמאָל צו אַפּעלירן צו אונזערע פריינד אין אַמעריקע - סיי דורך ספּעציעלע דע - לעגאַטן, סיי דורך בריוו. און מיר זאָגן גאַנץ אָפן און אויפריכטיק - אייער אַדרעס איז שטענדיק פאַר אונז דער זיכערער, דער נאָנטער.

אין טאָג פון אייער יובל שיקן מיר אייך דעריבער די ברידערלעכע ברכה - פון לאַנגע יאָרן פרוכטבאַרן סאָציאַליסטישן קאַמף.

אייערע

ש.מענדעלסאָן / ח.ש.קאַזדאָן / נ.בוקסבוים

דזשאָן מילל

צוויי וואָלאַדעקס

ווי זאָגט מען דאָס ניט עטליכע ווערטער צו וואָלאַדעק׳ס פופ־ציג־יעהריגען געבורטסטאָג, — נאָך מעהר, וואָס א גרופּע חברים האָט דעם טאָג צוגעגעבען א כאַראַקטער פון א געזעלשאַפטליכען ענין? אמת, שרייבען וועגען וואָלאַדעק׳ן איז ניט קיין גרינגע זאַך פאַר מיר, ווייל, אייגענטליך, קען איך איהם זייער ווייניג, ווי פּער־זענליך, אזוי אויך געזעלשאַפטליך. ווען ער האָט אָנגעהויבען צו ארבייטען אין „בונד״ און איז אין א קורצער צייט געוואָרען באַ־וואוסט אלס אן ענערגישער און פעהיגער אגיטאַטאָר און אלס אן אויסגעצייכענטער רעדנער, בין איך שוין געוועזן א פּאָליטישער עמיגראַנט און א מיטגליד פון אויסלענדישען קאָמיטעט פון „בונד״. און אויך שפּעטער, ביז היינט, פלעג איך זעהר זעלטען קומען אין באַרירונג מיט איהם. אבער ניט אין דעם אליין ליגט די גאַנצע שוועריקייט. זי באַשטעהט אויך אין דעם, וואָס דאָ אין לאַנד קען איך ניט איין, נאָר צוויי וואָלאַדעקס, — ביידע, ווי עס ווייזט אויס, פרעמד איינער צום צווייטען, ביידע ניט ענליך אין זייערע פּאָלי־טישע סימפּאַטיעס און אנטיפּאַטיעס; ביידע געהענדיג כמעט אויף פאַרשידענע וועגען. איין וואָלאַדעק איז דער גוט־באַוואוסטער, פּראָ־מינענטער געזעלשאַפטליכער טוער אין אמעריקע, דער צווייטער איז וואָלאַדעק דער בונדיסט. געפינען צווישען זיי א נאָהענטע קרובה׳שאַפט, זיי צוזאַמענבינדען, מאַכען פון זיי איין וואָלאַדעק, איז כמעט האָפנונגסלאָז.

דער „בונד״ געהערט צו דעם עקסטרעם לינקען פליגעל אין דער אינטערנאַציאָנאַלער ארבייטער און סאָציאַליסטישער באַוועגונג. וואָלאַדעק׳ס אידעאָלאָגיע, אזוי ווי זי דריקט זיך אויס אין זיין פּיל־

זייטיגער טעטיגקייט אין אמעריקע, איז דער היפוך פון דער בונדישער אידעאָלאָגיע. אויף אלע געביטען — צו דאָס איז אין ספּעציפיש אידישע אנגעלעגענהייטען, צי אין פארשידענע צווייגען פון דער ארבייטער באוועגונג, צי אין פּראָגראַם און טאקטישע פראגען פון דער סאָציאַליסטישער פּארטיי — טראָגען זיינע ארויסטרעטונגען אזא כאראַקטער, אַז מען וואָלט קוים קענען געפינען אַ בונדיסט אין פוילען, וואָס וואָלט מסכים זיין מיט איהם.

וולאדעק געהט צו צו דעם גאנצען קאָמפּלעקס פון סאָציאַליסטישע פּראָבלעמען ניט ווי דער נייער דור פון בונדיסטען אין פּוילען און אויך ניט — אויב ניט ווי די מאַיאָריטעט איז יעדענפאלס ווי זעהר א גרויסער טייל פון חברים דאָ אין לאנד. אין דער סאָציאַליסטישער פּארטיי, כאָטש ער געהערט ניט צו „די אלטע", צו דער אזוי גערופענער „אלטער גווארדיע", צו דעם „רעפאָרמיסטישען" פליגעל, איז ער פונדעסטוועגען זעהר נאָהענט צו זיי. ער איז א געגנער פון דער פּרינציפּען־ערקלערונג, וואָס איז אָנגענומען געוואָרען אויפ'ן לעצטען קאָנגרעס פון דער סאָציאַליסטישער פּארטיי אין דעטראָיט, — פּרינציפּען, וואָס אין יעדער הינזיכט און אין אלע דעטאלען זיינען א סך, א סך רעכטער ווי די פּרינציפּיעלע און טאקטישע יסודות פון בונדיזם אין פּוילען.

זייענדיג דאָ ניט לאנג אין ווארשע, האָט וולאדעק אויפ'ן באנקעט, וואָס דער „בונד" האָט געגעבען פאר איהם — פּרובירט אויסטייטשען פאר וואָס די בונדישע אידעאָלאָגיע פּאסט זיך ניט פאר אמעריקע. ער האָט געזאָגט, אז ער „פארשטעהט אויסגעצייכענט די קאמפּס־מעטאָדען, וואָס ווערען אָנגעווענדעט אין די לענדער, וואו עס הערשט פאַשיזם אדער זיינען שטארק באדראָט פון פאַשיזם; אמעריקע איז אבער דערווייל א פרייע און דעמאָקראַטישע מדינה און די קאמפּס־מעטאָדען, וואָס דארפען דאָרט אנגעווענדעט ווערען, מוזען זיין אנדערע"... דאָס איז אן אקסיאָמע, אבער דאָס איז דאָך ניט די פּראַגע, ארום וועלכער עס קומען פאַר אלע שטרייטיגקייטען אין סאָציאַליסטישען לאגער ניט דאָ, אין אמעריקע, און ניט דאָרטען, אין אייראָפּע. דאָס איז אויך ניט די פראגע צוליב וועלכער עס געהען זיך פאנאנדער דער „בונד" אין פוילען און די געגנער פון „בונד" אין אמעריקע...

אָבער וולאַדעק דער בונדיסט פאַרגעסט אָדער זוכט צו פאַר־געסען אָט די מיינונגס־פאַרשיידענהייטען. ער איגנאָרירט די קאָנ־פליקטען פון די צוויי טענדענצען אין דער סאָציאַליסטישער באַוועג־גונג. צייטענווייז טרעט ער אַפילו אַרויס עפנטליך געגען זיינע היגע געזינונגס־חברים צוליב זייערע אַטאַקעס אויפ׳ן „בונד". דעם „בונד׳ס" פּראָגראַם, זיין רעוואָלוציאָנערע טאַקטיק, זיין באַציאונג צו די פראַגען פון „דיקטאַטור" אָדער פון „דעמאָקראַטישען סאָ־ציאַליזם", זיין אונקאָמפּראָמיסליכע געגנערשאַפט פון אימפּעריאַ־ליסטישע מלחמות, זיין שטעלונג אין אידישע פראַגען — דאָס אַלץ שפּילט פאַר וולאַדעק׳ן קיין שום ראָלע ניט. דער „בונד", וואָס ער זאָל ניט זיין פּאַרטיי־פּאָליטיש, איז זיין „בונד". „פילע פון אונז — האָט דאָ ניט לאַנג צוריק וולאַדעק געשריבען — זיינען ניט איינ־שטימיג מיט׳ן „בונד" אין פילע וויכטיגע פראַגען, אי אַזעלכע וואָס האָבען צו טאָן מיט סאָציאַליסטישע אַנגעלעגענהייטען, אי אַזעלכע וואָס האָבען צו טאָן מיט אידישע אַנגעלעגענהייטען, — אָבער דאָך מוזען מיר זיין שטאָלץ מיט דער לעבענס־פעיאיגקייט און דעם רע־קאָרד פון „בונד" דורך די פילע שווערע יאָהרען פון זיין געשיכטע. עס איז פאָרט די איינציגע סאָציאַליסטישע אָרגאַניזאַציע פון אידישע אַרבייטער אין איירָאָפּע. עס איז פאָרט דער צענטער, אַרום וועלכען עס איז אַרומגעקליבען דער פאָרטגעשריטענסטער און קאַמפּלוסטיגער טייל פון די אידישע מאַסען. און מיר באַגריסען איהם פון גאַנצען האַרצען, זיין אָרגאַניזאַציע, זיין אָרגאַן די „פאָלקס־צייטונג" און זיינע פירער. איבערהויפּט די, וועמעס רעקאָרד פון טרייהייט צום אַרביי־טער־קלאַס און אָפּפערוויליגקייט פאַר׳ן סאָציאַליזם געהערט אָהן ספק צו די שעהנסטע בלעטער אין דער געשיכטע פון דער גאַנצער סאָציאַליסטישער באַוועגונג"...

און מען מעג גלויבען וולאַדעק׳ן, ווען ער זאָגט — אויף דעם פריהער־דערמאָנטען באַנקעט אין וואַרשע — „איהר דאַרפט מיר ניט דערצעהלען וועגען דער גרויס פון אייער באַוועגונג; איך דאַרף ניט קיין צאָלען וועגען „בונד", ווייל ווען אַפילו עס וואָלט געבליבען נאָר איין איינציגער בונדיסט, וואָלט איך געווען מיט איהם!"...

דער בונדיזם איז אַ מין אַבסטראַקציע פאַר איהם, וועלכען עס איז אונמעגליך צו דעפינירען, צו ערקלערען. ער פילט דיר אָן מיט

א מין גייסטיגער ווארימקייט און האָט אן אומערקלעךליכע צוציהונגס־קראַפט. מיר דאַכט זיך דאָס איז געווען אויף א פייערונג פון דרייסיג־יאָהריגען יובילעי פון „בונד" אין שיקאגא, אויף א גרויסער פאַרזאַמלונג. איך האָב פּרובירט צו ערקלערען דעם עיקר פון בונדיזם. נאָך מיר האָט גערעדט וולאדעק. „פאר מענשען — האָט ער געזאָגט — וואָס האָבען ניט באלאנגט צום „בונד", איז פּשוט אונמעגליך אויסצוטייטשען וואָס איז בונדיזם; מען האָט געדאַרפט געהערען צום „בונד" צו קענען פארשטעהן וואָס דאָס איז"...

און אָפט טראכט איך: אפשר איז וולאדעק גערעכט? ווייל ווי קען מען ערקלערען אזא פּסיכאָלאָגיש אונערקלערבארע אנאָמאַליע, וואָס מענשען — איהר קענט זיי צעהלען אין הונדערטע — וואָס פּארטיי־פּאָליטיש זיינען זיי די שארפסטע געגנערס פון „בונד", ווען עס קומט אבער אוים צו העלפען איהם מאַטעריעל און מאָראַליש זיינען זיי אויפ'ן ערשטען אָרט?

וולאדעק דער בונדיסט איז אין אמעריקע איינער פון די בעסטע פריינד פון „בונד" אין פּוילען. ער איז איהם איבערגעגעבען מיט'ן גאנצען הארצען און ווייזט ארוים זיין טריישאַפט צו איהם אויף יעדען שריט און טריט, דירעקט און אינדירעקט. אין א גרויסער מאָס איז דער ערפאָלג פון אלע אקציעס פון די בונדישע שלוחים — צי דאָס זיינען געווען ערליך אָדער נח, אַלטער אָדער מענדעלסאָן, ארטור אדער פּאַט אדער קאזשדאַן — געווען צו פאַרדאַנקען וולאדעק'ס הילף, דעם גרויסען אינטערעס, וואָס ער האָט ארויסגעוויזען צו זיי. און צו זיין פופציג־יאָהריגען געבורטס־טאָג ווינשען מיר איהם נאָך א סך־סך יאָהרען צו זיין דער אונאָפיציעלער אמבאַסאַדאָר פון „בונד". כאָטש פּאָליטיש־אידייאיש געהט ער זיך פאַנאַנדער מיט'ן „בונד" אין פּוילען זעהר ראַדיקאַל, איז ער פונדעסטוועגען א ווירדיגער פארטרעטער זיינער אין אלע אנדערע הינזיכטען.

הלל ראָגאָף

ב. וולאַדעק אין דער אידישער עפענטליכקייט

שוין עטליכע צעהנדליג יאָהר אז ב. וולאַדעק שטעהט אין פאָדערשטע רייהען פון דער אידישער עפענטליכקייט. זיין נאָמען איז באַוואוסט אין אַלע לענדער וואו דער אידישער לעבען איז מעהר אָדער ווייניגער אָרגאַניזירט און געפינט אויסדרוק אין סאָציאַלער און קולטורעלער טעטיגקייט. און דאָך איז שווער צו מאָהלען די פעסט־באַשטימטע שטריכען פון זיין פערזענליכקייט און געבען א פולע אָבשאַצונג פון זיין ארבייט און זיינע פאַרדינסטען.

צו פופציג יאָהר איז נאָך וולאַדעק פאַר אונז ניט אין גאַנצען קלאָהר, ניט אין גאַנצען אַנטפּלעקט.

פאַר דעם איז טיילווייז פאַראַנטוואָרטליך די צייט און טייל־ווייז די פאַרשידענאַרטיגקייט פון וולאַדעק'ס פעהיגקייטען און טאַלאַנטען. די צורודערטע אומשטענדען פון איין זייט און זיינע געגענגעזעצטע אמביציעס פון דער אַנדער זייט האָבען ניט דערלאָזען אז וולאַדעק זאָל קאָנצענטרירען זיינע גייסטיגע כחות און זיי אָנווענדען אין איין באַשטימטער ריכטונג. ער האָט געאַרבייט אויף פאַרשידענע געביטען לויט די פאָדערונגען פון דעם מאָמענט. היינט איז ער געוועזען דער פּראָפּאַגאַנדיסט און מאָרגען דער פּראַקטישער טוער; היינט האָט ער געדינט דעם אידישען כלל און מאָרגען די סאָציאַליסטישע פּאַרטיי; היינט איז ער געוועזען דער לעקטשורער און דער שרייבער און מאָרגען דער געלד זאַמלער און דער פּלאַן מאַכער פאַר אידישע אָדער ארבייטער רעליף.

עס איז שווער צו זאָגען אין וועלכען צווייג פון די אַלע פאַר־

שידענאַרטיגע טעטיגקייטען האָט זיך אויסגעדריקט וואָלאַדעק'ס אמת'ע פּערזענליכקייט. ער איז אַנערקענט אַלס איינער פון אונזערע בעסטע רעדנער. אָבער זיין רעדנער קראַפט איז אויך אַ צווייפאַכיגער. ער איז פּונקט אַזוי עפעקטפול אין אַ רעדע איבער אַ ריין פּראַקטישען ענין ווי אין אַן אַפּיל צו די געפיהלען און לײדענשאַפטען. אין זיין שרייבען איז דאָס זעלבע. ער האָט געשאַפען פּאָעטישע סקיצען, כאַראַקטער בילדער, רייזע איינדריקע און אויך פּובליציסטישע אָבהאַנדלונגען איבער פּאָליטישע און עקאָנאָמישע פּראָבלעמען. אין דער אַרבייטער באַוועגונג און אין אידישע כלל אַרבייט געפינט מען איהם פּונקט אַזוי אָפט ביים קאָנפערענץ טיש וואו עס ווערען באַשפּראָכען קאַלטע פּראַקטישע פּלענער ווי אויף דער פּלאַטפאָרמע וואו עס ווערען אָנגעוואַרימט הערצער און אויפגעוועקט געפיהלען.

אין וועלכע פון די טעטיגקייטען ליגט דער שליסעל צו וואָלאַדעק'ס גייסטיגער פּערזענליכקייט? אין די לאַנגע יאָהרען פון עפענטליכע אַרבייט איז איהם געלונגען צו האַלטען דעם גלייכגעוויכט צווישען דעם פּראַקטיקער און דעם טרוימער, און צו געווינען צוטרויען און פאַרעהרער אויףביידע געביטען.

מיר ווילט זיך גלויבען אַז דאָס איז אַ צייכען פון יוגענדליכקייט. צו פופציג יאָהר פאַרמאָגט וואָלאַדעק נאָך גענוג גייסטיגע ענערגיע צו שפּייזען די אַלע פאַרשידענאַרטיגע אינטערעסען.

דר. א. גינזבורג

וואָלאַדעק, דער רעדנער-פּאָעט

געהערט האָב איך פון וואָלאַדעק'ן נאָך איידער איך האָב געהאט די געלעגענהייט זיך מיט איהם צו באַקענען. איך האָב געהערט פון איהם, ווי פון אַן אויסגעצייכענטען רעדנער, אַ פייערדיגען אַגיטאַטאָר און אַן איבערגעגעבענעם רעוואָלוציאָנער. צוליב די דאָזיגע אַלע מעלות האָט מען איהם אין דער אַלטער היים באַקרוינט מיט דעם טיטול „דער יונגער לאַסאַל".

די אַלע קלאַנגען, וואָס האָבען וועגען איהם דערגרייכט אַהער פון דער אַלטער היים האָבען אויף מיר געמאַכט אַ קנאַפּען איינדרוק. איך האָב שוין געהאַט די געלעגענהייט זיך צו טרעפען מיט מענשען פון דעם דאָזיגען מין, — מיט די דאָזיגע אויסגעצייכענטע רעדנערס און די פייערדיגע אַגיטאַטאָרס, און איך בין אין זיי אַנטוישט געוואָרען. עס פעהלט זיי וויסען, עס פעהלט זיי אמת'דיגקייט און גאַנץ אָפט פעלט זיי אפילו ערנסט און גלויבען, אין בעסטען פאַל זיינען זיי מענשען מיט גלאַטע צינגער און פלאַכע קעפּ.

„מסתמא איינער פון זיי", האָב איך געטראַכט וועגען וואָלאַדעק'ן. ניטאָ פון וואָס נתפּעל צו ווערען. איך האָב אָבער מיין מיינונג וועגען איהם געביטען אַזוי שנעל, ווי איך האָב זיך מיט איהם באַקענט.

פאַרוואָס איך האָב אַזוי שנעל געביטען מיין מיינונג וועגען איהם, איז שווער צו דערקלערען. עס איז ניט געקומען פון אַן אָפּשאַצונג פון זיין כאַראַקטער און פּערזענליכקייט. אויף דעם איז נאָך קיין צייט ניט געווען. עס איז גיכער געווען דער רעזולטאַט פון אַן איינדרוק, — פון אַן אָנגענעמען און גוטען איינדרוק.

* * *

צום ערשטען מאָל האָב איך זיך מיט וואָלאַדעק'ן באַגעגענט ביי מיר אין קאַבינעט. פאַר מיר איז געשטאַנען אַ יונג בחור'ל אין די ערשטע צוואַנציגער, אַ הויכער, אַ שלאַנקער און אַ עטוואָס ליידער-

דער. זיין פּנים איז געווען ערנסט, אבער א פריינטליכער שמייכל איז געלעגען אויף זיינע עטוואָס פעטליכע ליפּען. זיינע אויגען זיינען געווען אָפען און קלאָר און האָבען אייך גלייך אריינגעקוקט אין פּנים, ווי זיי וואָלטען גאָרנישט געהאט צו פאַרבאָרגען. אין דער זעלבער צייט זיינען זיי געווען פארטראכט און פאר׳חלום׳ט, ווי זיי וואָלטען געשוועבט ערגעץ אין די עולמות־העליונים.

„ניין״, האָב איך ביי זיך געטראכט, „דאָס איז ניט דער געוועהנליכער רעדנער און אַגיטאַטאָר. ער איז גאנץ ווייט פון דעם פּראָפעסיאָנעלען רעדנער־טיפּ. דאָס דאַרף זיין עפּעס א פויגעל פון א גאנץ אנדער מין. פאר איהם איז דאָס ריידען ניט קיין פּרנסה. פאר איהם איז דאָס ריידען אן אינערליכע נויטווענדיגקייט. פאר איהם איז דאָס ריידען א מיטעל פון „זעלבסט־אויסדרוק״. דורך דעם ריידען דריקט ער אוים זיין וועזען, זיין אינערליכען „איך״. „דער יונגערמאַן״, האָב איך ביי זיך באַשלאָסען, „איז א פּאָעט, וואָס האָט פאַרבלאָנדזשעט צווישען אַגיטאַטאָרס״.

איך האָב זיך מיט וולאדעק׳ן נאָהענט באקאנט. מיט דער צייט זיינען מיר געוואָרען נאָהענטע פריינט. און וואָס מעהר מיר האָבען זיך באַקאָנט און וואָס נעהנטערע פריינט מיר זיינען געווארען, אלץ מעהר האָב איך זיך איבערצייגט אין דער אמת׳דיגקייט פון מיין ערשטען איינדרוק; וולאדעק איז פריהער פאר אלץ א מענש מיט א פּאָעטישע נאַטור.

דאָס איז איינע פון די גרעסטע מעלות, וואָס מען קען זאָגען וועגען וולאדעק׳ן אלס מענש. פאר וולאדעק דעם פּאָליטיקער איז עס אָבער א חסרון. פּאָליטיק און פּאָעזיע זיינען ניט קיין פּאָר קליידער. דער פּאָליטיקער שטערט דעם פּאָעט און דער פּאָעט שטערט דעם פּאָליטיקער. דער פּאָליטיקער דאַרף זיין קאַלט, רוהיג און אויסגערעכענט. וולאדעק איז מענשליך ווארעם, אימפּולסיוו און ספּאָנטאַן, ווי א פּאָעט דאַרף צו זיין.

* * *

צו זיין פופציג־יעהריגען געבורטס־טאָג ווינש איך איהם, אז אין די צווייטע פופציג יאָהר פון זיין לעבען זאָל ער זיך אָפּגעבען אביסעלע מעהר מיט פּאָעזיע און וועניגער מיט פּאָליטיק. פּאָליטיקער האָבען מיר מעהר ווי גענוג. פאר גוטע פּאָעטען קענען מיר נאָך געפינען א פּלאַץ.

צביון

ווען וולאַדעק איז נאָך ניט געווען וולאַדעק

צו א פופציג־יאָהריגען יובילעאום דאַרף מען שרייבען ערינע־רונגען וועגען יובילאַר. פּרוביר איך מיר עפּעס דערמאָנען.

אמאָל איז גענאָסע וולאדעק געווען א יונגער בחור — צוואנציג יאָהר אַלט. דאָס איז געווען א דרייסיג יאָהר צוריק, אין 1906, ווען איך האָב זיך דאָס ערשטע מאָל מיט איהם געטראָפען. דאַ־מאָלט האָט ער נאָך ניט געהייסען וולאדעק, אָבער ווי איך קען זיך דערמאָנען האָט ער שוין דעמאָלט געהאט א סך עהנליכקייט צו וולאדעק׳ן.

ווען איך בין מיט איהם באַקאַנט געוואָרען האָט מען איהם גערופען דער יונגער לאַסאַל. איך געדענק אָבער ניט אויב דער נאָמען איז צו איהם געקומען צוליב זיין אויסזעהן אדער צוליב זיין ריידען. איך האָב קיין מאָל ניט געזעהן פערדינאנד לאַסאַל׳ן און ממילא האָב איך איהם אויך קיין מאָל ניט געהערט ריידען. אָבער איך האָב געקענט דר. לודוויג פראנק פון מאנהיים, וועלכער איז שפּעטער געוואָרען באריהמט איבער גאַנץ דייטשלאַנד, אויף ווען די סאָ־ציאליסטען פלעגען זאָגען, אז ער זעהט אוים זעהר עהנליך צו לאַסאַל׳ן, אבער לאסאל האָט געהאט אזא הויכע רעפּוטאציע ביי די דייטשע סאָציאליסטען, אז זיי פלעגען דר. לודוויג פראנק רופען דער „פארפושטער לאַסאַל”. און אויב דר. פראנק האָט ווירקליך אוים־געזעהן ווי פערדינאַנד לאַסאַל מוז איך זאָגען, אז וולאדעק האָט אין זיינע יונגע יאָהרען געקראָגען דעם נאָמען לאַסאַל ניט צוליב זיין אויסזעהן, נאָר צוליב זיין ריידען, ווייל ניט קוקענדיג, וואָס ער איז נאָך געווען אזוי יונג, האָט ער שוין גע׳שם׳ט פאר א גרויסען רעדנער און ניט בלויז אין דער בונדיסטישער וועלט, נאָר אויך

אין דער פּועלי ציוניסטישער, וואו ער האָט זיין רעדנער קאַריערע אָנגעפאַנגען.

איך בין אָבער מיט איהם באַקאַנט געוואָרען ניט דורך זיין ריידען, נאָר גאָר דורך זיין שרייבען. איך בין אין יענער צייט געווען א מיטגליד פון דער רעדאַקציע פון דער „פאָלקס־צייטונג" (אָנפאַנגס „וועקער", וואָס דער „בונד" האָט ארויסגעגעבען אין ווילנע), און איך האָב אין איהר פאַר אַ געוויסער צייט פאַרנומען דעם פּלאַץ פון א ליטעראַרישען רעדאַקטאָר, ווי איך וואָלט עס דאָ אָנרופען. דורך מיין האַנט פלעגען דורכגעהן די מייסטע מאַנו־סקריפּטען וואָס פלעגען אָנקומען אין דער רעדאַקציע, און ווי איך קען זיך היינט דערמאָנען האָב איך קיין גרויס פאַרגעניגען פון מיין ארבייט ניט געהאַט. אונזערע בונדיסטען פון יענער צייט זיינען געווען זעהר גוטע רעוואָלוציאָנערען, אויסגעצייכענטע אָרגאַניזאַטאָ־רען, גלענצענדע רעדנער, אָבער זעהר שוואַכע בריות אויף שרייבען. איך פלעג דאַרפען שווער ארבייטען ביז איך פלעג די פאַרפאַסונגען זייערע וואָס זיי פלעגען צושיקען אין רעדאַקציע צורעכט מאַכען ווי עס איז, אז מען זאָל עס קענען דרוקען. ניט פיל מעהר נחת האָב איך געהאַט פון די בערג לידער און סקיצען, וואָס די רעדאַקציע פלעגט באַקומען פון אלע די וואָס פלעגען אָנפאַנגען דערפיהלען אין זיך א טאַלאַנט. איין טאָג אבער, איך געדענק ניט אויב א העלער אָדער א פאַרוואָלקענטער, געפין איך אין דעם פרישען פּעקעל מאַנו־סקריפּטען, וואָס די פּאָטשט האָט געבראַכט, א קאָרעספּאָנדענציע, וואָס האָט געצויגען מיין אויפמערקזאַמקייט. עס איז גוט אָנגע־שריבען, עס איז הומאָריסטיש און אין אַלגעמיין מעשה שרייבער. עס איז בלויז א ביסעלע צו לאַנג, אבער דאָס מאַכט ניט אויס, מען קען עס אָפּקירצען. אויף וואָס דען האַלט איך א בלויען בלייפעדער אין האַנט? ווער איז אָבער דער שרייבער פון דער קאָרעספּאָנ־דענציע? אז ער איז א פאַרטיי־טוער זעה איך פון דעם אינהאַלט, אָבער פון דעם אונטערשריפט קען איך ניט טרעפען ווער עס איז. דער אונטערשריפט איז „באַנטשע שוויגס אייניקעל", היינט געה ··רעף ווער דאָס איז. אבער דער אונטערשריפט געפעלט מיר. עס איז א גוטער איינפאַל און איך פאַרשטעה, אז דאָס מוז זיין איינער פון די נייערע בונדיסטען, וואָס האָט זיך ערצויגען ניט בלויז אויף

ד'ער רוסישער ליטעראַטור, ווי דאָס זיינען געווען די מייסטע פון דעם ערשטען דור בונדיסטען, נאָר האָט אויך געליענט די אידישע ליטע־ראַטור און זיכער פרץ'ן.

פּרוביר איך זיך נאָכפרעגען ביי מיינע חברים אין דער רעדאַק־ציע אפשר ווייסען זיי ווער דער באַנטשע שוויגס איינִיקעל איז. ווייסען זיי אבער אויך ניט. אין א פּאָר טעג ארום אבער טרעף איך אלעקסאנדער'ן (ארקאדיע) און דערצעהל איהם, אז איך האָב געקראָגען פון א פּאַרטיי־טוער א קאָרעספּאָנדענציע, וואָס איז זעהר גוט אָנגעשריבען און ווען אלע אנדערע פּאַרטיי־טוער וואָלטען אזוי געקענט שרייבען און וואָלטען פון זייערע ערטער צוגעשיקט עהנליכע קאָרעספּאָנדענציעס, וואָלט די קאָרעספּאָנדענץ־אָפּטיילונג פון דער „פאָלקס־צייטונג" געווען א סך אינטערעסאנטער ווי זי איז איצט. פאַראינטערעסירט זיך אלעקסאנדער און וויל וויסען ווער דער שריי־בער איז. זאָג איך איהם, אז ער שרייבט זיך אונטער „באַנטשע שוויגס איינִיקעל" און פון וועלכער שטאָדט ער שרייבט. — אויב אזוי, וואונדערט זיך ניט, ענטפערט מיר אָפּ אלעקסאנדער אויף זיין קורצען אופן. און שלעפּענדיג ווערטער פון איהם האָב איך זיך דערוואוסט א ביסעל מעהר וועגען דעם „יונגען לאַסאַל", פון וועמען איך האָב שוין פריהער געהערט און וועלכער איז עס געווען דער שרייבער פון דער דערמאָנטער קאָרעספּאָנדענציע. איך האָב אָבער אלעקסאנדער'ן געזאָגט, אז אויב איינער איז א גוטער רעדנער איז עס גאָר ניט געדרונגען, אז ער מוז אויך זיין א גוטער שרייבער. דער כלל איז געוועהנליך, אז גוטע רעדנער זיינען גאָר ניט קיין גוטע שרייבער. ניט מעהר אזוי ווי עס זיינען פאַראַן אויסנאַמען בין איך גרייט אריינצונעמען באַנטשע שוויגס איינִיקעל צווישען זיי.

מיט עטליכע וואָכען שפּעטער האָב איך זיך מיט באַנטשע שוויגס איינִיקעל געטראָפען פערזענליך און איך האָב פאַרשטאַנען, אז ער האָט אויף מיר שטאַרק פאַראיבעל גענומען, וואָס איך האָב זיין קאָרעספּאָנדענציע אָפּגעקירצט. איך האָב איהם ערקלערט, אז די קאָרעספּאָנדענציע זיינע איז ארויסגעקומען א סך בעסער אין דער אָפּגעקירצטער פאָרם, אבער ער האָט מיט מיר ניט מסכים געווען און איך האָב פון זיינע רייד פאַרשטאַנען, אז ער האלט ניט שטאַרק

פון מיינע מבינות, נאָר וואָס קען ער זיך העלפֿען, אז דער בלויער בלייפעדער געפינט זיך ביי מיר אין האנט.

אויב איך מאַך ניט קיין טעות איז דאָס געווען דאס ערשטע מאָל וואָס וולאַדעק האָט זיך געדרוקט אין א צייטונג, און אויב אזוי בין איך געווען זיין ערשטער רעדאקטאָר, און איך קען דעריבער זאָגען, הגם איך גלויב אין דעם אליין ניט, אז איך האָב א חלק אין דעם, וואָס וולאַדעק שרייבט אָפּט גאַנץ קורץ.

א צווייטען מאָל האָב איך זיך געטראָפען מיט וולאַדעק'ן אויף דעם בארימטען רוסלענדישען סאָציאַל־דעמאָקראַטישען צוזאמענ־פאָר אין לאנדאן אין יאָהר 1907. ער איז געווען איינער פון די דעלעגאטען פון „בונד". אבער וועגען דעם וועל איך שרייבען צו זיין הונדערט יאָהריגען יובילעאום, ווייל איצט איז דאכט זיך ניט די צייט צו דערצעהלען, אז וולאַדעק — ער האָט שוין דאכט זיך דעמאָלט געהייסען וולאַדעק — האָט אויף דעם צוזאמענפאָר גע־שטימט פאר די באָלשעוויקעס.

באַגריסונג פון י. אייזענשטאַדט - יודין

פאריז, 20־12, 1935

טייערער חבר און פריינט וולאַדעק!

צו אייער פופציגסטען געבורטסטאָג שיק איך אייך מיין האר־ציגסטע באגריסונג און דעם וואונש צו דערלעבען ביז 120 יאָהר אין פרוכטבארער ארבייט פאר'ן סאָציאליזם.

מיט סאָציאליסטישען גרוס

אייער

י. אייזענשטאדט—יודין.

ל. פאַגעלמאַן

ב. וולאַדעק דער כלל טוער

ווען איך האָב באַקומען אַן איינלאַדונג אָנצושרייבען אַן אַרטיקעל וועגען גענ. וולאַדעק'ן, האָב איך זיך דערפיהלט אין א געוויסער פאַרלעגענהייט: וועגען וועלכען וולאַדעק'ן זאָל איך שרייבען? ער איז דאָך אַזוי פאַרשיידענאַרטיג, אַזוי פילזייטיג אין זיין טעטיגקייט, אַז ס'איז זעהר שווער צו געבען א פולשטענדיגע אָפּשאַצונג פון איהם אין א קורצען יובילעי־אַרטיקעל.

וולאַדעק איז א פאַרוואַלטער פון דער גרעסטער אידישער צייטונג אויף דער וועלט; וולאַדעק איז אַ סאָציאַליסטישער פיהרער; וולאַדעק איז א שרייבער; וולאַדעק איז א רעדנער. וועלכען וולאַדעק'ן זאָל איך דאָ פּרואווען שילדערען?

וויל איך דאָ דאַריבער זיך באַנוגענען מיט איין זייט פון זיין פּערזענליכקייט. איך וויל דאָ אָנוואַרפען בלויז עטליכע שטריכען פון וולאַדעק'ן אַלס כלל־טוער.

* * *

דאַרף איך דען דאָ אָנהויבען מיט דעם, אַז וולאַדעק איז איינער פון די אָנגעזעהענסטע כלל־טוער אין דער אידישער אַמעריקע? יעדער איינער וויים עס. און יעדערער וויים, אַז וולאַדעק אַלס כלל־טוער איז זעהר פּאָפּולער אויף דער אידישער גאַס.

פאַראַן אָבער אַזעלכע כלל־טוער, וועלכע זיינען צופעליג ארויפגעשוואומען אויף דער געזעלשאַפטליכער ביהנע; זיי האָט ארויסגעשווענקט א וועלכע ס'איז כוואַליע; און ספּעציעלע אומשטענדען און ספּעציעלע פּאַסירונגען האָבען זיי צופעליג ארויסגערוקט אין דעם פאָדערגרונד; ניט זייערע פּערזענליכע מעלות און ניט זייערע

פערזענליכע פארדינסטען האָבען עס בארעכטיגט און האָבען געשאַ־פען זייער נאָמען, נאָר בלויז אויסערליכע צופעליגע געשעהענישען, וועלכע זיינען געווען גינסטיג פאר זיי און וועלכע זיי האָבען בלויז געוואוסט ווי אזוי קונציג אויסצונוצען פאר זיך און פאר זייערע אייגענע צוועקען.

מיר קוועטשען אָפט מיט די פּלייצעס אין אזעלכע פאלען: ווי קומט עס, וואָס דער און דער האָט פארנומען אזא וויכטיגען פּלאַץ אין געזעלשאפטליכען לעבען? דוכט זיך, אזא טאלאנטלאָזיגקייט, אזא מיטעלמעסיגקייט! און מיר טראכטען זיך אין אזא פאל: מען דארף צו אַלץ מזל האָבען.

יאָ, עס זיינען פאראַן א היבש ביסעל אזעלכע סאָרטען רעטע־נישען צווישען כלל־טוער. מיר באגעגענען זיי גאַנץ אָפט אין לעבען.

אָבער ניט אזא מין כלל־טוער איז געוועזען ב. וולאַדעק. ער האָט פארנומען זיין געהויבענעם פּלאַץ אין אונזער געזעלשאפטליכען לע־בען א דאנק זיינע אייגענע פעהיגקייטען, א דאנק זיין פערזענליכ־קייט, וואָס איז געקנאָטען פון דעם אמת'ן טויג, פון וועלכען כלל־טוער ווערען אויסגעקנאָטען.

איך בין זיכער, אז וואו וולאַדעק זאָל זיך ניט געפינען, וואו ער זאָל ניט ארבייטען, וואָלט ער פארנומען אן אָנגעזעהענעם פּלאַץ; ווייל ער האָט אין זיך יענעם מאגנעטיזם, יענע ווירקזאמע קראפט, וואָס ציהט צו מענשען און וואָס באאיינפלוסט מענשען.

אין וואָס באשטעהט זיין מאגנעטישע קראפט?

וולאַדעק איז פריער פון אַלץ איינער פון די טאלאנטפולסטע רעדנער, וועלכע מיר פארמאָגען. ער האָט אין זיך די וויכטיגסטע אייגענשאפטען פון אן אמת'ן רעדנער. ער קען אונז מאָמענטענווייז שטארק רירען מיט זיין פאַטעטישער פראזע; ער קען אונז צייטענווייז אויפשטורמען מיט זיין שטארקען וואָרט; און ער קען אויך מאָלען פאר אונז א לעבעדיגע בילד, וואָס זאָל זיין באשפּריגקעלט מיט דעם חן פון וויץ און פאלקסטימליכען הומאָר.

אפילו אויסערליך האָט ער אין זיך די נויטיגע אייגענשאפטען פון אן אמת'ן רעדנער: א הויכע, שלאַנקע פיגור מיט שארפע, בולט'ע שטריכען פון געזיכט, מיט א קאָפּ געדיכטע, שווין א ביסעל

באזילבערטע האָר, שטעהט ער אזוי אויף דער טריבונע און דרינגט אריין מיט זיין הילכיגער שטימע אין די הערצער פון זיינע צוהערער.

ס'איז אנגענעם צו הערען וולאדעק'ן רעדען אפילו ווען מען איז ניט אינגאנצען איינשטימיג מיט דעם, וואָס ער רעדט; ווייל דער אופן ווי אזוי ער רעדט איז פונקט אזוי אינטערעסאנט ווי דער אינהאלט פון זיין רעדע.

* * *

ס'איז אָבער ניט גענוג צו זיין בלויז א גוטער רעדנער אום צו ווערען אן ערפאָלגרייכער געזעלשאפטליכער טוער; עס פאָדערען זיך דערביי אויך אנדערע אייגענשאפטען. און די צווייטע וויכטיגע אייגענשאפט, וואָס וולאדעק פארמאָגט און וואָס האָט פון איהם געשאפען א כלל־טוער, באשטעהט אין זיין שטארקען אינטערעס צום געזעלשאפטליכען לעבען און צו געזעלשאפטליכע פראגען.

ס'איז ניטאָ, דוכט מיר, קיין איין צוויינ, קיין איין ווינקעל פון דעם אידישען געזעלשאפטליכען לעבען, וואו וולאדעק זאָל ניט נעמען קיין אנטייל.

און דאָס איז ניט בלויז דערפאר, וואָס ער, אלס פארוואלטער פון א גרויסער סאָציאליסטישער צייטונג, ווערט איינגעלאדען און ווערט אריינגעצויגען אין פארשיידענע געזעלשאפטליכע אונטערנעמונגען; ס'איז ניט דערפאר בלויז, וואָס ער איז פארפליכטעט, וואָס מוז עס טאָן; ער טוט עס צוליב דעם, ווייל אין וולאדעק'ן אליין קלאפט שטארק דער פולס פון א כלל־טוער; דאָס איז דערפאר, ווייל וולאדעק אליין וויל זיך באטייליגען אין די אלע געזעלשאפטליכע אקציעס, ווייל ער איז, דוכט מיר, פריער פון אלץ א געזעלשאפטליכער און פאָליטישער טוער.

אלס פאָליטישער טוער האָט ער אָנגעפאנגען זיין באוואוסט־זיניגען לעבען אויף יענער זייט ים, און אזוי ציהט זיך ווייטער דער וועג פון זיין געזעלשאפטליכער ארבייט אויך דאָ, אין אמעריקע.

ער איז א געבאָרענער ניט קיין געוואָרענער כלל־טוער, און איהם ציהט דעריבער צום געזעלשאפטליכען לעבען ווי מיט א מאגנעט. דאָ לעבט ער זיך אוים גייסטיג און דאָ בליהען אויף זיינע אלע פעהיגקייטען.

איך זאָג „זיינע אלע פעהיגקייטען״, ווייל פאר אן אמת׳ן כלל־טוער איז ווייניג די טריבונע אליין; פאר אן אמת׳ן כלל־טוער איז די פען פונקט אזוי וויכטיג ווי דאָס מינדליכע וואָרט.

און מיט דעם ערקלערט זיך דאָס, וואָס פון צייט צו צייט כאַפּט זיך וולאדעק אויך פאר דער פען און קעמפט שריפטליך פאר די זעלבע אויפגאבען, פאר וועלכע ער קעמפט מיט זיין מינדליכען וואָרט אויף דער טריבונע.

* * *

און ווען וולאדעק נעמט זיך פון צייט צו צייט פאר דער פען, דוכט זיך דאמאָלסט אויס, אז ער דערשטיקט אין זיך שטענדיג זיין אינע׳רליכען פארבאָרגענעם דראַנג צו שרייבען.

אייניגע דענקען אפילו, אז אין גרונד גענומען איז וולאדעק גאָר א פּאָעט, א שרייבער און אז מיט איהם האָט פּאסירט יענע, איך וואָלט זאָגען, טראגעדיע פון דואליזם, וואָס דער רוסישער דיכטער האָט אמאָל שאַרף אויסגעדריקט אין א פּאָר געלונגענע שורות:

דער קאַמף האָט מיר געשטערט צו זיין א דיכטער,

דער דיכטער האָט אין מיר געשטערט מיין קאַמף.

אָבער די פּאָעטישע און ליטעראַרישע נייגונגען אין וולאדעק׳ן רייסען זיך סיי ווי סיי דורך אין זיינע עפענטליכע ארויסטרעטונגען, אין זיין אַרט רעדען און שרייבען.

א מענש קען זיך ניט אוועקרייסען פון זיך אליין, פון דעם אינערליכען קוואל, וואָס ליגט אין איהם פארבאָרגען. ער שטראָמט ארויס פון איהם ביי יעדער געלעגענהייט; אזוי ווי אן אונטער־ערדישער שטראָם, וואָס זוכט אן אויסוועג און רייסט זיך דורך ערגעץ אין אן אונערוואַרטעטען ווינקעל, גאָר ערגעץ ביי א גרויסען שטיין, אדער אין א שטילען אָרט אין א וועלדל.

און אזא אונערוואַרטעטער שטראָם, וואָס רייסט זיך ארויס פון אונטער דער ערד, פרישט אָפּ דעם וועלדל, דערקוויקט די גרינס ארום און פארשאַפט פארגעניגען פאר׳ן מענשליכען אויג און אויער.

* * *

אלס געזעלשאַפטליכער טוער איז וולאדעק פעהיג צו שאַפען גרויסע פּלענער, אָנצוּוואַרפען מיט א ברייטען זשעסט די קאָנטורען

פון נייע גרויסע אונטערנעמונגען; און עס איז דעריבער קיין וואונדער ניט, וואָס וואלאדעק איז אָפּט א איניציאַטאָר פון א סך געזעלשאַפטליכע אונטערנעמונגען און פּלענער, וואָס ער איז כמעט אומעטום, כמעט אין אַלע געזעלשאַפטליכע אַקציעס, איינער פון די ערשטע און אַקטיווסטע טוער.

* * *

וואלאדעק האָט א באַזונדערע פעהיגקייט צו שאַפען זיך פריינד און פאַרעהרער. און ער שאַפט זיי ניט נאָר מיט דעם כח פון זיין רעדנערישען טאַלאַנט, נאָר מיט זיין פריינדליכער באַנעמונג צו מענשען.

און עס ציהען זיך דעריבער גאַנץ שטאַרקע פעדים צווישען איהם און זיינע טויזענדער פריינד און פאַרעהרער.

* * *

וואלאדעק איז איצט אַלט געוואָרען פופציג יאָהר; און איך ווינש איהם ער זאָל אויך ווייטער אָנהאַלטען זיין כאַראַקטעריסטישע יוגענדליכקייט, די גליקליכע פעהיגקייט צו פיהלען זיך יונג און פריש ביז דער טיפער עלטער.

ש. יאַנאָווסקי

וואָלאַדעק, דער קאָפּ און האַרץ סאָציאַליסט

אין מיין עטוואָס שוין צו לאַנגער ערפאַרונג אין דער ארביי־טער־באַוועגונג אין אַלע איהרע שאַטירונגען האָב איך געלערנט, אז סאָציאַליסט און סאָציאַליסט איז ניט גלייך, אז עס זיינען דאָ גאָר פארשידענע סאָציאַליסטען.

איהר מיינט דאָך אודאי, אז איך האָב דאָ אין זינען די צו־טיילונג פון די סאָציאַליסטען אויף „רעכטע" און „לינקע", אויף „מיליטאַנטישע" און „פרידליכע" אדער, אפשר, אויף סאָציאַליסטען־דעמאָקראַטען און סאָציאַליסטען אַנאַרכיסטען, און נאָך אזעלכע פאַר־שידענע מינים סאָציאַליסטען, וועלכע מיר האָבען שוין איצט. די גאַנץ נייע מינים, וועלכע, ווי מיר מעגען עס ערוואַרטען, די צייט וועט געווים ברענגען.

מוז איך דאָ גלייך ערקלערען, אז אַט די אלע מינים האָב איך גראָד איצט ניט אין זינען, וויכטיג ווי זיי מעגען זיין, און וויכטיג ווי זיי אליין באַטראַכטען זיך אודאי. איך האָב אין זינען א גאַנץ אַנדער צוטיילונג צווישען סאָציאַליסטען, וועלכע איך האָב קענען געלערנט אין דער באַוועגונג.

איך צוטייל זיי אין דריי קלאַסען: קלאַס איינס — קאָפּ־סאָציאַליסטען; קלאַס צוויי — האַרץ־סאָציאַליסטען; קלאַס דריי — קאָפּ־און־האַרץ־סאָציאַליסטען.

דער צווייטער קלאַס, דער האַרץ־סאָציאַליסט איז אין דער מאַיאָריטעט. דאָס איז דער סאָציאַליסט וועלכער האָט אויפגענומען און באַגריפען דעם סאָציאַליזם מעהר מיט זיין האַרצען, מיט זיינע געפיהלען, ווי מיט זיין קאָפּ.

ער האָט אליין געליטען פון דעם סאַמע אָנפאַנג אין זיין לעבען כל'ערליי עולות, אַלערליי קריוודעס און באַליידיגונגען. ער האָט גע־

זעהן, ווי די מעהרסטע מענשען ארום איהם ווערען בארויבט און באַ׳גנב׳עט, פאַרפּאַלגט און ערנידעריגט, און דער סאָציאַליסטישער וואָרט איז אריינגעדרונגען אין זיין הארץ, אלס ערלייזער און באַ־פרייער, און ער האָט איהם אויפגענומען מיט דער גרעסטער באַ־גייסטערונג, וועלכע קאָן קיינמאָל ניט אויסגעוועפּט ווערען. דער סאָרט סאָציאַליזם, וועלכער איז אין דער מאַיאָריטעט, ווי איך האָב געזאָגט, האָט זעהר וועניג זאָרג פאַר די פאַרשידענע טעאָריעס און פּלפּולים אין דעם סאָציאַליזם. דאָס איז ניט זיין עסק. דאָס לאָזט ער איבער צו זיינע לעהרער, ער פאַר זיין טייל איז צופרידען צו זיין און צו בלייבען א גלויביגער.

די סאָציאַליסטען זיינען דער רוקענביין פון דער באַוועגונג, דער ארבייטער באַוועגונג בכלל און דער סאָציאַליסטישער באַוועגונג בפרט.

נאָך דעם קלאַס סאָציאַליסטען קומט דער קלאַס קאָפּ־סאָציאַליס־טען. דאָס זיינען סאָציאַליסטען, וועלכע פאַרשטעהען זעהר גוט די טעאָריע פון סאָציאַליזם, אָבער עס איז עפּעס דער מעהר מיט זייער הארץ און געפיהל. עפּעס איז דאָרט עטוואָס איינגעדאַרט און פאַר־טריקענט.

געווים האָבען זיי זייער פּלאַץ אין דער באַוועגונג, אבער ווי מיר דוכט זיך, איז עס גאָר ניט קיין קרומע זאך פון דער נאַטור, וואָס זי האָט זיי באַשאַפען אין אַ גאַנץ קנאַפּער צאָל. זיי זיינען, זאָלען זיי מיר מוחל זיין. ניט זעהר אנגענעמע מענשען צו באַגעגענען זיך מיט זיי. עס בלאָזט פון זיי מיט אזא קעלט, ברררר...

דער דריטער קלאַס סאָציאַליסטען, סאָציאַליסטען מיט׳ן קאָפּ און מיט׳ן הארצען, איז אויך אַ גאַנץ קליינער, פיליכט נאָך קלענער ווי דער קלאַס פון בלויז די קאָפּ־סאָציאַליסטען. אזעלכע וואָלט אונזער באַוועגונג און דאָס גאַנצע לעבען באַדאַרפט פאַרמאָגען פיל, פיל מעהר, און וואויל וואָלט געוועזן סיי אונזער באַוועגונג בפרט און אונזער גאַנצען מענשליכען לעבען בכלל.

צו וועלכער קאַטעגאָריע קען צוגערעכענט ווערען אונזער יובילאַר וולאַדעק? זיכער וועט קיינער פון די וועלכע קענען איהם, ניט האַלטען איהם פאַר דעם סאָרט טרוקענעם סאָציאַליסט, פאַר וועמען דאָס שעהנע און געשמאַקע אין דעם סאָציאַליזם איז בלויז דער פּלפּול, אָדער די פאַרשטיינערטע דאָגמע. אויך וועט קיינער ניט קענען זאָגען וועגען

דעם קלוגען און אמאָל שוין צו־קלוגען וולאַדעק, אז ער איז בלויז א הארץ־סאָציאליסט. אויף אזא אופן קאָן ער נאָר צוגעציילט ווערען צו דער קאַטעגאָריע פון הארץ־און־קאָפּ סאָציאליסטען.

און איך, וועלכען קאָן איהם פאַר אזוי פיל יאָהרען, וויים, שעץ אין איהם אָט דעם סאָציאליסט, וועלכער איז מיר אזוי טייער.

איך קאָן וולאַדעק׳ן כמעט פון דעם ערשטען טאָג ווען ער איז אָנגעקומען אין אמעריקע. געקומען איז ער, אלס א פאַרהאַרטעוועטער דאָגמאַטישער בונדיסט, און דערפאַר איז דער ערשטער איינדרוק, וואָס ער האָט געמאַכט אויף מיר, געווען ניט קיין גאַנץ אָנגענעמער. אזעלכע בונדיסטען זיינען געקומען א סך אין יענער צייט. אבער, בעת די מעהרסטע זיינען אדער פאַרבליבען די פאַרשטיינערטע בונדיסטען ווי זיי זיינען געווען, אדער באַלד אראָפּגעוואָרפען פון זיך דעם גאַנצען סאָציאליסטישען באַגאַזש, וואָס זיי האָבען געבראַכט מיט זיך, האָט אָבער וולאַדעק, א דאַנק אי זיין געזונטען קאָפּ און אי זיין גוטע הארץ, געהאַלטען זיך אין איין ענטוויקלען צו אַלץ אַ בעסערען, מעהר דענקענדען און א מעהר פיהלענדען סאָציאליסט. ער איז געווארען א ברייטער סאָציאליסט אין דעם שעהנסטען זין פון וואָרט.

ער האָט ניט פאַרוואָרפען אירגענד א געדאַנק, נאָר דערפאַר, ווייל ער איז געקומען פון אַנאַנדער חדר. ער האָט באַגריפען אז, נאָך אַלעמען, איז דאָס נויטיגסטע פאַר די פּולע באַפרייאונג פון דעם אר־בייטער, אז ער זאָל אויפהערען זיין ענגהערציג און שמאָל־קעפּיג.

אָט די גרויסע מעלה פון וולאַדעק׳ן האָט עס געמאַכט מעגליך פאַר מיר און איהם, וועלכע געהערען צו פאַרשידענע שולען אין סאָ־ציאַליזם, צו ווערען אמת׳ע גוטע פריינד. אָט די מעלה וולאַדעק׳ס האָט עס געמאַכט מעגליך פאַר וולאַדעק׳ן אָפּצושעצען מיין לעבענס־לאַנגע ארבייט, און דאָס גיט מיר איצט די מעגליכקייט צו געבען וולאַדעק׳ן דעם גרעסטען שבח פאַר זיין לעבענס־ארבייט, וועלכע, ווי איך דענק באמת, איז געווען העכסט זעגענסרייך פאַר אונזער ארביי־טער באַוועגונג, ווי אויך פאַר דעם אידישען לעבען.

געוויס איז וולאַדעק נאָך גאר א יונגערמאַן. איך האָף און ווינש, אז אין די נעקסטע פופציג יאָהר וועט ער אויפטאָן אזויפיל אין אונ־זער לעבען, אזוי דאָס ער און פילע אַנדערע זאָלען קענען זעהן און געניסען טאַקע אויך די פרוכט פון זיין גרויסער לעבענס־ארבייט.

י. באַסקין

וולאַדעק׳ס רעוואָלוציאָנערע טעטיגקייט אין ווילנע

(צו וולאַדעקס 50־יעהריגען יובילעאום)

הייסט דאָס, אַז אויך וולאַדעק איז צווישען די פופציגער. איז דאָס א חלום, אָדער טאקע די ווירקליכקייט גופא? אז מען קלינגט איז א חגא, און וועגען וולאַדעק׳ס יובילעאום רעדט מען דאָך שוין. קאָמיטעס זיצען און טראכטען ווי אזוי צו מאכען דעם יום טוב שעהנער, הערליכער, און זיכער איז דאָס א באַווייז, אז מיר האָבען צו טאָן מיט א פאקט וועלכען מען קען שוין ניט אָפּלייקענען, און דאָך ווילט זיך דאָס מיר ניט גלויבען.

אין מיין מוח לויפען דורך ערינערונגען פון אמאָליגע צייטען, פון הערליכע פּעריאָדען. דאָס איז געווען אין ענדע 1905. איך האָב זיך דאַן אומגעקערט קיין רוסלאַנד פון פראנקרייך וואו איך האָב פאַרבראַכט גאַנצע פינף יאָהר. רוסלאַנד האָט באַקומען אַן אַנדער אויסזעהן, ווילנע איז ניט געווען צו דערקענען. גאַסען שווארץ מיט מענשען, מען דעבאַטירט, מען דיסקוטירט, עס איז א סטרייק, קיינער ארבייט ניט, קיינער קלערט ניט צו ארבייטען. געשעהענישען לויפען שנעל ווי א שטורם־ווינט. נייעס, איינע אינטערעסאַנטער פון דער אַנדערער. די גאַנצע אַטמאָספערע איז אָנגעזאַפּט מיט רעוואָלוציע. מען פיהלט, אז עפּעס איז פאָרגעקומען. איז מעגליך, אַז די רוסישע באַסטיליע איז געפאַלען און אין פּעטערבורג איז ערקלערט געוואָרען א רעפּובליק? עס ווילט זיך אַלץ גלויבען. מען געהט אהיים אין דער פינסטער, קיין לאָמפּ ברענט ניט אין די גאַסען. נאָר ווער קען שלאָפען? מען דערוואַרט קוים די ליכטיגע שיין און מען לויפט אין גאַס, און מיטאַמאָל א גרויסע נייעס פאַרשפּרייט זיך איבער אַלע גאַסען, — רוסלאַנד האָט א קאָנסטיטוציע,

מען ווייס ניט וואָס דער אינהאַלט איז, אָבער א קאָנסטיטוציע איז געגעבען געוואָרען.

דער פרייהייט ווינט בלאָזט פון אַלע עקען פון לאַנד. עפּעס איז די באַציאונג פון די פּאָליציי אנדערש געוואָרען. מעהר העפלי־כער. אָבער די רעוואָלוציע איז אין פולען גאַנג. מען שלאָגט זיך אויף באַריקאַדען, עס פאַלען קרבנות און אויך אין ווילנע זיינען געפאַלען פילע הרוגים. האָבען מיר גערעכענט, אז דאָס זיינען די לעצטע קרבנות אין דעם לעצטען קאַמף פאַר א פרייער רוסלאַנד. מען באַפרייט ארעסטאַנטען. דער עולם געהט צו לוקישקער טורמע פון וואַנען די ארעסטאַנטען געהן ארויס. אַלע באַגעגענט מען מיט הורא געשרייען. מען קושט זיך, מען האַלזט זיך און צווישען די באַפרייטע זעהט איהר דעם יונגען וואָלאָדעק. ער, צווישען אַלעמען. כמעט דער יונגסטער, פול מיט לעבען, פול מיט באַגייסטערונג. דער עולם טראָגט זיי אויף די הענט. א גרויסער מאַסען־פאַרזאַמלונג אין דער גרויסער אידישער שול, דאָרט רעדט מען, ניט מען רעדט, נאָר א גאַנצע סימפּאָני זינגט. מען גלויבט, אז רוסלאַנד איז באַ־פרייט.

וואָלאָדעק רעדט. דער „יונגער לאַסאַל" לאָזט הערען זיין שטימע קלאָר און פרעכטיג. דער עולם הערט און אַפּלאָדירט מיט באַגייס־טערונג. ניטאָ קיין גרעניץ צו דער שמחה. די ארעסטירטע זיינען דאָך די מאַרטירער, די וואָס האָבען געקעמפט און גרייט געווען זייער לעבען אוועקצוגעבען, און וואָלאָדעק איז איינער פון זיי. מעהר ווי איינער פון זיי, ער איז דער ליבלינג און דאָס פאָלק האָט איהם באַלוינט, געבענדיג איהם דעם נאָמען „דער יונגער לאַסאַל" און ניט אַלע זיינען זוכה צו אזא כבוד. ער, דער יונגער בחור'ל מיט גע־קרייזעלטע האָר שטעהט און זיין פּנים פלאַקערט פון אויפרעגונג, פון פרייד. א ניי לעבען האָט זיך אָנגעפאַנגען, קיינמאָל האָט דאָס פאָלק ניט גערעדט אזוי פיל ווי אין יענע טעג. אַלע טויער, אַלע פירער זיינען געווען אין די גאַסען, אָנגעפילט די זאַלען. מען האָט גערעדט, מען האָט דיסקוטירט וועגען דעם מאָרגענדיגען טאָג. מען האָט דעבאַטירט. די פּראָבלעמען, — סאָציאַליזם, ציוניזם, רעפּובליק, קאָנסטיטוציאָנעלע מאָנארכיע זיינען געווען די ברענענדע טאָג־פראַ־גען. אין א דעבאַטע מיט א ציוניסט טרעט ארויס וואָלאָדעק מיט

זיין גאַנצער שאַרפקייט, מיט זיין גאַנצען יוגענטליכען ברען און צו־גלידערט אויף ברעקלאַך די טעאָריע און פּראַקטיק פון ציוניזם. דער עולם הערט איהם און באַגעגענט איהם מיט שטורמישע אַפּלאָ־דיסמענטען.

לאַנג איז ניט אויסגעקומען צו פרעהען זיך מיט דער פרייהייט, ווייל די פרייהייט איז ניט געווען מעהר ווי א מיראַזש. די קאָנ־סטיטוציע איז ניט געווען קיין קאָנסטיטוציע. מען האָט צוגעוואר־פען א ביינדעל דעם פאָלק און מען האָט גענומען ווייטער פאַרציען דעם שטריק ארום דעם האלז פון די ברייטע מאַסען. די רעאַקציע איז אָנגעקומען שנעל, און אַלץ איז צוריק פארטריבען געווארען אין די קעלערן און מען האָט זיך גערארפט נעמען צו דער אמאָליגער אונטערערדישער ארבייט.

א קורצע צייט האָבען פילע פון אונזערע אַלטע טוער נאָך אָנגעפירט זייער עקשנות'דיגען קאַמף געגען צאַריזם, אָבער ניט אַלע האָבען שוין געקענט אויסהאַלטען דעם נסיון און פילע פון זיי האָבען גענומען דעם וואנדער־שטעקען אין זייערע הענט און געקומען קיין אמעריקע. און אזוי טרעפען מיר אויך וולאַדעק'ן אין אָנפאַנג פון יאָהר 1908 דאָ אין דעם „גאָלדענעם לאַנד". ניט קוקענדיג אויף די אַלע וואנדערונגען און נסיעות וואָס דער יונגער וולאַדעק האָט דורכגעמאכט קומט ער קיין אמעריקע מיט די זעלביגע גרייטקייט צו ארבייטען פאר די אידישע מאַסען. ער פירט אָן א לעקטשור־טור פאר דער באוועגונג. ער רעדט, שרייבט, איז טעטיג אויף אַלע גע־ביטען.

יאָהרען לויפען, יאָהרען פליען און וולאַדעק ווערט א פיהרער פון דער ארבייטער באוועגונג, ווערט אן אָנגעזעהענער טוער אין אַלע קהל'שע ענינים — אין ענינים וואָס ריהרען אָן דעם סאַמען עקזיס־טענץ פון אונזערע אידישע ארבייטער מאַסען. אין אַלץ וואָס איז געשאַפען געוואָרען דאָ אין אמעריקע, אין אַלע קאָנסטרוקטיווע אר־בייטען האָט וולאַדעק א האַנט. ער איז אומעטום דאָ. אומעטום הערט מען זיין שטימע. וואו ער נעמט צייט אויף אַלץ ווייס איך ניט, אָבער מען זעהט איהם דאָ און דאָרטען.

וולאַדעק איז געוואָרען אויך אין אמעריקע דער ליבלינג פון די מאַסען, און אזוי ביסלעכווייז האָט זיך אָנגערוקט דער 50־יאָהריגער

יובילעאום פון װאָלאדעק'ן געגען אלע באַגריפען פון אַלטקייט אדער יוגענטקייט.

עס איז שווער פאַר איינעם, װעלכער איז טאָג־טעגליך, קען מען זאָגען, אין באַריהרונג מיט װאָלאדעק'ן און טרעפט זיך מיט איהם אין די אַקטיװיטעטען פון אונזער באַװעגונג, צו געבען אַ גרינדליכע אָפּשאַצונג פון זיין ארבייט, פון זיין פירערשאַפט און דערפאַר באַ־גרעניץ איך זיך נאָר מיט די עטליכע װערטער פון ערינערונגען, װעלכע זיינען אונז אזוי ליב און טייער. ליב און טייער ניט קור־קענדיג אויף דער ביטערער ערפאַהרונג װאָס מיר האָבען דורכגע־מאַכט און די שרעקליכע פּערזענליכע איבערלעבונגען װאָס מיר זיינען דורכגעגאַנגען.

און אין די אלע איבערלעבונגען שפּילט װאָלאדעק אַ באַדייַ־טענדע ראָלע. ער אליין, קען מען זאָגען, איז די פּאַרקערפּערונג פון די איבערלעבונגען און דערפאַר איז װאָלאדעק'ס יובילעאום די שמחה פון די ארבייטער מאַסען, דער יום טוב פון אלע היימישע ארבייטער „בונדיסטען" װאו זיי זאָלען זיך ניט געפינען.

אלס פריינד, אלס מיטארבייטער אין אַ באַדייטענדען טייל פון װאָלאדעק'ס ארבייט, גראַטולירט איך איהם, זיין פאַמיליע און די גאַנצע אידישע ארבייטער משפּחה צו זיין יום טוב.

חייקעל לונסקי (ווילנע)

דער אייזערנער שראַנק

אינם יאָהר 1905, אין דער צייט פון מהומות און רעוואָלו־ציעס, האָט זיך אין ווילנע פּלוצלונג באַוויזען אַ יונגער שעהנער בחור׳ל אין פּענסנע, אַ גוואַלדיגער רעדנער, וואָס האָט מיט זיינע פלאַם־פייערדיגע רעדעס אָנגעצונדען די הערצער און פאַרכשופ׳ט די יוגענד.

מען האָט איהם גערופען „דער יונגער לאַסאַל" אדער „דער אידישער לאַסאַל". אויף די גרעסטע פאַרזאַמלונגען און מיטינגען איז „לאַסאַל" אומעטום געווען דער ראש המדברים. אין דער גרוי־סער צירק־געביידע אויף לוקישקעס און, להבדיל, אין דער כאָר־שול, ווי אויך אפילו אין דער ווילנער גרויסער שול, וואו פון דער בימה האָבען שוין געהאַט גערעדט די גרעסטע גאונים און צדיקים, פלעגט דער „יונגער לאַסאַל" שטורעמען מיט זיינע רעדעס און איינגעמען דעם עולם מיט זיינע פערעלדיגע משלים און בילדער.

צו דערזעלבער צייט האָט ער אָנגעפיהרט מיט זיין פּראָפּאַגאַנדע־ארבייט אויך נאָך מיט זיין שאַרפער פעדער, באַנוצענדיג זיך מיט פאַרשיידענע פסעוודאָנימען, ווי באָניע ברכות, מאַיסעי ווילנער, ב. שוואַרץ, אומבאַקאַנטער, נחמן בענעדיקט און פיל אנדערע. ער האָט אויך רעדאַגירט און ארויסגעגעבען פאַרשידענע בונדישע זאַמעל־העפטען.

בעת דער דאָזיגער טעטיגקייט זיינער אין ווילנע פלעגט „דער אידישער לאַסאַל" זעהר אָפט באַזוכען שטראַשון׳ס ביבליאָטעק. די דאָזיגע ביבליאָטעק איז געווען דאַמאָלסט דער איינציגער קולטור־צענטער פאַר די אַלע גרויסע פערזענליכקייטען און פּאַרטיי־טוער, וואָס האָבען זיך געהאַט דאַמאָלסט קאָנצענטרירט אין ווילנע. ביי די

לאנגע ביבליאָטעק־טישען פלעגט מען קענען דאמאָלסט זעהן אזעלכע גוט־באַקאַנטע נעמען, ווי וולאַדימיר מעדעם, נחמן סירקין, רייך־אבראַמאָוויטש, אסתר פרומקין, מ. ליטוואקאָוו, לייב יפה און צוויי־שען זיי — דעם צוקונפטיגען ב. וולאַדעק און זיינע צוויי ברידער ש. ניגער און דניאל טשארני.

שפּעטער, אינ׳ם יאָהר 1908, איז ב. וולאַדעק אָפּגעפאָהרען קיין אמעריקע. צו ווילנע פלעגען דערגעהן ידיעות, אז ער איז אויך דאָרטען געוואָרען זעהר באַקאַנט און פּאָפּולער אין די אידישע ארבייטער־קרייזען און אז ער איז אפילו געוואָרען א מיטגליד פון דעם ניו־יאָרקער שטאָדט־ראַט. נאָך דער וועלט־מלחמה האָט ווילנע דערהערט, אז ב. וולאַדעק איז אויך נאָך אַן אקטיווער טוער פון די אידיש־אמעריקאנישע הילפס־אָרגאַניזאציעס און באַזונדערס — אין דזשאָינט.

האָט טאַקע אויך ווילנע פון דעם שטאַרק גענאָסען.

אינ׳ם יאָהר 1924 (דעם 16טען יולי) האָט זיך ב. וולאַדעק פלוצים באַוויזען אין ווילנע.

ער האָט אויך באַזוכט דאַמאָלסט די שטראשון־ביבליאָטעק.

דערזעהענדיג פאַר זיך ווידער אַמאָל די פול־געפּאַקטע פּאָליצעס מיט ביכער און ספרים, וואו עס שוועבען ארום די גייסטער פון אַזוי־פיל גאונים און צדיקים פאַר פאַרשידענע צייטען און תקופות — איז ב. וולאַדעק, געדענק איך, געוואָרען זעהר גערירט. עס האָט, קאָנטיג אויפגעפלאַקערט אין איהם דער ניצוץ פון זיינע עלטערען, די גרויסע לומדים, און ער האָט התפעלות׳דיג אריינגעשריבען אין דעם גאָלדענעם באַזוכער־בוך, אַז:

„דאָ פיהלט יעדער איינער, וואָס פאַר א יחוס ס׳איז צו זיין אַ איד".

באַקענענדיג זיך דאַמאָלסט מיט די גרויסע אַנטיקען, וואָס עס פאַרמאָגט די שטראשון־ביבליאָטעק און זעהענדיג, ווי זיי ליגען

אומבאַשיצט פון פייער און רויב*) — האָט זיך ב. וואָלאַדעק אַליין געהאַט אַרויסגערופן צו פאַרשאַפן דער ביבליאָטעק אַן אייזערנעם שראַנק.

ב. וואָלאַדעק האָט זיין צוזאָג ־פּינקטליך מקיים געווען. אין אַ קורצער צייט אַרום האָט די שטראַשון־ביבליאָטעק באַקומען פון איהם פינף הונדערט דאָלער. פאַר דעם דאָזיגען געלט האָט מען דאַמאָלסט איינגעקויפט ניט נאָר אַ גרויסען אייזערנעם שראַנק, נאָר מען האָט אויך נאָך איינגעאָרדענט נייע אַלמערס פאַר די בערג ספרים, וואָס האָבען זיך געהאַט געוואַלגערט אויף דער ערד, מען האָט איינגע־בונדען הונדערטער קאָמפּלעקטען צייטונגען און זשורנאַלען, מען האָט צוגעקויפט פיל נויטיגע ספרים און די ביבליאָטעק האָט אָפּ־געלעבט.

אין דעם אייזערנעם שראַנק ליגען איצטער באַהאַלטען די טייערסטע אַנטיקען, ספרים און כתב־יד'ן און ער הייסט נאָך עד היום „וואָלאַדעק'ס שראַנק".

---

*) אין 19־טען יאָהר האָבען אייניגע באַנדיטען זיך געהאַט אַריינגעריסען אין דער שטראַשון־ביבליאָטעק, אָבער צום גליק איז דאַמאָלסט קיין זאַך ניט פאַרניכטעט געוואָרען.

שרה רייזען

וולאַדעק — דער געדולדיגער מענש

געשריבען לכבוד זיין יובילעי.

דאַכט זיך ווי לאַנג איז דאָס געווען? אָט דאַכט זיך נעכ־טען. דער שטענדיגער בלויער גאָלדענער נעכטען. ווען אַלץ האָט אויסגעקוקט צו זיין מעגליך. די שעהנסטע חלומות — ווירקליכקייט. איבערוואַרפען בריקען איבער ים׳ען, ברענגען גליק פאַר דער וועלט. אַלץ איז מעגליך, אפילו אָפּגעבען דאָס אייגענע יונגע לעבען פאַר גליק פון דער וועלט.

איך געדענק. עס איז געווען ווינטער 1903 חנוכה צייט. איך בין געווען אַ לערערין אין אַ קליין שטעטעלע מיט׳ן נאָמען אוזליאַן — אוזליאַן איז טאַקע געווען פון די גאַר קליינע שטעטעלאַך. איין גרויסע גאַס מיט קליינע הייזער. אָבער דערפאַר איז געווען אַ גרוי־סער רב אין שטעטעל. איך געדענק ווי היינט זיין הויכע פיגור, די שעהנע לאַנגע באָרד. און מ׳האָט וועגען איהם דערצעהלט, אַז ער קען אַ סך לערנען, און אַז אפילו מען רופט איהם אָפט אין דער גובערניע אין מינסק אויף דין תורות. איין גרוים, שעהן, ניי הויז איז יאָ געווען אין שטעטעל. אין דעם שעהנעם הויז האָט געוואוינט ר׳ יואל דודזשידער סווירנאַווסקי, אַ פיינער איד, אַ הדרת פנים — זיין הויז איז געווען אָפען אפילו פאַר דער רעוואָלוציאָנערער יוגענט. אַ דאַנק זיין יונגער קלוגער טאָכטער כיענקע. די כיענקע איז געווען אַ ליבער גוטער פיינער מענש, פאַרמאָגט הומאָר און שאַרפזיניגקייט.

האָט די בעסטע יוגענט פון שטעטעל זיך אַלע מאָל געטראָפען ביי איהר.

אָט לויכטען אויף פאר מיר איהרע שווארצע טיפע אויגען. א קוואל פון לעבען — פון גוטסקייט. מיט טיפען צער האָב איך באדויערט איהר פריהצייטיגען טויט. (געשטאָרבען אין וועלט־קריג אַלס היימלאָזע, אין כארקאָוו, פון פלעק־טיפוס).

איך האָב געהאַלטען פאר מיין חוב צו דערמאָנען כאָטש מיט א פּאָר שטריכען איהר באמת ליכטיגען געשטאַלט. איז אָט איז געווען חנוכה, א יום טוב אין שטעטעל. עס קערט די וועלט. די יוגענד טריאומפירט! א יונגער שרייבער — א גלענצענדער רעדנער, א פועל־ציוניסט, ברוך וואַלדעק, קומט — ער וועט אויפטרעטען אויפ'ן אָוונט. די יונגע מיידלאך האָבען זיך געפּוצט. ברוך וואַלדעק א געבאָרענער פון שטעטעל דוקאָר האָט אין אוזליאַן שוין געהאט א גרויסען שם, און אז מ'האָט נאָך דערזעהן איהם אליין — א הויכען, א שלאַנקען, מיט א ליכטיגען שמייכעל — און מ'האָט נאָך איהם געהערט ריידען — איז געווען יום־טוב און באגייסטערונג. נאָכ'ן אווענט שפּעט אין דער נאכט איז מען מיט לידער געגאַנגען איבער די גאסען, מ'האָט געוואָלט, אז דער אָווענט און דער יום־טוב זאָל זיך גאָרניט ענדיגען. איך געדענק נאָך עד היום דעם מאַרש פון בר כוכבא, וואָס מיר האָבען געזונגען געהענדיג אהיים, און א לאנגע צייט האָט מען גערעדט און דערמאָנט דעם יום־טוב — ריכ־טיגער דעם העלד פון יום־טוב, ב. וואַלדעק'ן, און ניט געוואָלט פאַר־געסען.

און אָט בין איך אין מינסק. וואלדעק וואוינט מיט זיין ברודער שמואל ניגער אין מינסק. זיין ברודער דניאל טשאַרני, דעם דיכטער און שריפטשטעלער, דעם זעהר ליבען הארציגען מענשען — און פיי־נעם דיכטער — געדענק איך ניט פון יענער צייט. איהם האָב איך געטראָפען אין מינסק אין 1918, אין מלחמה־צייט. די צוויי ברידער מענדל און זאַלקינד — האָב איך געטראָפען שוין דא אין אמעריקע. אבער ש. ניגער'ן געדענק איך נאָך פון מינסק. איין איינדרוק איז געבליבען ביי מיר איינגעקריצט אין זכרון. איך בין ביי זיי אויף קווארטיר און ש. ניגער באגלייט מיך ארויס פון זייער וואוינונג. און

אונזער שמועס איז נאָך ניט געענדיגט. מען רעדט וועגען ליטעראַטור. איך ווייס ניט, אויב ש. ניגער האָט שוין דאן געשריבען אדער ניט, אָבער אז ער איז שוין דאן געווען א בקי אין ליטעראַטור — האָב איך געזעהן — הערענדיג זיינע מיינונגען. וואונדערליך — אזוי פיל צייט — און איך געדענק, אַז ער האָט גערעדט וועגען מיין ברודער אברהם רייזען — באַוואונדערט זיינע טיפזיניגע טעמעס און לידער, און הגם אברהם רייזען איז שוין דאַן געווען באַריהמט און באַליבט, האָט מיך זעהר געפרעהט די מיינונג פון ש. ניגער׳ן.

ביי די בערענשטיינ׳ס האָב איך געטראָפען א סך מאָל דעם יונגען וולאדעק׳ן. דאמאָלסט האָט ער שוין געטראָגען דעם נאָמען „לאַסאַל”, טאַקע פאַר זיין אָראַטאָרישען גרויסען טאַלאַנט. שמואל און רחל בערנשטיין — די שריפטשטעלערין יהודית — זיינען געווען פון די פאָרגעשריטענע מענשען. שמואל בערנשטיין האָט זיך געקענט טיילען מיט אַלץ, וואָס ער האָט פאַרמאָגט. זייער הויז איז געווען פאַר אַלעמען אָפען. זייער ברויט — אַלעמענס ברויט. זייער היים — ווער עס האָט באַדאַרפט האָבען א היים האָבען זיי געגעבען. האָט עס געמעגט זיין א בונדיסט און א סאָציאַליסט־רעוואָלוציאָנער, און א פועל־ציוניסט און סתם א מענש, וואָס וואָגעלט און האָט ניט קיין היים — ביי די בערנשטיינ׳ס האָט ער געקענט קומען שפּעט אין דער נאַכט, אָנקלאַפּען און דער גרויסער ברוינער דיוואַן האָט אויף איהם געוואַרט!

ווען מ׳זאָל זיך באַדאַרפען אָפּשטעלען אויף דעם הויז פון די בערנשטיינ׳ס און געניי צו באַשרייבען, וואָלט עס פאַרנעמען צופיל פּלאַץ. אבער ניט דערמאָנען איז שווער! ווייל אזעלכע הייזער זיינען חרוב געוואָרען און זיך ניט אויפגעבויט צוריק. און שמואל בערנ־שטיין, וועלכער איז געשטאָרבען אין 1916, יונג, פון שווינדזוכט איז ווי דערמאָנט מען ניט זיין נאָמען? איז אין דעם גאַסטפריינד־ליכסטען הויז פון די בערנשטיינ׳ס האָב איך געטראָפען ב. וולאדעק׳ן אויך פאַר זיין אָפּפאָרען אין אמעריקע. דאָ אין רוסלאַנד, טראָגענדיג דעם נאָמען לאַסאַל — שוין האָבענדיג געזעסען אין טורמע — איז געווען צו געפעהרליך צו פאַרבלייבען.

וולאדעק איז אָפּגעפאָרען אין אמעריקע. די יוגענט האָט זיך

צושפּרייט איבער אַלע ווינקעלאַך פון דער וועלט. פון װאָלאַדעק׳ן קומען אַן גרוסען. זיין קאַריערע וואַקסט. ב. וואָלאַדעק איז אַן אַרבייטער פירער. אָבער איך אַליין בין שטענדיג געווען ווייט פון פּאָליטיק און סיי ווי וואָלט איך ניט געקענט אָפּשאַצען די גרויסע אַרבייט פון ברוך נחמן וואָלאַדעק — דאָס איז געוואָרען אָפּגעשאַצט און אָפּגעשעצט פון אַנדערע.

מיין קורצער נאָטיץ וויל בלויז נאָר אָנווייזען אויף צוויי וואונדערליכע מעלות פון וואָלאַדעק׳ס פּערזענליכקייט. איך האָב גראָד געהאַט די מעגליכקייט איהם קענען לערנען דאָ אין אַמעריקע. איך האָב געטראָפען ב. וואָלאַדעק׳ן אין זיינע וואָכעדיגע שעה׳ן פון זיין אַמט — אין זיינע יום־טוב׳דיגע אויף אַ פּאָר באַנקעטן — און וואָס איך האָב באַמערקט און באַוואונדערט איז וואָלאַדעק׳ס גרויסע פריינדליכקייט און גערולד.

איך האָב ניט באַמערקט, קיינמאָל ניט באַמערקט, אַז ב. וואָלאַדעק זאָל ווען עס איז ווערען בייז — אומגעדולדיג צו אַ באַזוכער. מעג ער זיין פאַרנומען, מיד, מעג ער זיך איילען — ער וועט צו דעם באַזוכער זיין געדולדיג. גערולד און פריינדליכקייט, צוויי מידות, וואָס מאַכען ניט נאָר גוט אַ מענשען, נאָר אפילו גרויס. און די מעלות פאַרמאָגט ב. וואָלאַדעק.

און איצט צו ברוך וואָלאַדעק׳ס יובילעי וויל איך איהם ווינשען לאַנגע יאָהרען און גרויס זאָלען אויך זיין די אויפטועו, וואָס וועלען קומען ווייטער.

יוסף שלאָסבערג

באַגריסונג פון וולאַדעק׳ס ערשטן רעדאַקטאָר אין אַמעריקע

באַגריסענדיג וולאַדעק׳ן צו זיין פופציגסטען געבורטסטאָג יום טוב דערמאָן איך זיך, אַז איך בין געווען זיין ערשטער רעדאַק־טאָר אין אַמעריקע. דאָס איז געווען אין דעם „ארבייטער״, פון וועלכען דוד פינסקי און איך זיינען געווען די רעדאַקטאָרען. אויך פון נאָך שרייבער, וואָס פאַרנעמען יעצט אָנגעזעהענע פּלעצער אין „פאָרווערטס״ בין איך געווען דער ערשטער רעדאַקטאָר. צווישען זיי זיינען צביון, ליליפּוט און אַנדערע.

פאַר מיר זיינען מיטאַרבייטער געווען קאָלעגען, חברים. אַזוי איז עס געווען אין דעם „ארבייטער״, און אַזוי איז עס אויך געווען אין אַנדערע צייטונגען אונטער מיין רעדאַקציע. קאָנווענ־ציאָנעל ווערט אַ רעדאַקטאָר באַטראַכט ווי אַ רבי, און זיינע מיט־אַרבייטער ווי תלמידים. איך האָב זיך קיינמאָל אַזוי ניט באַטראַכט. אָבער אויב איך בין עס געווען, האָבען מיך מיינע תלמידים ווייט אַריבערגעיאָגט. איך נעם דאָס אָן פאַר אַ גוטען סימן — אַ באַ־ווייז, אַז אי דער רבי איז געווען גוט אי די תלמידים; און די תלמידים מסתמא נאָך בעסער.

מיינע קאָלעגען, די וואָס האָבען אונטער מיין רעדאַקציע אָנגע־הויבען זייערע זשורנאַליסטישע טעטיגקייטען אין אַמעריקע, זיינען אין מאַנכע פּרטים אַוועק אויף אַנדערע וועגען ווי מיינע. מאַנכע פון זיי האָבען אפשר פאַרגעסען אונזערע אַמאָליגע חבר׳שע באַציהונ־גען. איך וועל זיי שטענדיג געדענקען, ווייל איך חלום אימער פון אַ צייט, ווען מענשען וועלען זיך פאַנאַנדערגעהן אין זייערע מיינונגען

און איבערצייגונגען, און אפילו גרינדליך זיך פאנאנדערגעהן, און דאך אנהאלטען מענשליכע, ציוויליזירטע באציהונגען צווישען זיך.

וואלדעק האט גרויסע פעהיגקייטען אין פארשיידענע הינזיכטען. אט די פעהיגקייטען זיינע האבען דעם וועניג באקאנטען יונגען פראנט, ווי וואלדעק איז עס געווען בשעת איך האב איהם געטראפען צום ערשטען מאל, געבראכט צו זיין איצטיגער הויכער שטעלונג אין דער אידישער וועלט און אין דער ארבייטער וועלט. און איינע פון זיינע פעהיגקייטען איז צו האבען מענשליכע באציהונגען צו געגנער.

איך געה זיך אפט פאנאנדער מיט וואלדעק'ן, און אמאל גאנץ שארף, און מאנכעס מאל פארשאפט ער מיר אויך גרויס עגמת נפש. אבער ער באזיצט די מעלה פון אויפהאלטען פריינדליכע באציהונ־גען מיט געגנער. און דאס איז א גרויסע זאך.

אלס זיין ערשטער רעדאקטאר אין אמעריקע קום איך צו וואל־דעק'ן מיט א חבר'שען מזל טוב צו זיין געבורטסטאג יום טוב. עס וועלען זיכער אויך ווייטער זיין חלוקי דעות צווישען אונז, אבער מיר וועלען זיך ווייטער טרעפען אין אונזערע געזעלשאפטליכע אר־בייטען.

באַגריסונג פון פאַריזער „האַיאַס" קאָמיטעט

HIAS-JCA EMIGRATION ASSOCIATION

HICEM

ADR TÉLÉGRAPHIQUE . HICEM
TÉLÉPHONE
LABORDE 82-56 ET 57

PARIS (9e), le December 5th, 1935.
35, RUE DE LA BIENFAISANCE

BM/EH

Mr. B.C. V l a d e c k

c/o "Hias of America"

N e w Y o r k

Dear Sir,

Our Board of Directors, on its last meeting, expressed its best and warmest congratulations on the occasion of your 50th birthday, and we are very much pleased to transmit you the same.

We know how much you succeeded in imposing your authority upon press and with which devotion you are serving Jewish social work in general and assisting Jewish immigrants particularly, your activity bringing precious help to Hias and Hicem.

Expressing you our full gratitude and appreciation of your activity, we beg to remain

Very sincerely yours,

פאריז, דעצעמבער 5, 1935

מר. ב. וולאַדעק   האַיאַס אין אמעריקע, ניו־יאָרק.

ווערטהער פריינד:

אונזער דירעקטאָרען ראַטה, האַט אויף זיין לעצטער זיצונג אויסגעדריקט די בעסטע און וואַרימסטע ווינשונגען צו דער געלעגענהייט פון אייער 50טען געבורטס־טאָג, און מיר זיינען זייער צופרידען אייך דאָס איבערצוגעבען.

מיר ווייסען ווי ווייט אייך איז געלונגען אויסצואיבען אייער איינפלוס אויף דער פרעסע און מיט וואָס פאַר אַ איבערגעבענהייט איהר דינט דער אידישער געזעלשאַפטליכקייט בכלל און אין דער הילף צו די אידישע אימיגראַנטען בפרט. אייער טעטיגקייט ברייננט אונשעצבאַרע הילף דעם „האַיאַס" און „היקעם".

אויסדריקענדיג אייך אונזער טיפסטען דאַנק און אנערקענונג פאַר אייער טעטיגקייט, פאַרבלייבען מיר   איבערגעבענסט אייערע

עדוואַרד אונגער.

לעאָן בראַמסאָן (פּאַריז)

וואַלדעק און די „אָרט״-באַוועגונג

עס איז שוין כמעט 14 יאָהר זינט איך האָב צום ערשטען מאָל זיך באַקענט מיט ברוך וואַלדעק׳ן. איך בין געקומען דעמאָלט, אין אָנהויב פון 1922, אַלס דעלעגאַט פון דעם „אָרט״-פאַרבאַנד זוכען אין אמעריקע פרישע סימפּאַטיעס און נייע פריינט.

מיינע אַלטע באַקאַנטע פון רוסלאַנד, וואָס האָבען מיך באַגעגענט אויפ׳ן שיף, האָבען מיר באַלד געזאָגט, אז ב. וואַלדעק — דאָס איז די ערשטע טיר, וואָס אונזער דעלעגאַציע דאַרף דאָרט אָנקלאַפּען. ער — האָבען זיי ערקלערט — וועט אייך פאַרשטעהן „אויפ׳ן וואונק״, ער וועט אייך שוין אַלצדינג אָנווייזען, ער וועט געוויס באַלד זיין מיט אייך.

די נביאות איז ניט געווען קיין אומבאַגרינדעטע. דער טעות איז נאָר געווען אין דעם טעמפּאָ. פאַרשטאַנען האָט אונז וואַלדעק טאַקע זייער גיך, און מיט דער זעלביגער גיכקייט האָט ער אונז באַזאָרגט מיט אדרעסען, מיט א צעטעל פון פאַסיגע מענשען... נאָר אין איין פּרט איז דער געניטער דעמאָקראַטישער טוער געווען זייער פאָרזיכטיג: — אין דער פראַגע פון ווערען איינער פון אונזערע פּ י ר ע ר. העלפען, געבען עצות ? „יע״. ארויסטרעטען מיט א רעדע אָדער שרייבען אן ארטיקעל ? „געוויס אויך״. ווערען א מיטגליד פון קאָמיטעט ? „דאַרף מען נאָך באַטראַכטען״. נעמען אויף זיך די אָנפירונג פון דער אַקציע ? „ניין, דאָס ניט, גאָר ניטאָ וואָס צו ריידען״. ער וועט זוכען פאַר אונז אַנדערע קאַנדידאַטען.

עס זיינען אָבער פאַרביי 6-7 יאָהר. פאַר דער צייט האָט ב. וואַלדעק גענומען א זייער לעבעדיגען אַנטייל אין דער ארבייט פון „אָרט״, באַזוכט „אָרט״-אינסטיטוציעס בעת זיינע רייזען קיין אייראָפּע, איז געשטאַנען אין אן ענגען קאָנטאַקט מיט די פאַרטרעטער

פון „אָרט", וואָס זיינען געקומען קיין אמעריקע, און האָט ניט אויפ־געהערט זיך צו אינטערעסירען מיט די פּראָבלעמען פון „אָרט".

ניט איין מאָל איז איהם אויסגעקומען אין זיינע עפענטליכע ארויסטרעטונגען אנטוויקלען דעם געדאנק פון קאָנסטרוקטיווער הילף, פון פּראָדוקטיווער ארבייט, פון איבערבויען דאָס אידישע ווירט־שאַפטליכע לעבען אויף נייע יסודות. און — וואָס מעהר ער איז ארייגעצויגען געוואָרען אין די אלע פראגען, אלץ מעהר איז פאר איהם קלאָר געוואָרען, אז פאר די אידישע ארבייטערשאפט מוז גע־שאַפען ווערען א באַזונדער קאַנאַל, דורך וועלכען ס'זאָל קענען צו־פליסען דער צושטייער, וואָס די אמעריקאנער ארבייטער־קרייזען וועּ־לען געבען פאר זייערע אייראָפּעאישע ברידער. אָבער א נייע הילפס־אַקציע דארף געבויט ווערען אויף נייע יסודות — ניט זאַמלען געלט פאר „שטיצע", נאָר שאַפען געצייג פאר פּראָדוקטיווער ארבייט. אין 1928 ווערט וולאַדעק דער הויפּט־פירער פון פּיפּעלס־געצייג־קאמפּיין לטובת דעם „אָרט". אין 1932 גיסט זיך די אָרגאַניזאַציע פון געצייג־קאמפּיין צונויף מיט דעם אמעריקאנער „אָרט", — און דער פּאָרזיצער פון דער פאראייניגטער „פּיפּעלס־אָרט־פעדעראַציע" ווערט ברוך וולאַדעק.

10 יאָהר האָט געדויערט, ביז ער האָט זיך אנטשלאָסען איבער־נעמען דעם פאראנטוואָרטליכען פּאָסטען, אָבער ער האָט דאָס שוין איצט געטאָן מיט'ן פולען באַוואוסטזיין.

א דאנק ב. וולאַדעק'ן און א ריי אנדערע ארבייטער־פירער און פארשידענע געזעלשאפטליכע כחות, וואָס וולאַדעק האָט אריינגע־צויגען אין דער ארבייט, האָט זיך אַנטוויקעלט אַן אויסגעצייכענט אָרגאַניזירטע פּאָלקס־באַוועגונג. עס זיינען אָפּגעהאַלטען געוואָרען א ריי גרויסע קאָנפערענצען וועגען ווידעראויפבוי, געצייג, א. א. וו., וואָס האָבען געוועקט דעם אינטערעס פון דער ברייטער אידישער געזעלשאפטליכקייט.

קיין וואונדער ניט, אז די באַמיאונגען פון דער באַגייסטערטער פריוויליגער ארמיי — אונטער ב. וולאַדעק'ס אָנפירונג — האָבען געבראַכט באַדייטענדיגע מאַטעריעלע רעזולטאַטען. טויזענדער אידי־שע דעקלאַסירטע פאַמיליעס זיינען פאַרזאָרגט געוואָרען אין רוסלאַנד און פּוילען מיט מאָדערנע געצייג, האָבען באַקומען די מעגליכקייט

זיך פארנעמען מיט א נייעם סאָרט מלאכה און... געקענט „מאַכען א לעבען".

ניט געקוקט דערויף, וואָס וולאַדעק געהערט צו די פאַרנומענסטע מענשען אין אמעריקע, וואָס ביי איהם זיינען די מינוטען באמת געצעהלטע, האָט ער פאַר אָט דער אויפגאַבע תמיד געפונען צייט.

א זייער וויכטיגער שטאַנדפונקט, וועלכען ב. וולאַדעק האָט געזוכט שטענדיג צו פאַרטיידיגען אין זיינע „פאָרווערטס"־רעדעס, איז גע־ווען דער געדאַנק וועגען דעם חוב, וואָס די אידישע ארבייטערשאַפט און ברייטע דעמאָקראַטישע שיכטען אין אמעריקע האָבען צו דערפי־לען לגבי זייער אַלטער היים אין מזרח־איראָפּא.

אן אנדער ליבלינג־געדאַנק פון ב. וולאַדעק וועגען דער „פאָרווערטס"־באוועגונג איז — ווי צו שאַפען די באַזע, אויף וועלכע די „פאָרווערטס"־באוועגונג דאַרף זיך שטיצען אין אמעריקע? לויט זיין מיינונג דאַרף די „פאָרווערטס"־ארבייט געטאָן ווערען געמיינזאַם סיי פון די פאַר־טרעטער פון ארבייטער־אָרגאַניזאַציעס, סיי פון די לאַנדסמאַנשאַפטען, סיי פון דעם אזוי גערופענעם מיטעל־קלאַס. זיי קענען זיך גראָד ביי דער טעטיגקייט פאַראייניגען. ס'איז געוואונשען, — האָב איך אָפּט געהערט פון איהם, — זיי זאָלען זיך געוואוינען שטעהן ביי דער ארבייט איינער צוזאַמען מיט דעם אַנדערן, זיך דערנענטערען און בכלל זוכען העלפען איינער דעם אנדערען אין זייערע פּראָבלע־מען.

ב. וולאַדעק געהערט צו די אמעריקאַנישע פּאָליטישע און געזעל־שאַפטליכע טוערס, וואָס זייער וועלט־אנשויאונג און מעטאָדען פון סאָציאַלער ארבייט שטעהן ניט אויף איין אָרט, ווערען ניט פאַרגלי־ווערט אויף אייביג... דאָס העלפט איהם זעהר אין דער פּראַקטישער ארבייט ביים זאַמלען געלט־מיטלען, ביים אָרגאַניזירען פאַרזאַמלונגען, אין זיינע פּראָפּאַגאַנדע־רייזען, ביים צוציהען נייע מענשען א. א. וו.

ער האָט די מעגליכקייט אויסצונוצען זיין גרויסע השפעה אויף דער ארבייט פון „פאָרווערטס"־פאַרבאַנד. א דאַנק זיין טאַקטישער באַצי־אונג האָט זיך פוןביידע זייטען ים געשאַפען אַן אַטמאָספערע פון געגענזייטיגען צוטרוי, וואָס גאַראַנטירט דעם „פאָרווערטס" די ווייטערדיגע פרייע אנטוויקלונג און אומגעשטערטע זעלבסטבאַשטימונג.

ב. באָטווינניק

וואָלאַדעק דער ישיבה בחור און דער רעוואָלו-ציאָנער אין מינסק

צום פופציג יאָהריגען יובילעאום פון גענאָסע ב. וולאַדעק ווייל איך זאָגען, אַז איך, ווי יעדער איינער וואָס קען איהם פון די אינגסטע יאָהרען אָן, פיהלט זיך שטאָלץ מיט דעם וואָס פון איהם האָט זיך ענטוויקעלט אלס מענש, אלס גענאָסע, און אלס קאָלעגע. כאָטש איך האָב פיינט דעם שטענדיגען באַנקעט־וואָרט „אַ כבוד״, מוז איך דאָך זאָגען, אַז עס איז אַ כבוד פאַר די אָרגאַניזאַציעס און פאַר די שיכטען און קלאַסען פון דעם אידישען לעבען, וועלכע ווערען רעפּרעזענטירט דורך איהם.

געווען אַמאָל אַ צייט ווען אין דער נאָר וואָס אָפּגעברענטער „טאָטערשער שול״ אין מינסק האָט זיך ווידער פאָרמירט די ישיבה אונטער דער פירערשאַפט פון רב לייב און רב שלמה — די צוויי ראשי הישיבה. דאַן האָט מיין מאַמע מיך געבראַכט פון דער שטעדטעלע ראַקאָוו קיין מינסק וואו איך בין אָנגעקומען לערנען אין דער ישיבה פון דער דאָזיגער „טאָטערשער שול״. אין יענעם זעלבען אָנהויב זמן האָט נאָך אַ מאַמע פון דער שטעדטעלע דוקאָר געבראַכט איהרען אַ זון קיין מינסק און איהם אויך איינגעגעבען לערנען אין דער זעלבער ישיבה. יענער מאַמע׳ס אינגעל האָט גע־הייסען ברוך, וועלכער האָט זיך גערופען צווישען די פאַר הונדערט קלויזניקעס, „דער דוקאָרער״, און איך האָב געהייסען בערל, וועל־כען מען האָט גערופען „דער ראַקאָווער״. דאָס איז געווען מיין ערשטע באַקאַנטשאַפט מיט אונזער איצטיגען גענאָסע ב. וולאַדעק.

האָבען מיר ביידע צוזאַמען מיט נאָך קלויזניקעס געלערנט גמרא, „געגעסען טעג״ ביי די שול בעלי בתים, געלעבט אַ דריי פיר

יאָהר א קלויזניק'ס לעבען; מיר האָבען זיך צושיידט, און ווי אלע יענע חברים פון דער פריהסטער יוגענד איז יעדערער פון אונז אוועק אין זיינע באזונדערע וועגען פון לעבען.

ווי דער שטייגער, געדענקט מען ניט גענוי יעדען איין חבר פון א שולע. „דעם דוקאָרער" האָב איך יע זייער גוט געדענקט, ווען איך האָב שוין מיט דער ישיבה גאָר ניט געהאט צו טאָן, און ווען איך בין שוין זאָגאר געווען א געגנער פון ישיבות און פון אלעם וואָס האָט געהאט צו טאָן מיט דעם אלטען אידישען לעבען. איך בין געוואָרען, ווי עס איז דאַן געווען די מאָדע ביי אויפגעקלערטע קלויז־ניקעס, אַן אפיקורס. דאַן בין איך געוואָרען אַן ארבייטער און א פארקאָכטער בונדיסט. „דעם דוקאָרער" האָב איך אָבער שטענדיג גוט געדענקט, ווייל ער איז געווען זייער א גערעטענער אינגעל, א גוטער קאָפּ, „אַן אוטסטענדינג סטודענט" אין דער ישיבה.

איין מאָל, אַן אווענט, אויף דער מינסקער גובערנאטאָרסקער גאַס, וואָס איז געווען די „בירזשע" פון דער אידעאליסטישער יוגענד, האָב איך דערזעהן „דעם דוקאָרער" אויף דעם ציוניסטישען טראָ־טואַר. די צוויי זייטען פון דער גאַס איז געווען צוטיילט אויף צוויי „בירזשעס". אויף איין זייט איז געווען די „בירזשע" פון דעם „בונד", „איסקרא", סאָציאליסטען־רעוואָלוציאָנערען, און אויף דער צווייטער זייט איז געווען די „בירזשע" פון די פועלי־ציון, „עסע־סאָפּצעס" און אנדערע נאַציאָנאַליסטישע אידישע ראַדיקאלען.

ס'איז געווען א פּרעכטיגער ווינטערדיגער אווענט. די צוויי „בירזשעס" האָבען געזשומעט איינע אַנטקעגען די אנדערע מיט רעוואָלוציע און אידישער גאולה. איך בין געווען זייער פאַרהאַוועט מיט מיינע בונדיסטען, אומגעגאַנגען הין און צוריק און געשמועסט און געקאָכט זיך וועגען פּטור ווערען פון דעם צאַר, און איך האָב ניט ארונטערגענומען מיינע אויגען פון דעם „דוקאָרער", וועלכער האָט דאָרטען אויף יענער „בירזשע" זייער שטאַרק געהאַוועט וועגען אויסלייזען דאָס אידישע פאָלק און דאַן ערשט מאַכען פאַר זיי א סאָציאליסטישע אָרדענונג אין א אידישער לאַנד.

„דער דוקאָרער" איז דאַן געווען א הויך־געוויקסיגער דאַרער בחור'ל; איך געדענק גענוי, אז ער האָט דאַן געטראָגען א הויכליכבע ליכטיגע באַראַשקענע קוטשמע, א שאַלעק אויפ'ן האלז — פאַר־

וואָרפֿען איין ברעג פֿון פּאָרנט און א צוווייטען אויף דער פּלייצע. איך בין צו איהם ניט צוגעגאנגען. ער איז ניט געווען קיין בונדיסט, און איך האָב ניט געקענט „פּאַראַטען" מיין פּארטיי אריבערצוגעהן אהינצו אויף דער „פיינדליכער בירזשע". אָבער זיין ערשיינען אויף דער „בירזשע" פֿון דער ראדיקאלער נאַציאָנאַליסטישער יוגענד, האָט מיר זייער דערפרעהט. איך האָב ליב געהאט „דעם דוקאָרער"; איך האָב פארעהרט זיין גוטען קאָפּ, און עס האָט מיר הנאה געטאָן וואָס ער איז כאָטש דאָ ביי די נאַציאָנאַליסטען, וואָס ער איז ניט פארבליבען „א טאָג עסער".

איך האָב זיך גענומען נאָכפרעגען ביי איינינע באקאנטע, וועלכע האָבען אויך געקענט ברוך טשארני, ווי „דער דוקאָרער" האָט שוין דאן געהייסען, וואָס ער טוט איצט. מען האָט מיר געזאָגט, אז ער לערענט זיך; ער געהט אויף קורסען. האָט עס מיר ווידער הנאה געטאָן.

אין איינינע מאָנאַטען ארום, דאָס איז געווען אין אָקטאָבער, בין איך ארויס פֿון דער מינסקער טורמע נאָך אָפּזיצען א האַלב יאָהר פאר באַלאַנגען צום בונד. אין דער זעלבער וואָך וואָס איך בין ארויס פֿון דער טורמע, איז ברוך טשארני אריינגעזעצט געוואָרען אין דער זעלבער טורמע. מען האָט איהם ארעסטירט אלס רעוואָלוציאָנערען אידישען נאַציאָנאַליסט, אלס פּועל־ציון, און ווען ער איז ארויס פֿון דער טורמע, איז ער שוין געווען א פולשטענדיגער בונדיסט. אין א קורצע צייט ארום בין איך ווידער געווען זייער א נאָהענטער חבר מיט „דעם דוקאָרער". איך בין געקומען צו א בונדיסטישער „סכאָדקע" און איך האָב זיך דאָרטען געטראָפען מיט ברוך טשארני, וועלכער איז פאָרגעשטעלט געווארען אלס א נייע וויכטיגע קראפט אין אונזער באוועגונג.

עס איז מיר פארשפּאָרט צו דערצעהלען וועגען וולאַדעק'ן אלס בונדיסטישער טוער און מארטירער. אלע ווייסען זיין באדייטענדע ארבייט אין אלע ראַיאָנען פֿון דעם בונד'ס טהעטיגקייט. איך וויל נאָר דערמאָנען איין מאָמענט פֿון ברוך טשארני'ס מארטירערשאפט און וואָס איך האָב אין יענעם מאָמענט געפיהלט. ס'איז געווען אין מינסק א טאָג פֿון דעמאָנסטראציעס, און וולאַדעק איז געשיקט

געוואָרען פון בונד צו ריידען פאר ארבייטער ערגעץ ארום די „קאָזשעוונעס״ (גארבארניעס). מען האָט איהם פון דאָרטען גע־בראַכט א צושניטענעם, א צובלוטיגטען. ביי אַלעמען האָט עס גע־הייסען, נאַטירליך, קאַמף, רעוואָלוציע. איך האָב אָבער געקענט טשאַרני׳ן אלס ברודער, אלס איידעלער, געצערטעלטער יתום ביי זיין מאַמען. איך האָב דאַן פארגעסען די טרייסט־ווערטער קאַמף און רעוואָלוציע. איך בין ארומגעגאַנגען א פּאָר טעג זעהר א פאר־טרויערטער.

ווידער זיינען געפלאָסען די טעג, וואָכען, מאָנאַטען און יאָהרען און איך האָב זיך געטראָפען מיט „דעם דוקאָרער״, גענאָסע ברוך טשארני־וולאדעק, אין אמעריקע. ער איז געקומען אין אמעריקע מיט א פּאָר יאָהר שפּעטער פון מיר. די פּאָר יאָהר איידער ער איז געקומען קיין אמעריקע, האָב איך געהאַט גערוסען וועגען איהם סיי פון זיין ארבייט אין דער בונדיסטישער באַוועגונג אין רוסלאנד, און סיי פון זיין באַטייליגען זיך מיט ליטעראַרישע ארבייט אין פארשידענע זשורנאַלען.

דאַן, ווען וולאדעק איז שוין געווען אין אמעריקע, האָב איך אָנגעהויבען „קוואָקטשען״ אויף ליטעראַטור. איך האָב וולאדעק׳ן געגעבען איבערלייענען איינע פון מיינע זאַכען וואָס איך האָב דאַן געהאַט אָנגעשריבען, און נאָך ניט געדרוקט. אין די ליטעראַרישע ספערען בין איך געווען אומבאַקאַנט.

נאָכדעם ווי ער האָט איבערגעלייענט מיין „זאַכעלע״, האָט ער מיר צוגעשריבען אויף א קאַרטעל פאָלגענדע ווערטער: „בערל, ס׳איז אַ רוח אין זייער טאַטען אריין. די זאַך איז דאָך זעהר גוט״.

ער האָט די „זאַכעלע״ מיינע איבערגעגעבען גענאָסע א. ש. זאַקס, וועלכער איז דאַן געווען דער רעדאַקטאָר פון דער סאָציאַ־ליסטישער וואָכענשריפט „די אידישע ארבייטער וועלט״, וועלכע איז ערשינען אין שיקאַגאָ, וואו דאָס איז אָפּגעדרוקט געוואָרען.

איז, הייסט ער, אַז איינער פון די וועלכע האָבען מיך אַנטדעקט אלס שרייבער, און טאַקע אלס גאָר דער ערשטער וואָס האָט מיר צוגעפירט צו דער שרייבער חלאת, וואָס רופט זיך דרוק, איז געווען

„דער דוקאָרער", מיט וועמען איך האָב געגעסען „טעג" ביי די בעלי בתים פון טאָטערשער שול.

ווידער האָב איך זיך געטראָפען מיט ברוך טשארני־וולאדעק ביי איין ארבייט, ביי איין און די זעלבע אָרגאַניזאציע, ביים „פאָר־ווערטס". פון דאן אָן האָבען מיר זיך שוין ניט געשיידט.

צו זיין פופציג יאָהריגען יובילעאום וועלען זיכער פילע געגאָ־סען, שרייבער און דיכטער געבען אן אָפשאצונג פון וולאדעק'ס גרויסען פארנעם אין אידישען לעבען, אין סאָציאליסטישען לעבען און אין דעם אמעריקאנישען לעבען אין אלגעמיין. עס וועלען זיכער זיין אָפּהאנדלונגען וועגען די פיל זייטיגע פיהיגקייטען פון אונזער יובילאר, דעם ליבען און טאלאנטפולען וולאדעק. איך וויל דאָ פאר־ענדיגען מיין ערינערונגס־ארטיקעל וועגען וולאדעק'ן מיט פאָלגענדע ווערטער: מיר ארבייטען צוזאמען; מיר זעהען זיך אלע טאָג; מיר זיינען ביידע צוזאמען אויפגעוואקסען ווי חברים, ווי גאָר נאָהענטע פון אינגעלוויים אויף, און אונזערע באציהונגען זיינען עד היום יום־טוב'דיג. מיר זיינען זייער אינטימע חברים און צו דער זעלבער צייט, ווען מיר דערזעהען זיך — אָפטמאָל צעהן מאָל א טאָג — איז ער פאר מיר נאָך אלץ צו יעדען מאָל זעהן זיך א יום טוב. דאָס איז דערפאר וואָס זיין נשמה, זיין גאנצע פערזענליכקייט, איז אזא וויר־דיגע דאָס ווען איך באגעגען זיך מיט איהם, מוז פארשווינדען דער טעגליכער אָנדערוואָכען. זיין יובילעאום איז א יום טוב פאר דער אידישער ארבייטער באוועגונג, און זיין פערזענליכקייט איז א שטענ־דיגער יום טוב פאר די מענשען וואָס קומען מיט איהם אין נאָהענטער בארירונג.

הערץ גילישענסקי

אונזער ברכה — אונזער וולאַדעקין

(א באַגריסונג פון דער סאָציאַליסטישער און ארבעטער באַוועגונג אין רומעניען.)

אין נאָמען פון דעם אַלגעמיינעם אידישען ארבייטער „בונד", אין נאָמען פון דעם אידישען ארבייטער בילדונגס־פאַרבאַנד „מאָרגנ־רויט" — אין רומעניע און אויך אין מיין אייגענעם נאָמען שיק איך פון דעם ווייטען מעקסיקא אונזער טייערען חבר און פריינט ב. וולאַדעק צו זיין פופציג יאָהריגען יובילעאום אונזערע הארציגסטע ברכות.

איך בין פאַרליבט אין וולאַדעק'ן, און ווי יעדען שטארק פאַר־ליבטען איז שווער צו ריידען וועגען זיין ליבע. ער וויל ניט פאַר־שוועכען זיינע נשמה געפיהלען אין פשוט'ע בשר ודם ווערטער.

דאָך ווי פארשוויגט מען אזא וויכטיגען דאטום, ווי א פופציג יאָהריגען יובילעאום!

וולאַדעק איז פאַר מיר, פאַר אונז רומענישע אידישע סאָציאַ־ליסטען א קאַפּיטעל געשיכטע פון אונזער ארבייטער באַוועגונג.

אויב דאָס אָרימע רומעניע פאַרמאָגט היינט איינע פון די שעהנסטע אין דער אידישער וועלט קולטור־פּאַלאַסטען איז דאָס אין גאַנץ גרויסע פּראָצענטען צו פאַרדאַנקען אונזער בעל־היובל. איך מיין דאָס ארבייטער קולטור־הויז „מארגנרויט" אין טשערנאָוויץ.

מען זאָגט בנשימה אחת קולטור־הויז „מאָרגנרויט". מע דאַרף זעהן מיט אייגענע אויגען דעם דאָזיגען גראַנדיעזען קולטור־טעמפּעל. צוואַנציג גרויסע, ליכטיגע שול־קלאַסען, דריי גרויסע ווערקשטאַטען, א גרויסע אידישע ביבליאָטעק און לעזע־זאַל „וולאַדימיר מעדעם", אַן אַרבעטער קלוב און פאָלקס־אוניווערסיטעט „דר. יעקב פּיסטינער", אַ היים פאַר „יוגנא בונד" און אַזוי ווייטער. אחרון, אחרון חביב — א מאָדערנער אידישער טעאַטער, וואָס פאַרמאָגט העכער צוועלף הונ־דערט זיץ־פּלעצער. געסט פון דער גאַרער וועלט באַוואונדערען דעם דאָזיגען קולטור־בנין. דאָס אינגאַנצען איז געשאַפען געוואָרען אין משך פון צעהן יאָהר אין א גאַנץ גרויסער מאָס א דאַנק וולאַדעק'ן.

מיט וואָלדעק'ן האָבען אַ סך מיטגעאַרבייט, מיטגעהאָלפען, אָהן וואָלדעק'ן וואָלט דאָס געוויס ניט צושטאַנד געקומען.

ביים רודער איז געשטאַנען אונזער טייערער, געטרייער קאַפּיטאַן ב. וואָלדעק. אין אַ שטורם, אין אַן עת צרה האָב איך געוואוסט, אַז איך האָב אַ זיכערן מקום מקלט, דאָס איז ביי וואָלדעק'ן אין אָפיס, וואו עס האָט זיך שטענדיג געפונען אַ האַרץ, וואָס האָט אונז מיטגעפיהלט, אַ קלאָרען מח, וואָס האָט געטראַכט פאַר אונז און אַ ליבען ספּעציפישען וואָלדעק שמייכעל, וואָס האָט געוואָרימט און געטרייסט.

צוועלף יאָהר זיינען אוועק אין דער אייביגקייט זייט די רומענישע אידישע ארבייטער באַוועגונג לעבט אין זכות פון אמעריקע. אין דער צייט בין איך געווען דאָ פינף מאָל און דר. קיסמאַן צוויי מאָל. דאָס לעצטע מאָל אין 1935, ווי דאָס ערשטע מאָל אין 1923טען יאָהר געפונען די זעלבע פאָטערליכע שטיצע ביי וואָלדעק'ן. באמת אַ ים פון שעהנע אָנגעזאַמעלטע זכרונות וועגען אונזער ארבייט אונטער דער השגחה פון אונזער טייערען בעל־היובל, איינציגע עפּיזאָדען, וואָס קלינגען פשוט לעגענדאַריש. דערוויי̇ל איז דאָס תורה שבעל פּה. איך פאַרזיכער אונזער וואָלדעק, אַז צו זיין פינף־און־זיבעציגסטען יובל וועלען מיר דאָס אַרויסגעבען אין אַ ספּעציעלען בוך וועגען דער געשיכטע פון דער אידישער ארבייטער באַוועגונג אין רומעניע. און ווייל וואָלדעק איז אַ גרויסער העומד בדיבורו, מוז ער אונז צוזאָגען, אַז ער וועט מיט אונז צוזאַמען פּראַווען זיין פינף־און־זיבעציגסטען געבורטס־טאָג.

געזאָגט, אַז וואָלדעק איז העומד בדיבורו. איך ווייס ניט, ווי ווער, אָבער איך שעץ זעהר הויך אַ מענשען, וועמענס וואָרט, אַן הבטחה איז ביי איהם אַ הייליגטום. וואָלדעק'ס פּינקטליכקייט מעג גענומען ווערען פאַר אַ שעהנעם מוסטער.

איך וואָלט באַגאַנגען אַן עולה ווען איך זאָל אויך ניט באַגריסען וואָלדעק'ן אין נאָמען פון אונזערע הונדערטער און הונדערטער קינדערלאַך און יונגוואַרג, וואָס האָבען געפונען אַ שול און היים אין די ווענט פון אונזער קולטור־הויז „מאָרגנרויט”.

אין קאַלטען, פראָסטיגען רומעניע מיינט דאָס מעהר ווי אַ סך!

געזונט און אריכת ימים אונזער בעל־היובל! זאָל ער דערלעבען נחת אין אונזער בשותפות'דיגער סאָציאַליסטישער ארבייט!

אַ באַגריסונג פון בונדישען קלאָב
אין ניו יאָרק

אונזערע הארציגע באַגריסונגען צום 50־יאָהריגען יובי־לעאום פון חבר וולאדעק.

מיר זיינען צופרידען און שטאָלץ, וואָס חבר וולאדעק איז צו זיינע 50 יאָהר פונקט אזא געטרייער און איבערגעגעבענער בונדיסט ווי ער איז געווען צו 20 און 25 יאָהר.

צעהנדליגער יאָהרען זיינען אוועק זינט חבר וולאדעק האָט זיך אין גֶעוועזענעם צארישען רוסלאַנד אקטיוו באטייליגט אין דער טעטיגקייט פון „בונד", זינט עס איז געלעגט געוואָרען דער פונדאַמענט פון זיין גאַנצער סאָציאַליסטישער און געזעלשאַפטליכער וועלט־אַנשויאונג.

פון דאַמאָלסט ביז איצט האָט זיך פילעס געענדערט.

א פערטעל יאָהרהונדערט איז וולאדעק שוין טעטיג אין סאָציאַליסטישען און ארבייטער לעבען פון אמעריקע. איהם קומט אויס צו לעבען און ווירקען ביי גאַנץ אנדערע אומשטענדען און באַדינגונגען ווי אין פריהערדיגען צארישען רוסלאַנד. די טאַקטיק און פאָרמע פון סאָציאַליסטישען קאַמף איז דאָ, אין אַמעריקע, אַן אַנדערע ווי אין „בונד". און פילע פּאָליטישע און סאָציאַליסטישע פראַגען פון באַלדיגען און אקטועלען כאַראַקטער זיינען די מיינונגען פון וולאדעק'ן און די בונדיסטען גאַנץ אָפט ניט דיזעלבע.

אבער וולאדעק איז דאָך געבליבען דער זעלבער געטרייער און איבערגעגעבענער פריינד פון „בונד", דער זעלבער בונדיסט, ווי אַמאָל. זיין „יוגענד־ליבע צום „בונד" איז ניט אויסגעלאָשען געוואָרען און האָט זיך גאָר ניט פארקלענערט. די צייט פון א פערטעל־יאָהרהונדערט האָט אויף אָט דער ליבע און געטריישאַפט קיין שום ווירקונג ניט געהאַט, איהר ניט אָפּגעשוואַכט.

צו טיף זיינען די וואָרצלען, וואָס דער „בונד" האָט איבערגע־לאָזט אין דער זעהר פיהלבארער רעוואָלוציאָנערער און פּאָעטישער נשמה פון אונזער יובילאַר, אַז די צייט, ווי לאַנג זי זאָל ניט זיין, זאָל זיי אויסטריקענען. די זאַפטען פון זיין ווארעם הארץ האלטען די וואָרצלען איין אָפּפרישען.

חבר וולאדעק, זייענדיג אָפּגעטיילט מיט טויזענדער מיילען פון „בונד" אין פּוילען, איז נשמה'דיג און גייסטיג דאָך צו איהם גאָר נאָהענט, איז איינער פון איהם, זיינס א געטריי קינד. די זעלבע גע־פיהלען פיהלען אויך די בונדיסטען צו זייער וולאדעק'ן.

מיר, די בונדיסטען אין ניו יאָרק און איבער'ן גאנצען לאנד, ווינשען אונזער יובילאַר, אונזער חבר וולאדעק'ן, נאָך לאנגע יאָהרען פון פרוכטבארער טעטיגקייט פאר דער ארבייטער באוועגונג אין אמעריקע, פאר'ן „בונד" אין פּוילען, פאר'ן סאָציאליזם אין דער גאנצער וועלט.

בונד־שער קלאָב אין ניו יאָרק

דוד מייער

פּאָרזיצענדער.

י. האָרן (פוילען)

„דער יונגער לאַסאַל״ דעבאַטירט מיט א מגיד אין מעזריטשער בית-מדרש

מעזריטש אַלס שטאָט צעהלט שוין היבשע הונדערטער יאָהר. שוין צעהנדלינגער יאָהרען לעבט אין מעזריטש אַן אָרגאַניזירטע אידישע ארבייטערשאפט, וואָס קעמפט אונטער דער פאָהן פון „בונד״. די גרעסטע פיהרער פון דער אידישער סאָציאַליסטישער באַוועגונג זיי־נען אראָפּגעקומען צו די היגע בערשטער ארבייטער. איינער פון די אומפארגעסליכע איז „דער יונגער לאַסאַל״, ווי עס האָט זיך דאַן גערופען דער היינטיגער חבר וולאַדעק.

* * *

געוועזען איז עס אין יאָהר 1905. די רעוואָלוציאָנערע כוואַליעס האָבען געשלאָגען אַלץ שטאַרקער איבער׳ן צארישען רוסלאנד. די ארבייטער פון שטאָדט און שטעדטעל זיינען שטארק געוואָרען — די מעזריטשער בערשטער ארבייטער האָבען מיט זייער כח פשוט געמאכט ציטערען די פאַבריקאַנטען. זיי האָבען דעם אכט־שעה׳דיגען ארבייטס־טאָג לאַנג שוין געהאט אויסגעקעמפט און ניט איינמאָל האָט מען אויף זייער רוף די געוועלבען אין דער גאַנצער שטאָט צוגע־מאַכט.

מיט אמאָל, עס פארשפרייט זיך א קלאַנג אין שטאָדט: ס׳קומט א רעדנער. געוועזען איז דאַן הערבסט, איז די בשורה נאָך פריידיגער אויפגענומען געוואָרען.

„אַלע חברים מוזען זיין אין גרויסען בית־המדרש״, איז געפאַלען אַ באַשלוס פון דער אָרגאַניזאציע. ווי דער חבר הייסט האָט צוליב קאָנספיראַציע קיינער ניט געוואגט צו פרעגען, נאָר אז ער ווערט

געשיקט קיין מעזריטש, איז ער זיכער אַ גוטער רעדנער, האָט יעדער ביי זיך געטראַכט.

אין אָוונט זיינען די אַרבייטער פון דער „בירזשע" גלייך אַוועק אין גרויסען בית־המדרש אריין. דער בית־המדרש איז אָנגעפּאַקט געוואָרען מיט אידען. אַ פּאָרע האָט געשלאָגען פון טיר ארויס אַזוי, אַז די לאָמפּען האָבען אַזש פון היץ ניט געקאָנט ברענען. דאָך איז מען געשטאַנען ווי צוגעשמידט. ביים ארון קודש איז געשטאַנען אַ איד מיט אַ שוואַרצער באָרד, לאַנגע האָר, וואָס האָט גערעדט „מאָדערן" פילאָזאָפיש, סטראַשענדיג דערביי דעם עולם.

„וואָס זאָל עס באַדייטען ?" פרעגט איין אַרבייטער דעם צווייטען אין דער שטיל". „ער פּרעדיגט דאָך פרומקייט. ער ווייסט דאָך, אַז עס דאַרף רעדען אַ בונדיסט. און אפשר האָט ער גאָר מורא פאַר פּאָליציי, דעריבער מוז ער אַזוי רעדען ? און דערווייל האָט ער זיך צו־זונגען מיט אַ שטאַרקען מגידישען ניגון וועגען יעקב אבינו, אַלס דעם סימבאָל פון'ם אידישען פאָלק, פאַררופענדיג זיך אויף אַ מדרש: „יעקב אבינו לא מת".

פּלוצים דערהערט זיך אַ שטים פון'ם בעלעמער אַראָפּ: — „ניין, ר' מגיד, יעקב אבינו איז געשטאָרבען !" דער עולם ווערט ווי עלעקטריזירט פון דער ערשטער פראַזע און באַלד האָט זיך באַוויזען אַ יונג, ערנסט פּנים, וואָס רעדט און אַפּאָנירט דעם מגיד.

דער מגיד איז געווען דער באַרימטע שמחה כהנע פון טיף־רוסלאַנד, וואָס האָט גע'שם'ט מיט זיין „שעהן רעדען". ער איז אָבער געבליבען „געפּלעפּט" פון דעם „יונגען לאַסאַל'ס" ערשטע ווערטער. פון לאַסאַל'ס מויל זיינען געפאַלען ווערטער, וואָס האָבען איהם כהנע'ן געשטאָכען ווי שפּיזען, און דעם עולם האָבען זיי אָנגעצונ־דען, באַגייסטערט. ער האָט געהאַלטען אַ פלאַמיגע רעדע פאַר'ן סאָציאַליזם, וואָס די אַרבייטער האָבען פּשוט געשלונגען. די פרומע אידען האָבען דאָס ניט געקאָנט פאַרטראָגען און געוואָלט ארויסרופען אַ פּאַניק.

— פּאָליציי געהט ! — האָט זיך דערהערט אַ געשריי פון עולם. און מען האָט זיך גענומען שטויסען ביי די טירען און שפּרינגען פון די פענסטער. די בונדיסטען האָבען אָבער באַלד אומעטום פאַר־

היט און געהייסען אונטערוואַרטען מיט'ן אהיים געהן, ביז לאַסאַל דער צווייטער וועט אָפּרעדען.

לאַסאַל האָט דעם טומעל איינגעשטילט. ניט נאָר דער עולם איז שטיל געבליבען, נאָר דער מגיד כהנע אליין האָט ניט געוואוסט וואָס ער זאָל טאָן. וולאדעק איז אוועק איבער די היילינע ספרים און האָט פון זיי געבראַכט באַווייזען, אויף וואָס דער מגיד האָט ניט געהאַט וואָס צו ענטפערען, האָט, ער כהנע, זיך דערטראַכט צו איינס: ער האָט זיך אויפגעריסען דאָס העמד און ארויסגעשטעלט די נאַקעטע ברוסט זיינע, א געשריי טוענדיג: „נאַ שים מיך איך וועל פון מיין גאָט ניט אוועקגעהן".

דער עולם איז דערציטערט געוואָרען. דער מגיד כהנע האָט שוין ניט קיין אנדער מיטעל ווי אזוי צו ענטפערען, ווי הייסען זיך שיסען. וולאדעק האָט איהם אָבער געענטפערט: „איך בין אייך ניט געקומען שיסען, נאָר איבערצייגען און אויפקלערען די מאַסען וועגען דעם נייעם משיח: סאָציאַליזם".

דערמיט האָט זיך דער דיספוט פאַרענדיגט, און דער עולם איז אוועק אהיים.

וואָס אין שטאָט האָט זיך נאָך דעם געטאָן, איז זיך גאַנץ לייכט פאָרצושטעלען. אחוץ אַלעם, האָט פּאָליציי געשטערט, גע־פּאַרשט, ווער ס'האָט גערעדט, וואָס ס'איז אזעלכעס פאָרגעקומען אין בית־המדרש. זי האָט אָבער גאָרנישט געקאָנט צוריקכאַפּען.

אין מעזריטש איז וולאדעק'ס דיספוט מיט'ן מגיד כהנע פאַר־בליבען, ווי אַן אָנדענק פון א שעהנער סימפּאָניע.

אָרגאַניזאַציעס וועלכע האָבען זיך באַטייליגט
אין דעם 50 יאָהריגען יובילעאום פון
ב. ולאַדעק:

Socialist Party—New York
Workmen's Circle—General Executive Committee
Workmen's Circle—City Committee
Workmen's Circle—Branch 4
Forward Association
Jewish Socialist Verband
Jewish Labor Committee
"Ort" Federation
Naturalization Aid League

AMALGAMATED CLOTHING WORKERS OF AMERICA

General Executive Board
New York Joint Board
New York Joint Board Shirt Workers' Union
Coatmakers' Trade Board
Pantsmakers' Trade Board
Cutters' Union, Local 4
Local 10, A.C.W. of A.
Local 25, A.C.W. of A.
Vestmakers' Union, Local 32
Button Hole Makers' Union, Local 50
Local 63, A.C.W. of A.
Custom Tailors' Union, Local 162
United Neckwear Makers Union, Local 250

INTERNATIONAL LADIES' GARMENT WORKERS' UNION

General Executive Board
Joint Board Dressmakers' Union
Joint Board Cloak, Skirt & Reefer Makers' Union
Eastern Out of Town Department
Cloak & Suit Operators' Union, Local 1
Amalgamated Ladies' Garment Cutters' Union, Local 10
Reefer & Infant Coat Makers' Union, Local 17
Waterproof Garment Workers Union, Local 20
Dressmakers' Union, Local 22

Blouse & Waist Makers' Union, Local 25
Dress Pattern Makers' Union, Local 31
Corset & Brassiere Workers' Union, Local 32
Cloak & Suit Pressers' Union, Local 35
Ladies' Tailors' Custom Dressmakers' Union, Local 38
Dress & Waist Pressers' Union, Local 60
Whitegoods Workers' Union, Local 62
Bonnaz Embroiderers' Union, Local 66
Examiners' & Begraders' Union, Local 82
Italian Waist & Dressmakers' Union, Local 89
Children's Dress & Housedress Makers' Union, Local 91
Cloak, Dress Drivers' & Helpers' Union, Local 102
Ladies' Garment Alteration Workers' Union, Local 177
Ladies' Neckwear Workers' Union, Local 142
Ladies' Tailors' & Alteration Workers' Union, Local 177
Joint Council Knitgoods Workers' Union

Central Trades & Labor Council of Greater New York
Women's Trade Union League
United Hebrew Trades
Negro Labor Committee
Italian Labor Education Bureau
Cap & Millinery Dep't, United Hatters, Cap & Millinery Workers' Int'l Union
Cap Makers' Union, Local 1
Millinery Workers' Union, Local 24
Int'l. Fur Workers' Union
Int'l. Pocketbook Workers' Union
Hebrew Actors' Union
Hebrew American Typo. Union, No. 83
Mailers' Union, No. 6
Suitcase, Bag & Portfolio Makers' Union
Hebrew Chorus Union
Theatrical Doormen's Union, 14830
Bakery & Confectionery Workers' Union, Local 507
Milk Wagon Drivers, Chauffeurs & Helpers U., Local 584
Butchers' Union, Local 174
Mineral Water Workers' Union, Local 311
Paper Box Makers' Union
Motion Picture Machine Operators' Union, Local 306
Russian Bath Rubbers' Union

"A National Figure of Labor"

B. C. VLADECK is one of those gifted human beings who is both a Heine and a Lasalle—poet, orator, dreamer, with an innate practical business judgment that he has exercised in the service of his dreams—the cause of labor. His poetic feeling, his revolutionary ardor, and his firm grasp of the realities of the situation have aroused the admiration of all who know him.

I have known Vladeck for twenty years, and have had ample opportunity to see these qualities prove themselves. He has managed the most successful Jewish newspaper in the world. He founded the WEVD radio station, labor's voice on the air. Though a member of a closely knit organization, he has recognized no sects, and has generously given his services to many causes. A national figure of labor, a pioneer of socialism, an able interpreter of the ideals of the Jewish working people, Vladeck is a credit to his race and his class. We are proud of him!

Vladeck's charm and grace have won for him thousands of friends and admirers; and for the movement and its allied causes, a staunch champion. His devotion to the cause of labor and the underdog has made him an inspiration to all of us who know him. It is my hope that he may continue to serve for many years to come.

J. S. POTOFSKY

for the maintenance and preservation of human rights, entirely dissociated from any political interest, has given me an opportunity to admire his broad and embracing interest in humanity. He has been constantly in the forefront not only as a defender but as a promoter of the fundamental rights of all men.

This broad spirit he has demonstrated in his active and valuable service in numerous civic and philanthropic undertakings where his profound knowledge of human affairs, combined with rare wisdom, has exerted a persuasive influence in the councils in which he sat. His cogent reasoning and his sincere non-rhetorical eloquence, coupled with a sportsmanlike spirit, have been a valuable lesson to all those who have been associated with him. While maintaining his own political views and political faith, he has been eminently just in his respect for the views of those who differed with him politically, realizing that it was possible to reach the common goal and the common objective for the good of his fellow even though their political views and faith might differ from his. I extend to our esteemed friend, Mr. Vladeck, heartiest congratulations upon his birthday and the best wishes for many more years of healthful, vigorous and effective effort in his continuing labors for the welfare of his fellowmen.

SOL M. STROOCK

Vladeck I have watched his constant development. Although he came here as the representative of a specific group, he soon found himself part and parcel of every worthwhile endeavor.

He is liberal in thought and in action, and intensely human. It can be truthfully said of him that nothing human is strange to him.

Apart from his public activities, Mr. Vladeck is a loyal friend. I have known him as such. His fine personality creates confidence. He is always ready to help "a lame dog over the stile."

Mr. Vladeck deserves well of his co-workers. The thirty years he has spent in furthering the common welfare have been decades of fine achievement.

I hail B. Charney Vladeck, the humanitarian, the fighter, the friend. May the years to come furnish him further opportunity to realize his great desire—service to the underprivileged.

JOHN L. BERNSTEIN

"Promoter of the Rights of Man"

I FEEL that Mr. B. Charney Vladeck richly deserves the hearty commendation of his friends and associates and that the occasion of his fiftieth birthday is an appropriate occasion for them to make known to him their appreciation of him.

He has long been a loyal and distinguished exponent of social democracy and a determined fighter for the rights of labor. My own association with him in causes

"Humanitarian, Fighter, Friend"

IT AFFORDS me the utmost pleasure to associate myself with the countless friends of B. Charney Vladeck in this tribute on the occasion of the Fiftieth Anniversary of his birth.

I have known Mr. Vladeck practically from the first day he came to this country. He and I have labored together in several causes, and through these common efforts I have learned to admire him for his sterling qualities of mind and heart, and for his eagerness to render service to his fellowman. Whilst identified with a particular school of philosophy, Mr. Vladeck nevertheless evinces a breadth of view transcending the specific party with which he is identified and to which he has dedicated the greater part of his life.

I have sat with Mr. Vladeck at meetings of several boards of directors and committees, and especially at meetings of the Hebrew Sheltering and Immigrant Aid Society, known as HIAS, a member of whose Board he has been for very many years.

His close contact with the labor movement has been a source of strength to HIAS; he secured for the Society not only moral cooperation but material support as well.

I have had ample opportunity to know and appreciate Mr. Vladeck's efforts. He is no doctrinaire discussing affairs academically only. He is very much of a realist, keenly aware of things as they are. He discusses matters at hand from the point of view of practicality. In the years that it has been my pleasure to know Mr.

"A Believer Without Illusion"

I FIRST met Mr. Vladeck as one of his colleagues on the New York City Housing Authority. From its first meeting his friendly tang and inspiring inquiry have enlivened our gatherings. Very few people possess both wit and humor. But his penetrating wit is never divorced from human warmth and generosity.

With youthful ardor he expects what his judgment leads him to regard as far from immediate. He is a believer without illusion. I think it is this clarity that is his distinguishing mental gift. Without ever being taken in, he expects everything from life, and his passion is to make the best of life available to all.

Mr. Vladeck has great regard for detail. He always wants to know how everything works. The process interests him as much as the end.

He thinks of everything in human terms. And in housing, though every aspect of the problem interests him—credit, land, subsidy and structure, his major concern is always—how will the tenant react? Disposal of garbage, kitchen facilities, play space, he sees as vital elements in planning. There are many people who are so engrossed in the end that they fail to examine the means to that end. But Mr. Vladeck has as much flair for the practical as he has passion for the fulfilment of social hopes. That he has been a success in everything he understakes is no accident. For his brilliant mind has been set in a framework of solid sense. He is as canny as any New Englander arguing in a country store, but he is as determined to make his dreams come true as any other prophet of Israel.

MARY KINGSBURY SIMKHOVITCH

"As Upright As A Toledo Sword"

FROM the heart of the Jewish section in New York City, one sees rising an impressive structure, a ten-story building which houses the "Forward", the news beacon of the Jewish people. Its brilliantly illuminated sign "Forward" is visible miles and miles away.

When a Gentile says the "Forward", he invariably has in mind B. Charney Vladeck, its active and exceptionally able manager. It is Vladeck who supplies in the life of that newspaper the high idealism which is so essential to every great undertaking. His brilliant and vigorous mind, blended with his revolutionary past, has contributed greatly to the progress of this great Institution.

I came in contact with the "Forward" during my first year in America when I was involved in the general strike of the Men's Clothing Workers in New York, a strike that marked the beginning of the Amalgamated Clothing Workers of America. As soon as the strike acquired large proportions, Voila!—the "Forward" and its leaders came to our side, offering all its resources for the good cause!

In the last twenty years, Charney Vladeck has been connected with every workers' battle. Though a bit pragmatic in his ideas, he is as straightforward, upright and determined as a Toledo fencing sword.

In this world of today, where it is so easy to wander into vaporous generalities, when Democracy itself is in danger, when revision of our social methods and weapons is essential for a better approach toward the future, men of sound judgment and sterling character like B. Charney Vladeck are needed more than ever before.

My hat off to you, Comrade, on your glorious anniversary!

FRANK BELLANCA

tional organization with some fifty active affiliated local Labor Housing Committees, would never have been able to carry on had it not been for the aid and guidance of Mr. Vladeck. Vladeck has a great advantage over most of the other housing experts in that he is not interested in "housing for housing's sake". He sees that a housing movement either represents progress in the organization, education and power of labor and consumers—or it represents nothing. He does not merely want to use Labor to promote housing—he sees rather, that housing, properly administered, can be of inestimable advantage in bringing greater political and economic power to the labor movement.

Starting with very little background or technical knowledge of the architectural and planning side of housing, Vladeck has consistently displayed a remarkable combination of common sense and imagination in dealing with technical problems. Bathrooms and playgrounds and low rents are not enough. The completed project must look like something more than merely reformed and refurbished Bronx baroque. It must make a more positive contribution to modern urban environment than mere negative "good taste".

Mr. Vladeck has a keen appreciation of the possibilities inherent in large-scale non-profit housing, for the development of modern architecture and the use of new techniques in planning and layout and community equipment. Very few close students of European housing have brought back more or sounder inspiration to America than did Vladeck after his brief survey of housing in England, Holland and Czechoslovakia.

CATHERINE BAUER

pion par excellence of the cause of the European workers suffering under the yoke of Fascist dictatorships. This cause has been his greatest concern in latter years, and for what he has accomplished in this field, for what he has suggested, devised and carried out to help our fighting comrades abroad, we are all greatly indebted to him. We Italians, in particular, are anxious to let him know that our gratitude for his actions in this field are of everlasting worth.

As to his personal qualities, we must say in superlative terms that he is philosopher and educator, labor and political leader, newspaperman and model administrator, public servant and great citizen, inspiring orator and forceful writer. But to us, brighter than all these, shines the title, which goes to him by public acclaim, of **GREAT FIGHTER FOR LIBERTY.**

Many, many more years of life, dear Comrade and Friend, to devote to this noblest of all causes.

LUIGI ANTONINI

"Vladeck and the Housing Movement"

I KNOW Mr. Vladeck only indirectly in the various guises in which he is most familiar to the readers of this book—as a Socialist, as a journalist, as a great public figure in Jewish life, and as a labor leader. But I know him very well in his newest field of activity—as a member of the New York Housing Authority, and as one of the most intelligent and far-seeing leaders in the movement to provide better housing for American workers and their families.

The Labor Housing Conference, which is now a na-

"Expert in International Relationships"

THE opportunity to express my feelings in regard to Comrade B. C. Vladeck is a welcome one, indeed, for he is to me not only a great comrade, but an esteemed friend, whose advice and counsel I have often sought with great consideration.

In the family of the progressive labor movement Comrade Vladeck has risen to a position of moral leadership, having served the movement with all the resources of his gifted mind without taking an attitude of intellectual superiority, but striving always, instead, to understand the needs and the peculiar requirements of any particular problem and situation.

Comrade Vladeck is, perhaps, the only living person in the labor movement who, although an intellectual by educational and professional training, and therefore technically an outsider, has become an essential part of its activities. He is in fact our expert in many vital fields, particularly in the important one of international relationship.

Deeply rooted in his mind and heart, Vladeck's internationalism is the result of a logical process of thinking, and of the generous impulses of his heart. And so he has successfully blended into practical action the civic duties of wholesome, clean, intelligent patriotism with the noblest aspirations of international brotherhood.

Free in his mind, free in his soul, free from every form of prejudice which so often beclouds the vision of men, it was only natural that Vladeck should become the cham-

"Excellently Informed About Men and Facts"

AFTER my escape from the German concentration camp Orienburg, near Berlin, I prepared my lecture tours through eight European countries and throughout the United States. One of the first names I heard in connection with the anti-Nazi activity in the United States in which I wanted to take part was the name of B. Charney Vladeck, and I remember one sentence in one of the first letters I received from him while I still was in Prague. I did write to Vladeck explaining in detail who I was and giving some information about my experiences in Germany, and the answer of Vladeck was: "I know all about you and your activity"—this seemed to me significant after I made the personal acquaintance of B. Charney Vladeck. He is not only one of the most active fighters against the horrible Nazi barbarism but his activity is always based on being excellently informed about men and facts.

Since I am lecturing in the United States I have had many enjoyable occasions to cooperate with Vladeck. When I was on my nation-wide tour for the Labor Chest he organized my itinerary sponsored by the American Federation of Labor. He put me in touch with the necessary people, and I did not have the slightest difficulty as soon as I mentioned Vladeck as the man recommending me.

I am only too happy to join the congratulants of Mr. Vladeck, and I sincerely do hope to have the opportunity in the future to continue the successfully started cooperation.

GERHART H. SEGER

provide good homes and proper environment essential to the rearing of children in decency and comfort, and living standards which respect the dignity of working men and women.

Vladeck has conserved the social traditions of his revolutionary background in Russia, but added to them a practical idealism which life in America in a free democratic society has enabled him to express. He has seen the defects of an anti-social capitalist society as keenly as any Left-winger, but unlike some of them he has never sought a short-cut for fundamental changes which will discard those essential freedoms which are the heritage of true democracy,—freedom of speech, of assembly and thought.

No appraisal of Vladeck as a Jewish leader is complete without referring to the nice balance he always maintains between a national and international viewpoint. As a Socialist he realizes the interdependence of nation with nation and man with man. As a Jew he has never failed to emphasize our obligations to Jews wherever they live and have their being. Every breath he breathes is Jewish. His memories are Jewish. The vehicle of his dreams is Jewish, but to him the instruments for Jewish emancipation are not merely national, they are international and world-wide.

Vladeck refuses to ape the "Goyim" by advocating a narrow, militant and chauvinistic Jewish nationalism. Nor does he adopt as an alternative a flabby Jewish cosmopolitanism. He stands as a man and a Jew on a platform of international emancipation. To Vladeck the solution of the Jewish problem is inextricably bound up with the problems of civilization itself.

HENRY MOSKOWITZ

"Vision Plus Realism"

THE celebration of the 50th birthday of B. Charney Vladeck is an event of world-wide Jewish significance, for during this span of five decades Vladeck has touched Jewish life from many angles and in many lands. No one can occupy a position of such outstanding leadership as his has been without affecting Jewish life wherever Jewish hearts beat and the Jewish soul radiates its influence.

Vladeck combines a great capacity for vision with sensitive understanding of realities. He has the vision of the Hebrew and the shrewd judgment of the Jew. Vladeck has never given up his belief in Socialism. It is to him a religious ideal. I use the word, "religious", as a compelling force; a faith, a comprehensive intellectual concept which unifies for him the disjointed phenomena which flood into his consciousness. What has made Vladeck sc efficient a leader is just this capacity to maintain a general pholosophy which acts as a compass for the future and to work out a program of practical action in line with the realities of the day.

Recently Vladeck was appointed by Mayor LaGuardia a member of the Housing Authority of the City of New York. As Housing Commissioner, he has brought to his duties qualities of leadership of mind and of heart which have made him one of the most valuable individual influences in a fundamental practical movement to abolish slums and to substitute modern houses at reasonable rentals which lower income groups can afford to pay, to

"And, Mr. President", continued the Socialist leader, "when I consider the story of my life, I am inclined to feel prouder of the days and nights I spent in a Siberian cell because of my fight for the working people, than the time I spend on the floor of this City Hall with things like that".

The Tammany mouthpiece was effectively silenced. My own enthusiasm over Comrade Vladeck's triumph became so uncontrollable that I clapped my hands loud and long. Needless to say, I was rewarded by the Sergeant-at-arms escorting me from the Chamber. With a heart heaving high with pride, I willingly accompanied my escort. For once again a Socialist "David" had destroyed a bigoted "politico-economic Goliath" with the slingshot of logic, satire and Socialist pride.

Fifty years in a world of capitalism with its greed, hate, war, race prejudice and poverty, is, ordinarily, a pretty long time. But when most of those years have been spent in the selfless service of Socialism and labor, then those years seem like but a day, each moment of which is rich and fresh with the soul-sweetening sense of having served in a cause that will some day triumph over every foe.

Toward this final victory of labor over its exploiters and detractors, B. Charney Vladeck has contributed much. May he live long. And may each passing tomorrow hasten the day when Socialism will reconquer the world and dedicate it to peace, plenty and freedom for all who usefully serve society.

Comrade Vladeck! On the occasion of your 50th anniversary, I felicitate you in behalf of organized Negro labor and hail you in the grand and glorious comradeship of our Common Cause. Here is my hand, in it I hold my Socialist heart.

FRANK R. CROSSWAITH

